STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07493

OYG OYF OYG

Arn Vergelis

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אויג אויף אויג

אהרן ווערגעליס

אויג אויף אויג

לידער און פּאָעמעס

איקוף פֿאַרלאַג

1969

OIG OIF OIG

(Eye To Eye)

By AARON VERGELIS

Copyright

YIDDISHER KULTUR FARBAND (YKUF)

NEW YORK,

363

1. אָנהייב

דער מענטש

דער מענטש איז פון זיין שטוב אַרויס —
און האָט דערזען לעם זיך די וועלט.
דאָס גרעזל — קליין,
דער צעדער — גרויס,
דאָס אייזל — וויינט,
דער פילין — קוועלט,
און אַלץ ארום איז פול מיט זין,
און ניט געצוואונגען ס׳לעבן גייט —
עס רוט דער אָקס,
עס טוט די בין,
און יעדער אויף זיין אָרט זיך פרייט.

און אַלע זיי,
און אַלץ אַרום —
די גאַנצע וועלט,
סיי גרויס, סיי קליין:
דער בורונדוק, די בין, די בלום,
די פּאַווע, וואָס איז מלא חן,

דער שטומער מלאך
און דער שד,
וואָס רעדט און רעדט און רעדט און רעדט,
דער אָדלער, וועלכער לעבט אַ סך,
די פלעדערמויז, וואָס לעבט ביינאַכט, —
זיי כאַפּן אויף זיך, ווי פון שלאָף,
און פאַר דעם מענטשן בלייבן שטיין,
און ווערן שטיל און ווייך, ווי שאָף:
— דער מענטש איז שיין...
— דער מענטש איז שיין...

מיט וואָס איז שיין דער מענטש? מיט וואָס?
מיט זיך אַליין? אוודאי. שיין.
ער האָט אין זיך אָט יענע מאָס,
וואָס נעמט צוריק די שאַרפע ציין
און שטעלט ארויס
פאָראויס
דאָס אויג,
דעם קלוגן קוק, די האַנט, וואָס ווייסט
ווען זיין אַ צוואַנג, ווען זיין אַ טרייסט...

אַך, ווי ס'איז שיין דעם מענטשס גשטאַלט:
דער הויכער קאָפּ, וואָס ער אַנטבלויזט,
דאָס ווייסע לייב, וואָס ער באַהאַלט,
די קליידער, וואָס ער קלייבט זיך אויס...
אַלץ אויסגעלייטערט איז אין אים,
און אַלץ אין אים די וועלט אַנטציקט:
די דינע סטרונעס אין זיין שטים,
די טויזנט זונען אין זיין בליק...

און דאָך —
איז ניט אין דעם זיין ווערט,
ווייל גוט געמאכט איז ניט נאָר ער,
און שיין
איז ניט נאָר ער אליין.
מיט וואָס פאַרדינט ער לויב ? מיט וואָס ?

ער איז א גוטער באלעבאָס...
ער שטעלט אריין א טאפליע דאָרט,
וואו די נאַטור האָט ניט צעטיילט
פאַר אַרבעט און פאַר רו דאָס אָרט.
ער האָט פאַרהאקט פאַר זיך די הייל,
ווייל די נאַטור האָט זי געשטעלט
צו־טיף פאַרגראָבן פון דער וועלט,
צו־ווייט פאַרטריבן פון אַ פעלד...

און אַלעמאָל, אין יעדן פאל,
ער ווייסט, וואָס טאָן מען דאַרף,
און טוט —
דאָס פי אויף נאַכט פאַרטרייבט אין שטאַל
מיט „נאַ ! אַהיים !...",
צי מיט אַ רוט ;
די קווייטן ווייזט ער זייער אָרט
און קלייבט אַפילו אָפּ דעם סאָרט,
און ניט פאַר קווייטן ס'פעלד — פאַר ברויט,
און אַרום פעלד זיין היים ער בויט :
די ווענט, די פריזבעס,
אויך א פלויט

דאָרט, וואו מען דאַרף, שטעלט אויף,
און אויך
בית־עלמינס שטעלן קלעקט אים כוח...

ער איז אַ גוטער באַלעבאָס.
און ניט נאָר דאָס,
ניין, ניט נאָר דאָס...
זיין וועג געפּערלעך איז און שווער, —
דעם מענטש האָט קיינער ניט געקרוינט,
ס'האָט קיינער ניט באַלוינט זיין טרער
און אויך זיין שמייכל ניט געשווינט, —
און ער — געגאַנגען און געווען,
און ער — וועט גיין,
און ער — וועט זיין:
די הענט צו שווערער מי געווענדט
און גוט באַוואָרנט מיט כלי־זיין.

און ווען ער גייט פון שטוב אַרויס,
איז אַלע — אַל
און אַלץ אַרום,
די גאנצע וועלט —
סיי קליין, סיי גרויס:
דער בורונדוק, די בין, די בלום,
דער שטומער מלאך
און דער שד,
וואָס רעדט און רעדט און רעדט,
דער אָדלער, וועלכער לעבט אַ סך,
די פלעדערמויז, וואָס לעבט ביינאַכט, —

זיי כאַפּן אויף זיך, ווי פֿון שלאָף,
און פֿאַר דעם מענטשן בלייבן שטיין,
און ווערן שטיל און ווייך, ווי שאָף:
— דער מענטש איז שיין!
— דער מענטש איז שיין!

1959

געבאָרן אין דער טייגע

דער ערשטער ייד, וואָס איז געבאָרן אין דער טייגע,
איז אַלט שוין צוואנציק יאָר. נאָך גאָר אַ פּיצל קינד,
ער פלעגט ניט שרעקן זיך אין ווילדן וואַלד אַריינגיין,
ווי ס'האָט ניט מורא שטיין אַ סטעפּ־קינד אפן ווינט.
ער איז געווען געראָטן אין אַ יונגן צעדער,
וואָס ניט געבראַכט מ'האָט אים פון ווייטסטער ווייט אַהער,
נאָר ער איז אויפגעגאנגען אף דער ערד דער פעטער,
און פון אַ היגן נוס זיך אויסגעפּיקט האָט ער.

צי ווייל עס האָט דאָס קינד שוין ניט געוואוסט פון וואנדער,
צי ווייל ער איז געווען פון איבערוואַנדערער אַ קינד,
איין היים האָט ער געקענט — אָט די, און ניט קיין אַנדערע,
און זי געליבט,ווי ס'ליבט אַ סטעפּ־ייִנגל דעם ווינט.
דאָ האָט ער זיך געשפּילט, געפּאָקט דאָ און געמאָזלט,
בא דעם בערעזע־שטאָם געגאַשט די רויע קראַפּט,
פאַר אים די ערד געשפּרייט האָט וויקעלעך פון גראָזן
און צו זיין מאַמעס מילך האָט צוגעמישט איר זאַפט.

די טייגע איז געווען אויך זיין גוטע באָבעשי —
מיט טערפּקייט אים געשטארקט די מילכיק־ווייסע ציין,
און אַלע אינדערפרי אַ צווייגל, פול מיט טראָפּן־שיין,
זי פלעגט אים אויסשטרעקן און טריי אים העלפן גיין.
געווען פאַר אים דער וואַלד איז פול מיט פאַרגעניגן :
דאָס זיידנס פון דער בלאַט, די פאַלדן אין דער קרוין,

פון נעסט די טונקלקייט, וואו עס פּאַרציט אַ ניוון
אַ מזיק, פּונקט ווי ער, אַ פויגלשער פּאַרשוין.

ביים פלי פון דעם פאַזאַן, ביים שווערן שפּרונג פון בערן
ער האָט געשפּאָרט פאַר זיך דעם פלאַטער און דעם שוואונג.
און בלייבן אייביק יונג דאָס קינד האָט זיך געלערנט
ביים וואַלד, וואָס איז געווען סיי אַלט אַזוי סיי יונג.
ווען ס'האָט געפעלט אים רו — אין טאָל ער פלעגט אַראָפּגיין,
ווען ס'האָט געפעלט אים דראַנג — באַם יאָג־טייך זיך געשטעלט.
ווען רוים האָט אים פאַרפעלט — געשטיגן אויף דער סאָפּקע,
ווען ס'האָט געפעלט אים רחבות — פריי אַרויס אין פעלד.

זיין שטוב — געראַם און ניי, אַרויסגעהאַקט פון וואַלד ערשט,
מיט האָניק און מיט זאַפט געשמעקט די סאָסנע־וואַנט.
דאָס גאַנצע הויזגעזינד דיביימער האָט געוואַלגערט,
און ער — אַ קינד — האָט אויך דאַן צוגעלייגט אַ האַנט.
און איצט איז ער יונג — די פּלייצעס ברייט צעוואַקסן,
אויף אָפענעם געזיכט צעגאָסן ליגט דאָס גליק,
דאָס לייב פאַרברוינט פון זון, די האָר צעקעמט פון שלאַקסן,
אַ הירש — אין זיינע פיס, אַן אָדלער — אין זיין בליק.

און ווייל עס האָט דער יונג שוין ניט געוואוסט פון וואַנדער,
און ווייל ער איז פון גאָר דעם גרויסן לאנד אַ קינד —
ער האָט זי ליב, זיין היים, מיט אַלץ און מיטאנאנדער:
די טייכן און די בערג, די וועלדער און דעם ווינט.
דו טו א קוק אף אים, און זאָל ער דיר אַ טרייסט זיין,
אין אויג אים קוק אריין, און ס'וועט דיר ווערן קלאָר:
דאָס האָבן מאמעס יידישע אין לאַנד פון נייעם בראשית
דעם פאָלק געשענקט א דור — ביראָבידזשאנער דור!

1957

מיר זיינען דורכגעגאַנגען

מיר זיינען דורכגעגאַנגען היצן און טייפונען
מיט א געבאָט — געמאָלדן אין דער וועלט:
ווילסט טרינקען וואַסער — גראָב אַליין דעם ברונעם,
ווילסט עסן ברויט — פאַרזיי אליין דאָס פעלד!

און דאָס געבאָט — מיט הארבער מי געלייטערט,
מיר האָבן אויסגעהאַקט אויף זיך ווי אויף אַ שטיין:
ווילסט ליכט און ווארעמקייט — צינד אָן אליין דעם שייטער,
און ווילסטו היימלעכקייט, איז בוי אַליין דיין היים!

1939

פרילינג אין מיין קאַנט

בא יעדן טייך, אף יעדן ברעג,
אין יעדער שטאָט, אף יעדן ראָג
טרעפט, אַז עס קומט צו גיין דער טאָג,
ווען ס'איז די נאכט נאָך ניט אוועק.
דאן ווערט די וועלט צעטיילט אף צוויי:
איין טייל נאָך שלאָפט, די צווייטע וואכט,
ס'איז אויפן מערב שטיל און נאַכט,
און ווי אַ פאקעל אינעם שניי
גייט אויף די זון אויף מזרח־ראַנד —
ס'איז פרילינג אין ביראָבידזשאן.

עס כאפט אין וואלד א וואָלף זיך אוף.
ער ציט זיך אויס מיט שלאנקן גוף,
ער גיט א יאָג זיך צו דעם טאָל —
די לופט איז דאָרטן ווי קרישטאָל,
דער שניי מישט אויס זיך מיטן רוים,
אין פלאם פון זון ברענט יעדער בוים...
סע הייבט דער וואָלף דאן אָן צו וואָיען,
דערהערט די גאָרע וועלט זיין רוף,
און אינם הימל אינעם בלויען
דער ערשטער פויגל הייבט זיך אוף.

מיט שטילן פלאַטער פון די פליגל
ער לעשט די לעצטע שטערן אויס,
און חיות קאָנען מער ניט ליגן
און קריכן אויף דער שיין אַרויס.

סע שטארבט דאָס אייז, און טראַפּנס פאלן...
אַ האָז מאַכט גריבלעך מיט די פיס —
זיי פילן אָן זיך גלייך מיט שטראַלן,
און ס׳גיט דער שניי זיך אַ צעגיס,
און ריטשקעלעך אַן אָרט זיך מאכן,
פון צווייגן טריפט, פון שטאַמען טריפט.
אַ פויגל אינעם הימל שטיפט,
א ווערווערקע נעמט שנעל זיך דרייען,
א ווילדע ציג זוכט אָפּ א קוואל,
וואָס איז געווען פאַרדעקט מיט שנייען.
אַ סויבל שפּילט זיך מיט א שטראל...

באם ברעג פון וואלד וואכט אוף דער כוטער,
עס גייט פון שטוב אַרויס א מוטער,
וואָס דריקט צום הארצן צו אַ קינד.
עס קוקט, דאָס קינד, עס איז פאַרקלערט,
אין אויגן קלאָרע שפּילט די זון זיך,
און זי, די זון, איז שוין אַ רונדע,
זי קוקט פארחידושט אף דער ערד,
און ס׳שפּירט דאָס קינד איר נאָך מיט וואונדער.

און היימלעכער אין ישוב ווערט,
ס׳צעעפענען זיך טיר־און־לאָדן,
ווען יעגער קומען אָן אַהער
מיט שפּע וואלדישער באלאָדן.
אַ ייד, אַ יעגער, אַ טונגוס,
אן אוקראינער און אַ רוס —
זיי האָבן זיך אין קאנט דערקענט,

אף זיי זיך שפּרייטן הימלען ריינע...
איין יעגער נעמט דאָס קינד דאָס קליינע
און וויגט עס אף די שטאַרקע הענט.
ער זינגט אַ ליד די בערג, די טייכן,
דעם קאַנט, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן,
דער יונגער מוטער און דעם קינד,
דער זון, די חיות און דעם ווינט.

עס זינגט אים נאָך די ערד, די רוימען,
דער וואָלף לייגט צו זיך ביי אַ בוים...
די פייגל אין די וועלדער שטוינען,
און ס'קוועלט אַזויפיל ליכט אין רוים,
אַז ס'קאָן דאָס אויג זיין אָפּן קוים,
און ס'וויל דאָס ליכט דאָס אויג ניט שוינען...

...בא יעדן טייך, אף יעדן ברעג,
אין יעדער שטאָט, אף יעדן ראָג
טרעפט, אַז עס קומט צו גיין דער טאָג,
ווען ס'איז די נאַכט נאָך ניט אַוועק,
דאַן ווערט מיט זון פאַרפולט דער הימל,
און ס'לעשט זיך אויס זיין בלייכער ראַנד,
און וועלדער שטייען אויף פון דרימל,
אַ מענטש אַ מענטשן דריקט די האַנט —
ס'איז פרילינג אין ביראָבידזשאַן!

1937

איר האָט נאָך, קינדער, ניט געזען?

איר האָט נאָך, קינדער, ניט געזען דעם בירע־טייך?
אין שיינקייט איז ער מיטן דניעפּער גלייך,
און פליסן פליסט ער פונעם דניעפּער שנעלער.

מאַכט זיך אַמאָל אַן אויפדערנאַכט אַ העלער,
איז ווייסט איר, ווי די בירע זעט דאַן אויס?
אַיי, איז זי גרויס!
אַיי, איז זי ברייט!
זי יאָגט אַזוי פאַרטראַכטערהייט,
און אַלע ביימער קוקן פון איר נאַסע,
אַליין דער הימל טוקט זיך אין איר וואַסער.

איר האָט נאָך, קינדער, ניט געזען דעם קליין־כינגאַן?
אף זיינע סאָפּקעס וואוינט דער בער און דער פאַזאַן,
און בלוי איז ער, ווי הימל נאָך אַ רעגן.

מאכט זיך אמאָל, דער טייך פארגיסט די ברעגן,
איז ווייסט איר, ווי כינגאַן איז דעמאָלט שיין?
ער שטייט אליין
און רייצט זיך מיט די וועלן,
און אויב דעם טייך איז עס ניט שטאַרק געפעלן,
דאַן נעמט דער באַרג און וואַרפט אַראָפּ אַ שטיין.
סע הייסט:

— איך בין אַ בארג,
און דו מעגסט ווייטער גיין !..

איר האָט נאָך, קינדער, ניט געזען דעם טייגע־וואלד ?
געדיכט איז ער !
אַ בוים אַ שווערער פאַלט,
און ווילדע הירשן יאָגן צו א קוואל.

פאַרנאַכט צינדט אָן אין טייגע זיך אַ שטראַל,
איז ווייסט איר, ווי עס זעט דאן אויס דאָס גראָז ?
ס'איז ראָז,
ס'איז דין.
און געלע בלעטער ווערן ווידער גרין.

איר האָט נאָך, קינדער, ניט געזען ביראָבידזשאַן,
מיט בירע און כינגאַן,
מיט טייגע, וועלכע איז נאָך ווילד אַצינדער ?

אַיי, איז דאָרט הויך דער הימל, קינדער !
און ווייסט איר, וויפל רייכקייט ס'האָט דער קאַנט ?

— ניט מעסטן מיט דער האַנט,
— ניט ציילן אף די פינגער,
— ניט אַלץ אריינצושטעלן אין יאָט דער־אָ ליד,
ס'איז קוילן,
ס'איז גראניט,

ס'איז מאַרמאָר, תבואות, רויזן,
דער וואַלד, די טייכן, וועלכע ברויזן,
פּיכטא און צעדער וואַקסט אויף יעדן שפּאַן —
אַזוי איז, קינדער, רייך דאָס לאַנד ביראָבידזשאַן.

1936

ה י י ם

א.

ווען כ'האָב זיך אָפּגעשטעלט אין וואלד, אַ מידער גייער,
האָב איך געזען:
ניטאָ אפילו דאָ קיין אָרט פאַר שנייען...
סע שטרעקן דעמבן צו בעריאָזעס אויס די הענט —
זיי גארן צונעמען די רוימען זייערע.
דעם שארפן שטיין אין הארטער ערד פאַרקלאמערט,
א בערגל אף א בערגל קלעטערס —
און אַלץ זיך בעט, אַז ווערן זאָל גראמער.

ווען כ'האָב זיך אָפּגעשטעלט אין וואַלד, אַ מידער גייער,
האָב איך געהערט:
פון פייגל ווילד־דערשראָקענע געשרייען,
דאָס וואָיען פונעם אויפגעוועקטן בער,
און דעם איזיובערס ברומען,
און אַלץ האָט אָנגעזאָגט:
— ער איז געקומען...

כ'בין צוגעגאַנגען צו דעם גרעבסטן שטאַם
און אויסגעקריצט אויף אים מיט אותיות קרומע:
— א י ך ב י ן ג ע ק ו מ ע ן !

1934

ב.

אַ וואונדערלעכע נאַכט אַצינד, מיין טייערע,
דער הימל איבער אונדז איז ווי בורשטין.
אָט לעשן זיך אין הייזעלעך די פייערן
און צינדן אָן זיך אין די רוימען גרין

די סאָפּקע, ווי אַ היילן־הירש אַ לויטערער,
איז צוגעלאָפן טרינקען צו דעם טייך,
האָט זיך אַ כוואַליע אויפגעריסן מורא׳דיק
און שווימענדיק זיך אָפּגעטראָגן גלייך...

א וואונדערלעכע נאכט אצינד, מיין טייערע.
דער הימל איבער אונדז איז ווי בורשטין,
די ווייט איז אַ באַשפּרענקלטע מיט פייערן,
זיי רופן אונדז, זיי רופן אונדז — וואוהין ?..

פארגליווערט שטייען דאָרט די דינסטעביימעלעך,
און צווייגעלעך נאָר סוד׳ן זיך אויף זיי,
אָט הער זיך איין, מיין טייערע, זיי רוימען דאָך:
„ס׳וועט פאַלן באַלד אַ זילבערדיקער שניי...״

1933

ג.

מירן שפּעטער די חתונה פראַוועו,
אפשר דאָרט, אין דער שטאָט, אויבנאָן...

זאָג, פאַרוואָס האָבן אדם און חוה
ניט געוואוסט, אז זיי הייבן ערשט אָן ?...

הער זיך צו — אין די וויטן, דערקענסטו,
קלינגען טענער פון אָנקום און טראָט,
ס'קומען מענטשן, וואָס מירן זיי בענטשן
און זיי אָנווייזן ס'אָרט פאַר אַ שטאָט.

בייג זיך אָן — ווערסט דעם אָנקום דערהערן,
ס'איז די צוקונפט פאַר אונדז דאָך א וואָר —
ווי די גרויסקייט פון קליינינקע שטערן
איז פאַר מענטשן פארשטענדלעך און קלאָר...

מען וועט שמועסן אין שטאָט דער צעשטראַלטער,
אין דער שטאָט, וואָס איך זע זי שוין גרויס,
אַז אָט דאָרט, וואו עס פינקלען אַספאַלטן,
האָט א ליבע אין טייגע געברויזט...

1936

ד.

נו, טיי אַ קענדעלע!
איך דאַרף קיין שייטער ניט,
דער וואַלד אַ שייטער איז — ער ברענט, ער ברענט.
די פלאמען רייסן פונעם וואַלד די נאכט־קליידער
מיט ריזיק שפּיציקע, מיט ווייסע הענט.

נו, טיי אַ קענדעלע!
וואָס איז מיר גוט אַזוי? —

עס איז פֿאַרביי עפּעס, ס'ווערט עפּעס ניי...
נאָך יאָרן פֿינצטערניש, נאָך יאָרן וויסטעניש
שפּאַצירט דאָס ליכט אצינדער פֿראַנק־און־פֿריי!

איך שרעק פֿאַר פֿלאַם זיך ניט, איך זינג אַ פֿלאַמען־ליד.
נו, טיי אַ קענדעלע
גיס אָן, מיין פֿריינט!
מיר דוכט: די שריפֿה־שיין האָט זיך אין הייזעלעך
אויף טישן ציכטיקע מיט רו צעשיינט...

די פֿלאַמען הוליען נאָך, די פֿלאַמען מיינען דאָך,
אַז זייער יום־טוב וועט דאָ ניט פֿאַרגיין,
...איך זיד אַ קענדל אויף, און ס'פֿייער בריט מיך ניט,
און ס'פֿייער העלפֿט מיר נאָר צו זידן טיי.

ה.

כ'האָב זיך פֿאַרבענקט אין פֿרילינג נאָך א שניי, —
מיט שטילער פֿרייד דעם סאָד האָב איך באַטראַכטן,
צעוויגט אַ צווייג. דעם צוויט האָב איך צעווייט,
און ס'האָט א שניי אף דעם כינגאן געשאָטן...

כ'האָב זיך פֿאַרבענקט אין ווינטער־צייט נאָך צוויט, —
אַליין אריין בין איך אין סאָד אין ווייסן,
געזען: דער שניי פֿון צווייגן שיט און שיט,
ווי עמעץ וואַלט די קווייטן פֿון זיי רייסן...

אין ווילדערניש איך זע די פֿרוכט אף בוים,
כאָטש קיינמאָל כ'האָב דעם סאָד נאָך ניט באַטראַכטן...
ס'איז פֿאַר א טרוימער גאָרנישט ניט פֿארבאָטן,
פֿון אַלץ פֿארזוכט ער, וואָס ער זעט אין טרוים!

1938

ו.

שטילקייט און שווייגן און ווייטע געשפּרעכן,
און איך — אין אַ מיטן פֿאַרוואָרפֿן איך שטיי,
ווען איך וואָלט קאָנען די שטאַמען צעברעכן,
וואָלט איך געקוויקט זיך מיט זייער געשריי.

מורא און אומעט באַהאַלט אָט דאָס שווייגן,
גלייך ווי מיט פּחד איך ווער דאָ געפּרוּווט,
זאָל כאָטש אַ חיה דאָ נאָענט פֿאַרבייגיין,
זאָל כאָטש אַ פֿויגל צעשניידן די לופֿט.

לבֿנהיקע בערג, העל־באַזילבערטע טאַצן,
טראָגן, ווי סודות, די וועלדער צום פֿליִען,
זאָל כאָטש אַ שטערן אין הימל היינט פּלאַצן,
זאָל די לבֿנה כאָטש אויפֿהערן גיין!

כ'מאַך צו די אויגן, און מענטשן מיט זעגן,
שטאַרקע און מונטערע, שווימען אַרויס —
און עס צעווירעט דער וואַלד זיך מיט וועגן,
און עס צעווינקט זיך מיט פֿענצטער אַ הויז...

1934

ז.

האָבן וואַסערן אין שטילקייט זיך פֿאַרוויגט,
אַזאַ רואיקייט האָט וואַסערן באַטראָטן,
פֿליִען שוועלבעלעך פֿון יענער זייט צוריק,
זוכן, שטילינקע, אויף נאַכטלעגער אַ שאָטן.

די לבנה, דאַכט זיך, גייט דאָרט אויף געפּאַנג,
זוכט אין טיפעניש און קאָן אַלץ ניט געפינען,
שטעלט זי אָפּ איר הויכן, שטילן גאַנג
און איז גרייט אַף טראָפּנדלעך צערינען.
זי וועט שטיין אַזוי מסתמא לאַנג —
ביז אין טייגע וועט שוין קומען דער באגינען.

יעדע ווילע ציטערט אויף אַ בוים,
גלייך מע וואָלט אים אָדערן געצויגן,
און די בירע פּליסט אַ רואיקע אין רוים,
ווי אַ לויטערער, אַ זילבערדיקער בויגן.
ס׳כאַפּט זיך אויף אַ פויגל פון זיין טרוים
מיט צוויי שוואַרצע קיילעכדיקע אויגן.

און אָט גיט א כוואליע זיך א צי
צו דער הויכער שטערנדיקער בלענדשאפט —
דאָס שיקט אָפּ דער בירע־טייך זיין בענקשאפט
נאָכן לאַנג געגאַרטן אינדערפרי.

1935

ח.

דער קלאָרער שניי, ווען ער איז ווייס ווי שוים
און וויט צעשפּרייט, — וואָס איז דען פון אים שענער?
עס פאַרבט זיך אויס אין זיין קאָליר דער רוים,
און קליינע שטערנדלעך אין הימל ווערן קלענער.

דער וואַלד ווערט גרוי, מע זעט ניט קיין פּאַזאַן,
און צווייגלעך פּראָסטיקע דאָרט גליווערן ווי טראָפּנס.
ס'איז שטיל. ס'איז קאַלט. עס ליגט בירעבידזשאַן
מיט ווייסע פּייערן אויף שנייאיקן צוקאָפּנס.

איך בין אַליין, איך זוך אַן אַלטן פּלויט.
איך זוך דאָס דערפעלע, וואָס ניורעט זיך אין דרימל.
...דער שניי איז ווייס, און די לבנה — רויט,
און ווי דער ים איז בלוי דער הויכער הימל.

א שטערן פּלאַצט. זיין העלקייט גיסט זיך אויס
אויף שלאַנקע מויערן מיט זילבערדיקע דעכער.
איך זע די גאַס: זי איז שוין ברייט און גרויס
און וואָס א טאָג ווערט זי אַלץ שענער, העכער.

אַנטקעגן מיר — אַ גרויס געביי, אַ ריז.
איך שטעל זיך אָפּ. געדאַנקען קומען ווידער:
ס'וועט זיין אַ שטאָט — נאָך גרעסער ווי זי איז,
אַ שיינע שטאָט — אויף יוגנט און אויף לידער!

1936

ט.

איך פיל ניט ווי איך וואַקס, כ'דערזע, אַז איך בין העכער,
איך רים דעם שטאַרקן כוח, וואָס צו דער הויך מיך ציט,

וואָס כאָוועט אויס מיין וואוקס, וואָס כאָוועט אויס מיין ליד,
צעברעכט אין מיר דעם גליווער, מיך אַליין צעברעכט ניט,
נאָר צו דעם הימל ציט.

פארוואָרצלט איז דער בוים — איך בין דעם בוים מקנא,
איך רים דעם שטאַרקן כוח, וואָס האַלט מיך אויף דער ערד,
וואָס בענטשט מיין וואוקס מיט קראפט, מיין טראָט מאכט
וואָגיק־שווער,
וואָס גליקלעך מאכט די ערד, אף וועלכער כ׳בין געשטאַנען,
און מיך פילט אָן מיט גליק, וואָס איך באַטרעט די ערד.

1938

י.

אין א וויוגע, אין אַ ווילדער נאכט,
ווען דער ווינט רייסט שטערן אויס פון רוימען,
איז אַ יעדער וואַנדערער פאַרטראַכט —
העלע שויבן זעט ער אין די טרוימען.
ס׳טוט אים וויי, וואָס הייכן זיינען בלינד,
יעדער קלאַנג איז שוואַכער איצט און ווייטער.
דאַכט זיך אים, ער זעט ערגעץ אַ שייטער,
נאָר פון אויג קלאפט פונקען אויס דער ווינט...

דעמאָלט וואַקסט ביים וואַנדערער דער וויי,
און דער צאָרן לאָזט אים שוין ניט דרימלען,
ער איז גרייט איצט אויפהייבן דעם שניי
און צוריק אים וואַרפן אין די הימלען!

גייט דער מענטש.
סע שווינדלט, עס איז שפּעט,
מיט די הענט פאַרשטעלט ער זיך דאָס פּנים.
ביז אין ווייט אַ פייער ער דערזעט,
ווי אַ פיש פון וואַסער — די לבנה.

לויב דעם מענטש !
זיין לייכט־שטערן געווען
איז אין האַרץ אין אייגענעם פאַרבאָרגן,
און דערפאַר האָט ער די שיין דערוואָרבן —
זאָל זיך שפּרייטן אין דער וועלט זיין שם !

1937

צווישן צוויי סטיכיעס

1

צום ערשטן מאָל האָב איך אַ וואַלד־שריפה דערזען,
זי האָט פון טאָל אַרויסגעריסן זיך און הויך געשטיגן —
ווי ס׳וואָלט אַ גרויסער פלאַם־פויגל פון יעגערס הענט
אַרויסגעריסן זיינע רויטע פליגל.
איך בין געשטאַנען אַפן בארג. אנטלאָפן איז דער הייל־הירש.
דער הירש געטראָגן האָט צום קוואַל זיין דאָרשט און זיין דערשרעק.
נאָר ס׳האָט דער טאָל געשטעלט זיך אים אין וועג,
אַ פלאַם האָט אים באַגעגנט און מיט חשק אים באַלעקט,
ווי ס׳וואָלט דער הירש געווען אַ קוואַל, און אָט דער פלאַם —
א הייל־הירש.

2

איך האָב דערזען: די שריפה קלעטערט אפן בארג!
די גאָרע וועלט איז פאַר דעם פייער אָפן...
און וואָס איז דען די שרעק? זי הילט דיך איין און ווארגט,
זי רייסט דיך אויף פון אָרט — איך בין אנטלאָפן!...
איך בין געלאָפן לאַנג, געיאָגט פון באַרג פון יענעם.
און וואָס איז דען אַ מענטש, ווען פלאַם ארום אים שטייגט? —
ניט שטאַרקער פון אַ הירש, ניט העכער פון אַ צווייג,
די וועלט איז פאַר אים ענג, די רחבות איז אַ שטייג.
און וואו ער זאָל ניט לויפן — וואַרט אויף אים אַ גהינום...

איך בין געלאָפן לאַנג. דער הימל האָט געברענט שוין.
פון זייטן דריי העל־רויט, די פערטע האָט געטאָגט...
און פלוצים — פון דער זייט, וואוהין איך האָב געיאָגט,
צום פייער לויפן ווילד איך האָב דערזען א מענטשן.
אָט איז ער! אָט בין איך! — די בליקן זיך צעקרייצן:
„צוריק! צוריק!" — ער שרייט — „דאָרט איז פאַרפלייצונג!
אמור האָט זיך צעגאָסן... גיי איצט פרואוו אים צאַמען..."
בין איך געבליבן צווישן וואסערן און פלאמען...
דאָס פייער יאָגט מיך אָן, דאָס וואַסער ביז די לענדן!
וואָס קאָן א מענטש דאָ טאָן? וואוהין זאָל איך זיך ווענדן?

3

איז גוט, וואָס נאָך איין מענטש געטראָפן האָט אַהער...
(די שרעק, וואָס קוקט אויף גרויל, אין גלייכגילט גייט אַריבער).
איך שטעל דעם מענטשן אָפּ, צי כ'זאָג אים, צי איך קלער:
„אויב שריפה־פלאם פאַרלענדט, דעם וואסער גיב זיך איבער.
דאָס וואסער לעשט דעם פלאם, אין וואַסער איז די רעטונג!"
נאָר ס'הערט מיך ניט דער מענטש. ער לאָזט זיך גלייך צום טאָל,
ער קאָן שוין מער, דער מענטש, דעם פלאָם ניט איבערטרעטן,
איך זע ניט מער זיין גרויל, איך הער ניט מער זיין קול.
כ'בין ווידער איין־אַליין. א כוואליע יאָגט אַריבער.
זי נעמט ארום מיט קעלט, זי אָטעמט אויס א הויך.
דעם אָטעם איבערכאפן — סטייען זאָל נאָר כוח!
אַ כוואַליע טוט אַ גלעט — און דער אַמור ווערט ליבער...
איצט לעשט ער, דער אמור, מיט אַלץ, וואָס ער פאַרמאָגט,
מיט שטראָמען, וועלכע קאָנען פעלדזן־בערג צערוקן,
אַ האַלב־פאַרברענטן וואַלד ער נעמט זיך אויפן רוקן,

און הירשן צוגעסמאליעטע, דערשראָקענע ער טראָגט.
און אָט שטעלט ער זיך אָפּ. די פונקען פאַלן, טייען.
ווערט ווידעראמאָל שטיל. מע הערט, ווי פייגל שרייען...

4

...אף בארג איך בין ארוף, אף שוימיק־בלויער הייך,
אַ קוק געטאָן אין טאָל — דאָרט איז דער מענטש געלעגן
פארקוילט, לעם אים — דער הירש. פון שווארצע וואָלקנס רויך
געסטארטשעט האָט די פאנטע — א צעפליקטער זעגל.
געשטילט איז דער אַמור. ער איז שוין אָפּגעפלאָסן,
און מיך האָט ער געמיידט, און איך האָב אים באגלייט...
און ווייט, האָב איך דערזען, אַ ישוב ליגט צעזייט.
א סטעזשקע פירט צו אים —א סטעזשקעלע פון פרייד,
אַ סטעזשקעלע פון מוט דורך לויכטנדיקע גראָזן. . .
און קוק איך נאָר אין טאָל, דערזע איך דאָרט דערנעבן
צוויי קאָלטע שטיקלעך קויל — געלעבט אין זיי האָט בלוט,
נאָר זיי אין קאַמף האָבן פאַרלאָרן אַ מינוט,
און לעבן אַ מינוט — הייסט ראַטעווען דאָס לעבן!
און ווער ס'האָט עס געקענט, באזיגנדיק דעם צווייפל —
איז העכער פון אַ דעמב און שטאַרקער פון א שריפה!

1940

מעדוויעזשי באַר

װען די משפּחה איז געקומען אויף דעם װילדן אָרט,
איז אַלעם ערשטן פון דער פור אַראָפּגעקראָכן דער מעזיניק
און אין דעם װאַלד, װאָס יעגער רופן אָן מעדוויעזשי באַר,
אַראָפּגעבראַכט אַ בער אַ פליושענעם — פון מאַגאַזין ערשט.

די װינטן אין דער טײַגע האָבן זיך, פאַרחידושטע, צעשאַלט,
פון אומגעריכטקייט האָט די טײַגע זיך דערשראָקן,
עס האָט אין איר געטאָן אַ טיאָכקע דער בײַקאַל,
אַ צעדער האָט מבולבל זיך צעשאָקלט.

געשען איז עס אין יענעם חודש, װען סע שלאָפט דער בער,
און כאָטש מעדוויעזשי באַר געװען איז שטאַרק פאַרשלאָפן,
דאָך האָט די טײַגע אָנגעהויבן רופן: — בערן, היי! אַהער!
און אַלע בערן זײַנען זיך צונויפגעלאָפן.

מע האָט געקוקט, געשמעקט, געקראַצט מיט לאַפּעס זיך די פעל
און שטרענג גע׳פּסקנט, אַז עס איז דער פליושענער קיין בער ניט,
און אַז אין טײַגע איז געװאָרן קרום די װעלט,
און אַז ס׳איז גלײַכער פון דעם באַר זיך אָפּטראָגן פּיפּטערנע.

פון דעמאָלט אָן איז אין מעדוועדזשי באַר דער בער דער איינציקער —
אָט דער,
װאָס בערן האָבן ניט דערקענט אין אים קיין בער...

1958

איך וויל איצטער יאָגן

עס זיינען די דעכער מיט זילבער באַצויגן,
פון בלויקייט, פון העלקייט זיך זשמורען די אויגן.
דאָרט, אונטער בערג, ביי דעם וואַלגער פון שטאַמען,
קלעטערט די ווייט מיטן הימל צוזאַמען.

איז גוט אינעם דרויסן דעם פראָסט איצט באַגריסן,
אין בלויקייט זיך טוקן, פון פרישקייט געניסן,
און גוט איז אַריין אין אַ טאַנץ מיט די שנייען
און אויך, ווי די שנייען, זיך דרייען און דרייען,
און גוט איז און וואויל איז זיך איצטער צעיאָגן
אַנטקעגן דער צייט, ווען עס הויבט אָן צו טאָגן.
און זאָלן די שנייען מיך טראָגן, פאַרטראָגן
אויף גאַסן אויף ווייסע, אויף שנייאיקע ראָגן.

און זאָל זיך אַ מענטש מיר איצט טרעפן אַנטקעגן,
זאָל ער מיך אָפּשטעלן, זאָל ער מיך פרעגן,
זאָל ער צעשפרייטן פאַר חידוש די אויגן —
איך וואָלט אים מיט זיך אין דער ווייטקייט געצויגן!
און זאָל ער, דער מענטש, מיט די אייגענע חושים,
און זאָל ער, דער מענטש, מיט די אייגענע אויגן
דערזען און דערפילן און שפּעטער מיר זאָגן:
ווי גוט פאַר אַ מענטש איז אין ווייט זיך צו טראָגן.

די טיפקייט פון וואַלד מיטן זויבערן שניי־דעק,
וואָס ליגט אָפּ אַ ווינטער — קיין פוס אויף איר גייט ניט,
דאָס וואָיען פון בער אין זיין לעצטן פאַרבייגיין,
דער דומפּער, פאַרצווייפלטער הילך פון דער טייגע,
וואָס פילט שוין דעם צוריר פון אָנזאָגער זעגן
און הערט שוין דעם גיבורשן טראָט אויף די שטעגן —
דאָס אַלץ איז אַן עדות, דאָס אַלץ וועט אייך זאָגן,
ווי גוט, ווען אין לאַנד פון דער טייגע נעמט טאָגן!

דער אַלטער אַמור מיט די כוואַליקע טיפן —
ער טראָגט שוין ניט מער קיין צעבראָכענע שיפן,
פון אַלטע קאַזאַקן אויף הפקר געלאָזטע,
איצט האָט מען זיין ברייט און זיין טיף שוין געמאָסטן,
און דאַמפּערס זיין גרונט און זיין אָפּגרונט צעשניידן,
און ניט זיי פאַרהאַלטן, און ניט זיי פאַרמיידן...
און אַלץ איז אַן עדות און אַלץ וועט אייך זאָגן,
ווי גוט, ווען אין לאַנד פון דער טייגע נעמט טאָגן!

עס זיינען די דעכער מיט זילבער באַצויגן,
פון בלויקייט, פון העלקייט זיך זשמורען די אויגן.
דאָרט, אונטער בערג, ביי דעם וואַלגער פון שטאַמען,
קלעטערט די ווייט מיטן הימל צוזאַמען...

1937

דער מילכוועג

מיר האָבן דעם כינגאַן מיט שאַרפן וועג געשניטן,
האָט דער פּאַרטויבטער ריז געוואָרפן פעלדזן אויף זיין הוילער וואונד,
ער האָט געוואָלט דעם דורכגעלייגטן וועג פאַרשיטן,
געטראָפן אין אַ מענטש —
און מיט אַ שטיינער־אויסברוך פונדערמיטן
אים אויפגעהויבן אין דער הויך און אָפּגעשליידערט פון זיין גרונט.

דעם מענטש באַגראָבן האָבן מיר, ווען ס׳האָט אויף בערג געלייטערט,
דער טאָג האָט אויפן קבר אים די זון געבראַכט,
דערנאָכדעם זיינען מיר געזעסן ביי דעם אַש פון שייטער
און שטיל זיך צוגעהערט צו וואַסערפאַלן ווייטע...

אַ זקן האָט פון אָרט זיך אויפגעהויבן שווער,
ער האָט געזאָגט, פאַרווישנדיק דעם אָפּגלאַנץ פון אַ טרער:
„אין דער מינוט פון ווי זאָל זיין אַ טרייסט אייך מיין געשיכטע:
אַמאָל־אַמאָל, ווען ס׳איז קיין מולד ניט געווען נאָך אויף דער וועלט,
האָבן די שטערן זיך פאַרבענקט נאָך אַזאַ ליכטיקייט,
וואָס וואָלט אויך זייער וועג באַהעלט.

און פון דער בענקשאַפט איז געבוירן די לבנה.
נאָר ווען זי איז אַרויס צום טונקלען הימל־ברעג,
האָט זי געגומען ביי די שטערן מאָנען —
„ווייזט אָן מיר אין דער פינצטערניש אַ וועג!"

ס'האָט דער געשטערן אָפּגעטראַכט אַ ווינטער־נאַכט,
ביז וואַנען עס האָט אָנגעהויבן גרויען,
און האָט באַטראַכט:
אַ נייעם הימל־וועג פאַר דער לבנה בויען.

אויף מאָרגן האָט זיך זויבערקייט מיט ערדישקייט פאַראייניקט,
ניט קיין געזעגנעס אין רוימען איז געשען:
די שטערן האָבן זיך אַוועקגעלייגט פאַר שטיינער;
אַ ברייטער מילכוועג, אַזאַ ליכטיקער און ריינער
איז פאַר דעם מולדס גאַנג דאָרט גרייט געווען...

באַטראָטן גרינג האָט די לבנה דעם באַשיינטן הימל,
און אונטער איר דער מילכוועג איז געלעגן שטראַלנדיק־צעהעלט,
און טשאַטעס יונגע שטערן זיינען אין אַ גליקלעכן געווימל
איר נאָכגעשוואומען, שמייכלענדיק צו דער באַנייטער וועלט..."

דער אַלטער האָט געענדיקט.
עס האָט קיינער
זיך ניט געחידושט, גאָרניט ניט געפרעגט.
נאָר איינער
אַ קוש געטאָן די ערד האָט און דעם וועג.

1939

צוויי רוישיקע באַנען

צוויי רוישיקע באַנען אין וועג זיך באַגעגענט,
ייִ שטייען דאָ ווייט פון אַ מענטשנס געצעלט.
דאָס סאַמע פאַרוואָרפענע אָרט אין דער געגנט —
דאָס סאַמע באַפעלקערטע אָרט אין דער וועלט.

וואַגאָנען — צעפראַלט און גרויסשטאָטיש באַלויכטן,
אין ענגשאַפט, אין בענקשאַפט מע שלאָפט און מע עסט.
אַרום די וואַגאָנען — קיין פענצטער, קיין רויכל,
קיין שפור פון קיין מענטשן, קיין מענטשישע נעסט.

לענגאויס די וואַגאָנען,
וווי אין סעווילע,
אַ ענגע, אַ שמאָלע, אַ רוישיקע גאַס,
פאַרפולט מיט סאָלדאַטן, מיט מענטשן ציווילע,
מיט קלונג און געלעכטער, מיט שפּאַס און מיט כעס.

נאָר אָט כאַפּן אויף זיך די דאַמף־ווערגעלעצן,
זיי שלעפּן די גאַס — דער אַהין, דער אַהער.
צוויי פייערלעך וואונקען פון טאַמבורן לעצטע:
מיר וועלן זיך שוין ניט באַגעגענען מער...

און איך — ניט געהאַט קיין פאַרדראָס און קיין טענה,
געקוקט אויף דעם ליכטיקן נס און געקוועלט:
דאָס סאַמע פאַרוואָרפענע אָרט אין דער טייגע
קאָן ווערן ס'באַפעלקערטע אָרט אין דער וועלט!

1959

געלויבט זאָל זיין

אין ברוסט געפילט האָב איך דעם ריר פון שניי,
מיט מידע הענט דאָס קריגל כ'האָב גענומען,
פון קוואַל פאַרשעפּט...
און חיותדיקע טרערן צווײ
פון מיינע וויעס זיינען שווער אַראָפּגערונען.

אַן אויסשפּירער — איך האָב מיין היים פאַרלאָזט,
געזוכט אַן אָרט, וואוהין באַזעצן מענטשן...
און דעם, וואָס האָט זיין קריגל מיר געלאָזט,
האָב איך באַלוינט מיט בענטשונג:

— געלויבט זאָלסט זיין! געלויבט זאָל זיין דיין האַנט!
געלויבט זאָלסט זיין פאַר יעדן פרישן טראָפּן!
די פאַנזע האָסט פאַר מיר געלאָזן אָפן,
ווי גלייך מיר וואָלטן לאַנג געווען באַקאַנט
און פריינט געווען,
און אייגענע און ברידער!
דו האָסט געפילט, אַז קומען כ'וועל אַ מידער,
האָסטו מיט היי דעם דיל מיר אויסגעבעט
און פיש געטריקנטע געלאָזט...

אָ, אומבאַקאַנטער!
דערמאָנען וועלן דיך אָט יענע שטעט,

וואָס מירן אויפהייבן אין אונדזער קאַנט דאָ.
דעם ערשטן בויער זייערן דו האָסט דערפרישט,
ער האָט אין פאַנזע דיינער רו און שפייז געטראָפן,
איז וועלן פאַר דיר זיין דאָרט אַלע טירן אָפן,
אין יעדער שטוב וועט זיין געגרייט פאַר דיר אַ טיש,
און אַלע וועלן זיין דאָרט מיט דיר גליקלעך...

— — — — — — — — — — — — — — — —

פאַלט צו די נאַכט. אין וואַלד ווערט גרוי און קיל.
ס'איז שווער פון טייגע דער צוריקקער . . .
פאַראַן זיינען דאָרט וועגן פיל,
פאַרדרייטע וועגן — דורך דעם פלאָנטער צו אַ ברעג...
וואו איז ער, וואו — דער אויסדערוויילטער וועג?
אַן אָנגעבראָכן צווייגל הויב איך אויף,
און באַלד
פאַרשווינדט דער אומרו פון מיין פנים —
און דאָס האָסטו,
אָ, אומבאקאנטער,
מיר געלאָזט סימנים!
כ'באַגעגן אומעטום דיך אין מיין גרויסן קאַנט,
געלויבט זאָלסט זיין!
געלויבט זאָל זיין דיין האַנט!

1938

אין וואַלד

דעם געדיכטן באַר איך גיי אַדורך אויף דורך און דורך.
ווי אַ חיה גיי איך — אויף געריך,
אָן אַ וועג און אָן אַ שטעג און אָן אַ שפּור.
די צעצווייגטקייט, דעם געבלעטער
כ׳בלעטער
מיט די הענט און מיט דער ברוסט:
אָט — אַ בוים, און אָט — אַ קרוין און אָט — אַ קוסט...
ווי אַ פיש, וואָס אין דעם שטראָם מע האָט אַראָפּגעלאָזט אויפסניי,
זשעדנע אָטעם איך און פיל זיך פראַנק־און־פריי.
צו די טשאַטעס, צו די סטייעס אויף דעם וואַלד־לשון איך שריי:
— היי, צעפליט זיך ניט, צעלויפט זיך ניט, ע־היי!
האָט ניט מורא פאַר מיין טראָט, פאַר מיין געשריי,
צעפּאָלאָכעט זיך ניט, רעוועט ניט געדיכט,
ביי דעם וואַלד בין איך דאָך פונקט אַזאַ ווי איר.
נאָר די קראַפט — ביי אייך געירשנט — אין מיין האַנט
איך באַוואָרן מיט מיין מענשלעכן פאַרשטאַנד.
ווען איך אַרבעט — פּרואוו מיר שטערן,
ווען איך גיי — פּרואוו שטעל אַ צוים:
אָט — אַ קוסט, און אָט — אַ קרוין, און אָט — אַ בוים...
אין אַ צווייטן, אין אַ דריטן באַר איך גיי אַריין דערנאָך.
אָט דערפיל איך: אונטער מיר טוט קוים אַ שאָרך,
אָט דערהער איך: עפּעס טוט זיך אין דעם גראָז אַ וואָרף...
דאָס איז די נשמה פון דער טייגע — וואָד,
אומרואיק און נייגעריק, פונקט ווי אַ סטרוזש ביינאַכט:

צי געקומען בין איך נעמען,
צי איך האָב עפּעס געבראַכט ?

די צעצווייגטקייט, דעם געבלעטער
כ'בלעטער
מיט די הענט און מיט דער ברוסט :
אָט — אַ בוים, און אָט — אַ קרוין און אָט — אַ קוסט...

1958

די ליד פון שטייגן

דער וועג אַרוף־באַרג הויבט זיך אויף ביז צום רוים,
ער גרייכט צו דער זון, צו די העכסטע זעניטן,
און ווען אים שניידט דורך אַ געפאַלענער בוים,
זעט ער אויס ווי אַ שלאַנג,
וואָס אַ ראָד האָט צעשניטן:
עס לעבט יעדער טייל, און באַוועגט זיך פאָראויס,
און ער דרייט זיך צונויף און ווערט נאָכאַמאָל גרויס.

דער וועג אַראָפּ־באַרג איז אַזוי ווי אַ קנויל —
ער וויקלט זיך אויף, ווען ער פאַלט אין דער נידער,
אָט פאַלט ער אַריין צו אַ טייך אינעם מויל,
און קייקלט זיך דורך, און וויקלט זיך ווידער,
און ס'טרעפט, אַז אַ מאָכיקער פעלדז אים פאַרהאַלט,
ווי די קרוינען פאַרהאַלטן אַ שטראַל אינעם וואַלד.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איין באַרג און איין וועג,
נאָר דער וועג וואוהין פירט?
צי אַרויף צי אַראָפּ — דאָס הענגט אָפּ נאָר פון מיר.

1939

אין אעראָפּלאַן

ניט קיין שטיינערנע — מיט וואַלד באַפּעדערט ווייך
און צעשויבערט אויף דעם גרינעם גראָז, —
שטייען סאָפּקעס אונטער פייגל־הייך,
פונקט ווי פייגעלעך אויף אַ פּראָסט.

און אין שנירעלע, אין בלויען פּאַסיקל,
וואָס מיין מינדסטער פינגער דעקט עס צו —
אין דעם שנירעלע כּ׳דערקען דעם האַסטיקן,
דעם אומענדלעכן טייך אמור!

הייזלעך טוליען זיך איינס צום אַנדערן.
יעדער הייזל — ווי אַ נאָדל־שטאָך.
אַך, ווי קליין דאָס דאָרף, וואָס איבערוואַנדערער
האָבן אויסגעבויט פאַר לאַנגע יאָר!..

גרויס געזען די טייגע האָב איך נעכטן נאָך,
אין איר מעכטיקייט געזען איר חן,
איצט פאַרשעם איך זיך פאַר דער מעכטיקער,
וואָס דערזען איך האָב זי פּלוצים קליין.

איך דערצייל עס דעם פּילאָט, און ער דערנעענטערט
קרייז נאָך קרייז די ערד צו מיר. באַשיינט

ליגט זי אַ פֿאַרטייעטע און אַ פֿאַרשטענדלעכע,
אויסגעקערעוועט צו מיר די שענסטע זייט.

קוק איך ווידער, ווידער איין זיך ציטעריק,
און אַ גאַנצע וועלט דערזע איך גלייך,
ווי אַראָפּגעבויגן כ'וואָלט זיך נידעריק
פֿון אַ בריקל — צו דער טיף פֿון טײַך...

1958

עקזאָטישע טייגע

נעמט און פאַרפירט מיך מיט תאווה, מיט תענוג,
פאַרבאָרגענע וועלדער — עקזאָטישע טייגע.
נו, יאָ, כ'בין אוודאי דער יונג דער פאַרשייטער,
וואָס אָפּגעלעבט האָב איך אַ לעבן ביים שייטער,
ביים שייטער געגעסן, אין טייגע געזעסן,
אין וואַלדברוך געקראָכן — די פיס ניט פאַרשטאָכן,
געשפּייזט זיך מיט פייגל — אָט ערשט פון דער שורה,
געבלאָזט, ווי אויף מילך, אויף די חיהשע שפּורן,
געגאַנגען אויף מעסערס: דער טיגער — אַ וויכער,
און איך גיי אויף זיכער — מיט מלא רציחה,
מיט אַלטן פאַרשטאַנד און מיט חכמה מיט נייער:
ניט זיין ביי די חיות אַ צער בעל החיים.
דער הונט — אָן אַ קייט, און דאָס פערד — אָן אַ זאָטל:
אַ גליק, וואָס די טייגע איז ווילד און עקזאָטיש...

נאָר זעט, ס'איז געשען מיט דער טייגע אַ כישוף:
געזוכט כ'האָב אַ זומפּ און געפונען אַ ישוב!
אָט דאָ אויף אַ טיגער אַמאָל כ'האָב געלאָקערט —
אַ קעצעלע הייַנט האָב איך איבערגעשראָקן.
אָט דאָרטן געפונען זשען־שען האָב איך דעמאָלט,
אַצינד איז דאָס אָרט מיט אַ גאָרטן באַרעמלט.
דעם אוראַלט מע האָט אין מוזייען פאַרטריבן,
פאַר אַלעמען אָפּן פון עלעף ביז זיבן...
און שטעט און זאַוואָדן, און שטעט און זאַוואָדן,

און האַקן די טייגע לעם שטאָט איז פאַרבאָטן,
אַ נחלה פאַר סויבלען אינמיטן דער טייגע —
מען טאָר גאָר קיין סויבל ניט נעמען פון שטייגל!...
דער הונט — אויף אַ קייט, און דאָס פערד — מיט אַ זאָטל:
איז, הייסט עס, די טייגע שוין מער ניט עקזאָטיש!

עקזאָטישע ווילדקייט, עקזאָטישער חושך,
עקזאָטיש איז אויכעט אַ גאַנדז אין אַ קוישל,
עקזאָטיש זעט אויס אויך אַ בוים פונדערווייטן,
געווען איז עקזאָטיש די הייל פון פאַרצייטנס.
פון יענער עקזאָטיק ניטאָ שוין קיין סימן —
מיר לעבן שוין מער ניט אין עולם־הדמיון.
מיר לעבן אין לעבן. מיט פרייד און מיט דאגות,
מיר רייניקן אויס פון דעם לעבן די טייגעס.
אַביסעלע ווייטער פון אונדזערע היימען
זי ליגט נאָך, די אוראַלטע וועלט די געהיימע,
זי איז נאָך עקזאָטיש.
און איך, דער פאַרשייטער,
איך בין שוין אויך דאָרטן, איך זיץ ביי אַ שייטער,
איך שפּייז זיך מיט פייגל — אָט ערשט פון דער שורה
און בלאָז, ווי אויף מילך, אויף די חיהשע שפּורן.
אָט גייט מען צונויף זיך: דער טיגער — אַ וויכער,
און איך גיי אויף זיכער — מיט מלא רציחה,
מיט אַלטן פאַרשטאַנד און מיט חכמה מיט נייער:
ניט זיין ביי די חיות אַ צער בעלי חיים.
דער הונט — אָן אַ קייט, און דער פערד — אָן אַ זאָטל.
היי, טייגעניו־טייגע, ביסט מער ניט עקזאָטיש..

1960

ביים קוואַל

א.

ווען עס פאַלט אַ טראָפּן אויף אַ שטויבל,
מוטנע־גרוי דער טראָפּן דעמאָלט ווערט.
קוואַל דו יונגער, זאָג, וואָס ביסטו זויבער?
שלאָגסט אַרויס דאָך פון דער שוואַרצער ערד!

בויג איך אָן צום קוואַל זיך און איך הער:
„כ׳בין דערפאַר אַ שניי־ווייסער, מיין טרייער,
ווייל עס האָט מיך יאָרנלאַנג געשייערט
די געדיכטע שוואַרצקייט פון דער ערד..“

ווען אין נאַכט פרואווט נאָר אַ שטראַל זיך ווייזן,
פון דער נאַכט פאַרשלונגען גלייך ער ווערט.
זאָג מיר, קוואַל, פאַרוואָס האָט אַזוי פלייסיק
דיך געפוצט די ניט־געפוצטע ערד?

בויג איך אָן צום קוואַל זיך און איך הער
פונעם ווילדן וואַסערל דעם פלוידער:
„ס׳האָט די ערד געמאַכט מיך פריש און זויבער,
איך זאָל פרישקייט ברענגען אויף דער ערד...“

ב.

כ׳בין צום קוואַל געקומען היינט צו גיין,
כ׳האָב זיין שטראָם געפרואווט מיט מיינע ליפּן.

און אין יענער רגע כ׳האָב באַגריפֿן,
ווי אַ שטראַל קאָן דורכברעכן אַ שטיין
און אַרויס אין העלער וועלט געשליפֿן...

אַלע טאָג אַהער צום קוואַל איך קום —
זען, ווי שאַרפֿע שטראָמען האַסטיק שלאָגן,
איינזאַפּן אין זיך דעם שטראַל דעם קלאָרן,
וואָס דער טיפֿער קוואַל האָט צו דער זון
דורך דער פֿינצטערניש אַדורכגעטראָגן!

ג.

ס׳האָט ערשט אַרויסגעשלאָגן ס׳פֿרישע קוואַלעכל,
איז קורץ זיין וואַסער־וועג, כאָטש בלוי און ריין.
עס לייגט אַוועק זיך, ווי אַ זיידן שאַלעכל,
אויף קאָפּ אויף גרינעם פֿון אַן אַלטן שטיין.

נאָר אָט גיט עס אַ וואָרף זיך ווי אַ פֿישעלע
אין גראָזיק טייכעלע — אין טיפֿן טאָל.
דאָס פֿרישע קוואַלעכל וועט וויפֿל פֿליסן נאָך?
צי יאָגן ברייט עס וועט, צי יאָגן שמאָל?

ביי בלומען וואַשן וועט עס ווייסע פֿלעשעלעך?
צי גאָר אין וועלט אַריין וועט פֿליסן סתּם?
אָ, ס׳ווייסט דאָס קוואַלעכל אַליין נאָך אפֿשר ניט,
אַז ס׳וואַרט אין ווייט אויף דעם אַ גרויסער ים...

1939—1937

2. מלחמה

* *
*

װען פֿלאַמען בושעװען אױף ברענענדיקן פֿעלד,
עס דוכט, אַז חרוב װערט אַ האַלבע װעלט,
דײַן אײגן לעבן חרוב װערט,
נאָר אָט דערטראָגט זיך פֿון די גראָזן אַ געזאַנג,
און בײַ דעם װאָרצל פֿון אַן אָפּגעברענטן זאַנג
די מוראַשקע נאָך האָרעװעט.

אױף גאַנץ סמאָליענשטשינע עס ברענט דער טאָרף.
מיר האָבן הײַנט פֿאַרנומען דאָ אַ דאָרף —
פֿון הײַזעלעך קײן שאָטן ניט.
נאָר צװישן די רואינען, בײַ אַ קוסט,
אַ יונגע מוטער האָט מיט װײַסער ברוסט
דאָס אָפּגעראַטעװעטע קינד געהאָדעװעט.

אין שלאַכט פֿאַרביטערטער דאָס לעבן הױך מיר רופֿן,
בײַ מידע פֿיס די רײנע קװאַלן רינען.
איך װײס: עס װעט דאָס קינד אױף די רואינען
מיט מוטערס מילך אַ טראָפּן בלוט פֿאַרזוכן...

יולי 1941

דער פּאָנטאַן

די שטוב און דעם סאָד האָט אַ פייער פאַרברענט,
דיביימער פאַרקוילט און די פייגל פאַרטריבן,
נאָר איינער אַליין, ווי ס'וואָלט גאָרניט געשען,
אין חורבן, אין בראָך אַ פּאָנטאַן איז פאַרבליבן.

עס איז דער פּאָנטאַן דאָ אַזוי אומגעריכט!
פאַר וועמען מיט זיילן געשליפענע לייכט ער?
באַדאַרפט וואָלט ער בלייבן אַזוי ווי אַ לייכטער,
אין וועלכן מ'האָט אויסגעלאָשן די ליכט.

ווייזט אויס, אַז בכיוון ער וויל מיט זיין גלאַנץ
באַשיינען דעם דעמער פון טויטע רואינען,
צי אפשר איז ער גאָר אַראָפּ פונעם זינען
און טאַנצט אויף דעם חורבן דעם לעצטן טאַנץ!

ער טוט פון דער שטאָלענער הויט זיך אַ ריס,
די שטערן אין זילבערנע זיילן פאַרפלעכט ער,
דערגרייכט צו לבנה ווי צו אַ באַשערטער
און פאַלט מיט איר שיין צו די אייגענע פיס.

דער סאָד איז פאַרברענט, און דאָס הויז איז פאַרקוילט,
עס זינגט דער פּאָנטאַן, ווען די ווינטן גאָר קלאָגן,
ער וויל ניט מיט ערד זיך פאַרשטאָפּן דאָס מויל,
נאָר אייביק דאָ ריזלען און אייביק דאָ שלאָגן!

דעצעמבער 1941

נאַטיורמאָרט

אַזוי לאַנג ניט געזען כ׳האָב קיין אויבס אויף אַ טיש,
ס׳איז פאַר מיר איצט קיין טיש און קיין טישטעך ניטאָ מער.
אין אַ גאָרטן איך ליג, און אַרום איז מלחמה,
כ׳טרינק קאַוועגעס־יויך, מיט ערד אויסגעמישט...

ווען פון וועלדל דעם גאָרטן באַשיסט אַ האַרמאַט,
פאַלן אַגרעסן גרינע פון שטעכיקע שטענגלעך,
איך דארף איצט ניט מילד זיין, איך דאַרף איצטער שטרענג זיין.
כאָטש אַ טרוימער איך בין, נאָר איך בין אַ סאָלדאַט,
ווען פון פליענדער קויל און פון פאַלענדן בלאַט
ווערט אין שוצגראָבן גראם און אין האַרצן מיר ענגער...

אויף צעריעטע בייטן — די אוגערקעס גרינע,
פון דער זון־רויז זיך שיטן נאָך ווייסע די יאָדערן.
עס פלאַצן די אָדערן ביי דער דיניע,
און אין מיין האַנט ציען אָן זיך די אָדערן.

אָקטאָבער, 1941

איבער וועגן די סטאַדעס בלאָנקען,
מיידן אויס די צעטראָטענע לאָנקעס.
אַ בהמה, פון גרויל אַ פאַרשייטע,
טראָגט דעם הונגער אין ליידיקן אייטער,
און די שעפּעלעך קורצע העלדזער
שטרעקן אויס פון צעשויבערטע פעלצער.
דורך דעם פייער זיי לויפן האַסטיקע —
די מלחמה איז זייער פּאַסטוך איצט.

ס'הערט די סטאַדע אין שוואַרצער ווייט שוין
דעם געקנאַל פון די דייטשע בייטשן,
בעט זי גאָט, אַז דאָס גראָז זאָל וועלקן,
פרעמדע הענט זאָלן זי ניט מעלקן.
ס'שעפּעלע וואַרפט די וואָל אין פייער
און אַנטלויפט, וואו דאָס פעלד נאָך פריי איז.

קום צו גיין איצט אין פעלד, מיין ברודער,
הייב אויף הויך די פאַרכישופטע דודע,
אויף דער לאָנקע דער פרייער, זאַטער
רוף צונויף מיט געזאַנג די סטאַדע,
און אין פעלד, וואו די שלאַכט איצט הילכט,
ברענג דעם זעלנער אַ קעסעלע מילך...

אויגוסט 1941

אַ סעודה ביים שייטער

אַ סעודה ביים שייטער, אַ סעודה אין וואַלד!
מע פרעגט ניט — פאַרוואָס, און מע פרעגט ניט — פאַר וועמען,
דער שייטער — פאַר אַלעמען, וועמען ס'איז קאַלט,
אַ קאַפּעלע וואַרעמס קאָן יעדער דאָ נעמען.
ווער זיינען דאָ געסט, און ווער — באַלעבאָס?
איין זאָרג נאָר ביי יעדן: קיין גאַסט ניט פאַרשעמען.
מע פרעגט ניט — פאַר וועמען, מע פרעגט ניט — פאַרוואָס,
מע זעצט זיך צום קרייז, און עס רינט פון די ברעמען,
פון קעפּ טריפט אַראָפּ דער צעגאַנגענער שניי,
ביי וואַרעמער זייט — די געזיכטער פאַררויטלט,
איין גלאָז אויב דו טרינקסט נאָר — מיר גיבן דיר צוויי,
אויב טרינקען דו ווערסט ניט — מיר וועלן דיך נייטן!
מיר וועלן דיר זאָגן: — נו, פריילעכער, היי!
די שלאַכט איז פאַרטאָג, טאָר מען איצטער ניט זאָרגן,
דער גלויבן, וואָס איז אין די הערצער פאַרבאָרגן,
זאָל לינדערן פון די פאַרלוסטן דעם וויי.

פון בלעכענער כלי דאָס וואַרעמס מע שעפּט
און פאָרכטיק די קווערטלעך מע טראָגט צו די ליפּן,
אַן עפּן די מיילער, פאַרוואַרפט מען די קעפּ,
אַ שטיקעלע ברויט צווישן פינגער צעריבן,
אַ שמעק געטאָן אַזוי חיות'דיק־הויך, —
דאָ וואַרפט מען זיך דורך מיט אַ וואונטש און מיט ווערטלעך,

מע שטאָפּט זיך מיט וואָבלע, מע שטיקט זיך מיט רויך
און ווידער מע טראָגט צו די ליפּן די קווערטלעך.

אַ סעודהביים שייטער, אַ סעודה ביינאַכט!
אַהער, גוטע ברידער! ווער שלאָפט נאָך? ווער פרירט נאָך?
ווער האָט זיך פאַרנייגט אויף דער ביקס און ער טראַכט?
די נאַכט איז אַ קאַלטע, דער וואַלד — אַ געדיכטער.
אַ טראָט פונעם שייטער — די ערד איז פאַראייזט,
און דאָ, אינעם קרייז, איז אי וואַרעם אי ליכטיק,
און גיסטו אַ קוק אויף דעם זעלנערשן קרייז,
דערזעסטו אַזויפיל באַשיינטע געזיכטער.
איין זעלנער — דאָס פּנים צום בוים ער פאַררייסט:
— די שלאַכט איז פאַרטאָג, טאָר מען איצטער ניט זאָרגן,
מיר וועלן איצט טרינקען פאַר היינט און פאַר מאָרגן,
אויב מאָרגן דאָס מויל וועט פאַרלייגט זיין מיט אייז...

קיין גאָלדענע בעכער עס גלאַנצן דאָ ניט,
די קעסלעך און קענדלעך שוין לאַנג ניט געשייערט,
און ס׳פרייט זיך דאָס אויג, ווען דעם וואַלד גיט אַ שניט
אַ טונקעלע שפּיז, אָנגעגאָסן מיט פייער,
ווען ס׳כאַפּט זיך מיט פלאַם אָן אַ שטאָלענער העלם,
און ציט׳ריקע פונקען, פאַרטראָגענע, פרייע,
זיך וואַרפן אויף צווייגן און ווערן דאָרט נעלם,
און מאַכן דעם רוים אויף דער סעודה געשייערט.

א סעודה ביים שייטער — א שעה פאַר דער שלאכט!
וועט עמעצער אָנשרייבן מאָרגן זיין ליבער:
„מיר האָבן די נאַכט ביי אַ שייטער פאַרבראַכט,

דערנאָך איז געשען...״
לאָמיר אויסטרינקען, ברידער!
ניט פרעגן — פאַר וועמען, ניט פרעגן — פארוואָס.
צי ווייניק אין אונדזערע הערצער איז ליבע?
צי ווייניק אויך שנאה? צי ווייניק פארדראָס?
איז שנעלער די קווערטלעך טראָגט צו צו די ליפּן
און הערט, ווי עס פינעט די שנאה אין כוס:
— די שלאכט איז פאַרטאָג, זאָלט איר איצער ניט זאָרגן!
טרינקט אויס, גוטע ברידער, פאַר היינט און פאַר מאָרגן,
און הייס זאָל דאָס האַרץ זיין אין שלאכט און אין פראָסט.

ווינטער 1942

דאָס רוסישע פעלד

די באשערטע ערד, די ערד די רוסישע,
וועל איך צודעקן מיט זיך אַליין,
וועל איך צערטלען זי, מיט ווייטעק קושן זי,
אויף אירע אומוועגן זיך לאָזן גיין.

דורך אַ פעלד ביי דערפער חרובע,
דורכגיין ציטעריק, ווי פאַרשעמט,
מיט מיין לעבן פאַר זיין שפע ערוב זיין,
גרייט זיין וואַרפן זיך אויף קידוש השם —

ניט ווייל ס׳לעבן גרינג איז אָפּגעבן
פאַר א שטיק צעטראָטן פעלד,
נאָר ווייל ס׳רוסיש פעלד דעם שונא אָפּטרעטן
הייסט אים אָפּטרעטן די גאַנצע וועלט.

יולי 1941

ביים קוואַל פון דער קינדהייט

ניט גערעכט די זון איז, וואָס באַגלייך גילדט
צווייג און סוק, די צוויטן און דעם שניי.
אויב איך האָב געהאַט אפילו גלייכגילט,
האָב איך אים באַגראָבן אין טראַנשיי.

היי, איר ווייסט ניט, וואָס איך בין און ווער כ'בין,
ס'טרעפט אמאָל — פאַרטאָג, די שלאַכט נאָך שאַלט,
בייג איך אָן זיך צו אַ גרינער ווערבע
און זוך אָפּ לעם איר אַ פרישן קוואַל.

מיטן קוואלכעל פון קינדהייט מיינער
טרינקט די שטרענגע יוגנט אָן זיך זאַט,
און כ'דערזע דעם ברייטן ים דאָ שיינען
אינעם שטרייט, וואָס איך בין זיין סאָלדאַט.

1942

לידער אין מיין פעלדביכל*)

דער דיכטער אויפן פראָנט

כ׳וואַרעם אָן די פאַרפרוירענע פינגער
ביי דער הייסער רער פון האַרמאַט,
אויב מיין האַרץ איז אַ האַרץ פון אַ זינגער,
איז אַ דיכטער אַצינד דער סאָלדאַט.

און אויף מיינע סאָלדאַטישע לידער
די שלאַכט האָט ממשלה געהאַט,
ווייל דער שטויס פונעם שאָס גיט זיך איבער
דער האַנט, וואָס צילט אָן דעם האַרמאַט.

*) פעלד־ביכל — אַ העפטל, וואָס מען טראָגט מיט זיך אין שלאַכט אויף צו שרייבן שלאַכט־ראַפּאָרטן.

שורות, אָנגעשריבענע דעם 22-טן יוני, 1941

א דאנק פאַר דער לאַסט,
אַ דאנק, וואָס דו גלייבסט אין מיין כח,
אזוי ווי ס'באלעסטיקן קערנער מיט רייפקייט די רויערד,
ווי ים־ווינטן בייגן און קרעפטיקער מאכן די מאסט —
אַזוי וועט דער עול, וואָס דו לייגסט אויף מיר, היימלאנד,
אוועק איצט,
די קראפט פון א גבר אין מיין צערטלעכער יוגנט דערוועקן.

אַ דאנק פאַר דער ביקס,
אַ דאַנק, וואָס באַשיצן דיך טרויסט מיר אָן און דו הייסט מיר...

סאָוועטיש דייטשע גרענעץ, בעלסק

די פליג

אן אויפרייס גיט די שטוב אַ הוידע,
די טיר אַ ריס, דעם דאך אַ הייב,
עס שיט דאָס זאמד זיך פונעם בוידעם,
און ס'פאלט אַראָפּ א פליג פון שויב.

זי טוט אַ פאָכע מיט די פליגל,
אַ ציטער אויף — און טויט זי ליגט.
ווען מענטשן פאַלן ווי די פליגן —
איז מאָדנע, ווען עס פאַלט א פליג...

אָקטאָבער 1941

ווי צעלייגט מען אַ פייער?

די פאַרפרוירענע אבריס ווי וואַרעמט מען אָן?
מיינע שוועבעלעך נאַס... ווי צעלייגט מען אַ פייער?

כ׳שיט דאָס ביסעלע פולווער אַרויס פון פאַטראָן
און אַ פונק טרייסל אָפּ פון ציגייער —

גיט אַ הויב זיך דער פלאַם און פאַרסמאַליעט דאָס גראָז,
וויל אַוועק מיטן ווינט, נאָר א צווייגל כ׳צינד אונטער...

און די יונגע סאָלדאטן באקוקן דעם וואונדער:
ווי דאָס לעבן איז האַרב! ווי דאָס לעבן איז פראָסט!

1941

אַ שאָס

כ׳האָב זיך צוגעזעצט צום בוים,
אָפּגיין זאָלן מידע גלידער.
פלוצעם פיל איך: עפּעס ציטערט
אין דער הייך דאָרט, אין דער קרוין.

ס׳איז געוואָרן שווער די צווייג,
ביז דער ערד איר לאַסט וועט קלעקן.
אָטעם איך ניט און איך שווייג —
ס׳פייגעלע נאָר ניט דערשרעקן...
שטילער, שטילער, וואַלד און גראָז...
נאָר עס טוט אַ קנאַל אַ שאָס!

1944

פאָנטאָנען

די ערשטע גייט איבער די בריק די לבנה,
די צווייטע — די שטילקייט. דערנאָך טוט אַ ריס
די נאכט און די שטילקייט אַ זאלפּ פון קאנאָנען —
די בריק עס צעטרייסלען דאן זעלנערשע פיס.

די לעצטע עס בלייבט ביי דער בריק די לבנה,
זי זעט, ווי סאפּיאָרן צעבינדן די שטריק
און שלעפּן ארויס אויפן ברעג די פּאָנטאָנען,
ווייל קיינער עס טראַכט דאָ ניט וועגן צוריק...

1945

יושר

דורכגעגאַנגען דורך אַ פעלד איז די פעכאָטע,
מיט די שטיוול דעם פאַרזיי האָט זי צעטראָטן —
וואו איז יושר? האָסט אַליין פאַרזייט דאָס פעלד דאָך!

דורכגעגאַנגען דורך אַ וואַלד איז אונדזער חייל,
ניט געשאָנעוועט די ביימער און די חיות —
וואו איז יושר? האָסט אַזוי געליבט די וועלדער!

פאַר מיין חברס שטוב האָט זיך א שלאכט פאַרבונדן,
האָט מיין חבר ס'אייגן הויז אונטערגעצונדן —
וואו איז יושר? ס'איז ניט ליב דיר דיין געצעלט דען?

— פעלדער, וועלדער, פייגל אין די נעסטן,
זאַנגען אָפּגעשאָטענע — זייט וויסן:
ווען דער פיינט וואָלט ביי מיין האַרץ געזעסן,
כ'וואָלט מיין אייגן האַרץ אונטערגעריסן!

1941

אַ טרוים

ווען מיר וועלן זיך טרעפן ווידער
אונטער זון, וואָס אויך איצטער שיינט —
וועלכע וועלן מיר זינגען לידער ?
און ווי וועלן מיר אויסזען, פריינט ?

איצט איז שווער אונדז פון אומקער טרוימען,
פון באַגעגעניש טרוימען איז שווער,
ווייל עס שפּיגלען זיך טונקעלע רוימען
אינעם מבול, וואָס פאַלט אויף דער ערד.

איצט איז שווער... נאָר דורך יאָרן האַרבע
זעט מיין אויג אונדזער גליק שוין דרייסט,
כאָטש איך ווייס ניט, ווער עס וועט שטאַרבן,
נאָר אַז מיר וועלן זיגן — איך ווייס !

יאָ, מיר וועלן זיך טרעפן ווידער
אונטער זון, וואָס אויך איצטער שיינט,
ווי איך בענק איצט נאָך יענע לידער,
וואָס מיר וועלן זינגען, מיין פריינט !

1942

די נאַכט - אַטאַקע

ווען הויך אינעם הימל, געשליפן און פייערלעד,
פּראָזשעקטאָרן איינער דעם צווייטן די הענט דריקן,
שרייט אויס דער הארמאט דאָס צעגליטע, פאַרטייעטע ,
און ס'דוכט, אז זיין שאָס די מלחמה וועט ענדיקן.

נאָר ס'איז דער האַרמאַט דער מלחמהס באַהעלפערל,
ער טרייבט זי צום סוף, נאָר ער לאָזט זי ניט גוסטן,
ס'וועט דורכגיין די שלאַכט, וועט ער כלומרשט זיך אויסלעשן,
אַזוי ווי באַגינען דאָס אויג פון אַ וועלפּיכע...

פונוואַנען דער פייף און די קראַפט אין די שפּליטערן?
וואָס וויל ער פון אונדז, אָט דער שאָס דער הארמאטישער?
עס לויפן אים ביקס־קוילן נאָך, ווי די פלאטערלעך,
און פלאַטערלעך פאַלן, חלשות'דיק ציטערן...

באַווייזן זיך מענטשן אויף רחבותן אָפענע
מיט פייערלעך האָס אין די שפּיזן די בלענדיקע.
עס וואקסט די אטאקע, עס שטארקט זיך די האָפענונג,
אַז אונדזער געוואַגטקייט דעם קריג וועט פאַרענדיקן.

1941

פייזאזשן 1941

1. אַ זומערדיקער פּייזאַזש

די פיש אין טייך, אַזוי ווי אויף קאַטאָוועס —
נאָך יעדן אויפרייס, וואָס דעם טייך צעבויטעט,
זיי וואַרפן זיך אַרויס אויף קבר־אבות
צום זאַמד־ברעג, וואו עס וואַלגערן זיך טויטע.

די זעלנער צו דעם וואַסער ניט דערלאָפן,
די פיש זיינען צום טויט אַליין דערשוואומען,
און אויפן ברעג ליגט אַ פאַר׳חלש׳טער דער זומער,
אַזוי ווי ס׳האָט די שלאַכט אים דאָ געטראָפן...

2. אַ ווינטערדיקער פּייזאַזש

פון קוסטעס דעם שניי טרייסלט קיינער ניט אָפּ — ער פאַרפרירט.
די קוסטעס פאַרשנייטע ווי קופלען מיט שוימיקן ביר.

אַ שיטערע יעל בייגט זיך אָן, מיט די נאָדעלעך זוכט,
זי טאַפּט און געפינט — און דעם לויטערן ביר זי פאַרזוכט.

איך ליג אין סעקרעט. מיט די קוסטעס איך רעד אויפן וואונק:
ווען כ׳מעג זיך אַ ריר טאָן, איך וואָלט אויך געגעבן אַ טרונק...

3. סאָלדאַטישער האַרבסט

דער האַרבסט קומט פּלוצים אָן.
ס'באַמערקט ניט דער סאָלדאַט,
ווי פון די ביימער פאַלט אַראָפּ דאָס צירונג.
צוערשט דערזעט ער :
ס'פאַלט אַראָפּ פון דעם האַרמאַט
די בלעטערדיקע פאַרמאַסקירונג.

איך גיב אַן ענטפער דעם געוויסן

װעלכער דראַנג האָט מיך אַהער געבראַכט,
אויף די פעלדער האַרבסטיקע און װיסטע;
מיט דעם האַרץ כ׳בין זיך מיישב פאַר דער שלאַכט,
נאָך דער שלאַכט איך גיב אַן ענטפער דעם געוויסן.

ניין, איך קאָן ניט זיצן אין געצעלט,
דאָרטן פאַלט אַ שטויב אויף מיין כלי־זיין.
גיט מיר אָפּ דאָס אויסגעבענקטע פעלד,
וואָס דער פיינט טיילט אָפּ פון מיר מיט פייער!

1942

אין אַ נייער דירה

אין טראַנשיי אין ליימיקער און שמאָלער
זיצן מיר, ווי נאָך אַ שווערער אַרבעט,
צינדן שוועבעלעך אונטער דער פּאָלע,
רייכערן ציגייערס אין די אַרבל.

מיט אַ ביסל ספּירט, וואָס בריט דעם גאָרגל,
אונדזער נייע דירה מיר „באַנעצן".
אויף פאַרבייסעכץ — צוויי סוכאַרעס לעצטע,
וואָס מיר האָבן אָפּגעלייגט אויף מאָרגן.

גייט אַריין דער סאַניטאַר פון ראָטע,
אונדזער ליבלינג, אונדזער ערשטער זינגער,
און איך הייס אים אויסשטעכן אַ בלאָטער,
וואָס האָט אָנגעריסן אויף מיין פינגער.

מיין השגה לויבן די סאָלדאַטן,
און עס גיט אַ וויצל זיך דער שכן:
— זע דער שטאָך פון נאָדל זאָל ניט שאַטן,
ביז אַ שפּיז האָט דיך נאָך ניט דערשטאָכן...

זאַלבעצווייט, אין איין שינעל פאַרוויקלט,
ליגן מיר — די מידע אויגן אָפן.
וועמען וועט מען אין דאָזאָר היינט שיקן?
וועמען וועט פאַרבאָטן זיין היינט שלאָפן?

1943

געמיטלעכער שטייגער

אַ זייגער אין טראַנשיי.
אַ גלאָז אויף טרינקען טיי.
פון ווייסן בלעך אַ שיסל.

די חברה זעלנער לאַכן:
— ס'איז פול „די שטוב" מיט זאַכן,
אויף נאַכט אפשר פאַרשליסן!

1944

די וועטשערע

אַליין כ׳וועל אַ וועטשערע קאָכן.
די הירזשענע קאַשע איז נמאס.
פון פרישער ברעזעווער קאָרע
איך קאָך אויפן שייטער אַ צימעס.

עס שוימען די זאַפּטן און שטייגן,
מיט ווייסקייט דאָס פייער פאַרגיסן,
דעם צימעס איך מיש מיט אַ צווייגל
און פּרואוו אויף די ליפּן אַ ביסל.

צופרידן: געשמאַק, אַ מחיה,
איצט דאַרף מען פאַרטרינקען דאָס עסן,
אַ פּושקע פון קוילן אַ בלייענע
אַוועקגעשטעלט ביי דער ברעזע —

פון שטאַם אין דער פּושקע דער שמאָלער
די זאַפּטן, ווי ביר אין אַ קופל.
דעם צימעס פאַרשטעק איך ווי טשאָלנט
אין סאָסנעס דערוואַרעמטן דופל...

דער שייטער וועט איצטער מיר שיינען,
און ווייך וועלן זיין מיר די גראָזן.
געוואוינט שוין פון קינדווייז מיר זיינען
אויף זיך אַליין זיך פאַרלאָזן.

1942

גאָלדענער אָסיען

גאָלדענער אָסיען, צעשויבערטער, ווינטיקער,
לאָמיר זיך בייטן: איך מערער, דו ווינציקער —
גיב מיר דיין חושך און נאַ דיר אַ פייערל,
נאַ דיר מיין אָטעם און גיב מיר־אַ פרייערן.

וועסט היינט ניט רייסן קיין דעכער קיין בלעכענע,
רייסן דו וועסט מיין שינעל די צעלעכערטע.
וועסט ניט פאַרגיסן מיט רעגן די גאַנעקעס —
מיך אינם שוצגראָבן וועסטו ניט שאַנעווען.

גאָלדענער אָסיען, די ערד איז אַ נאַקעטע,
הויב איך אָן שיסן — די שלאַכט זאָל צעפלאַקערן.
ניין, דיך ניט חנפה׳נען און ניט אומאַרעמען,
נאָר מיטן בלוט פון מיין האַרץ דיך דערוואַרעמען.

1941

„אָנזאָטלען" אַ וועג

מיין אָרדינאַרעץ ווייסט ניט, ווי מען זאָטלט אָן אַ וועג,
פון וואַנען זאָל ער ווּיסן עס, דער פויער דער אַלטייער ? —
„מיט וועלכן זאָטל אָנזאָטלען ?" — ער פרעגט,
די אַלטע זעלנער ענטפערן : „מיט פייער"...

ביי זיך אויפן אַלטיי געזאָטלט האָט ער פערד,
און דאָ פאַרטראַכט ער זיך... עס נאָיען אים די פינגער :
ווי זאָטלט מען עס אָן אַ פאַס פאַרוויסטע ערד ? —
דעם באַרג אַ צוים אין מויל אַריינלייגן איז גרינגער...

דעם פויערס קווענקלעניש דער קאָמאַנדיר דערזעט.
עס ווערט מיר דער סאָלדאַט דער יונגער ליב און טייער :
וואַרט צו אַ רגע, וועסט פאַרשטיין ביי דעם קיוועט,
אַז אָנזאָטלען אַ וועג מיט פייער
הייסט — צופויזען צו אים באַהאַלטן און געהיים,
און ווי מען כאַפּט אַ פערד, צעבונטעוועט פון צאָרן,
און ווי מע האַלט עס איין מיט שאַרפן קלאַפּ פון שפּאָרן —
אַזוי דעם שונאס שפּרונג פאַרהאַלטן ביי דיין היים
און עפענען פאַר זיך צום זיג אַ וועג אַ קלאָרן...

1942

אויף אַ זאַמדיק אָרט

אין אונדזערע פליאַגעס — קיין טראָפּן ניטאָ,
עס גלאַנצן די ציין אין צעעפנטע מיילער,
מיר גראָבן אַ ברונעם שוין עטלעכע שעה,
מיר שניידן אַריין אין דער ערד זיך, ווי זיילן.
די גרוב אין דער טיף איז שוין שמאָל ווי אַ האַנט.
קיין קאַפּעלע וואַסער — נאָר שטיינער און זאַמד.

בלייבט ליגן פאַרחלשט די צונג אויפן גומען
אַזוי ווי אַ פיש אויפן ברעג, ווען ס׳איז הייס,
און ס׳ווילט זיך אַ לעק טאָן ביים שכן דעם שווייס,
וואָס טריפט פון די אַקסל אַראָפּ אינעם ברונעם.
עס טוט זיך מיין שכן צו מיר אויך אַ קער:
— אַ טרער אויף רפואה... אַ לעק טאָן אַ טרער...

מיר שטייען מיט לאָמען צו שטיין אָנגעלענט,
אַריבער דעם קאָפּ הענגט די זון ווי אַ כוסה.
איך וואָלט זי פאַרדעקט מיט די אייגענע הענט,
פאַרציען עס זאָל נאָר אַ וואָלקן דעם דרויסן.
מיט לאָמען מיר שטייען פאַרקלערט אַ מינוט,
און ווידער מיר גראָבן — געננג שוין גערוט!

די זאַסטעפּעס גיבן אַ בלאַנק צווישן שטיינער,
עס רייסט זיך אַ פונק פון די שטיינער אַרויס,
און ווי אַ שליח פון ווייטן געררויש,

דער פונק טראָגט זיך דורך צווישן זאַמדן אַ ריינער,
און ווייל אויף אַ טראָפּן ס'איז ענלעך דער פונק —
איך בייג זיך שוין אָן אויף צו געבן אַ טרונק...

1942

די לעצטע קויל

דער פיינט דערשפּירט: דו ביסט געבליבן איינער,
ער גייט אויף דיר אין פולן וואוקס — אַ גרויל...
און דו בלייבסט ליגן, ווי פאַרשטיינערט:
די לעצטע קויל...

אַ בלוטפּול אָדערל נעמט קלאַפּן
אין שלייף, אונטער דער שטייפער הויט.
איבער דיין אָטעם טוט אַ צאַפּל
דער טויט.

דו ווייסט ניט, ווער עס זאָגט דיר אונטער,
נאָר וועגן פּחד דו פאַרגעסט,
שיסט אויס די קויל און בלייבסט פאַרוואונדערט
און זעסט:

אַ ווזוואָד מיט שפּיזן צו דעם הימל, —
ער גייט צו הילף דיר דורך דער בריק.
דו כאַפּסט זיך אויף, ווי פון אַ דרימל:
דו האָסט געזיגט!

1942

דער אומבאַוואוסטער זעלנער

דער באַטאַליאָן גייט אָפּ אין שלאַכט מיט בלוט.
שוין ווייניק זעלנער, נאָר מיר שלאָגן זיך אַנטשלאָסענער.
געקומען הילף — און צוגעקומען מוט...

דער ייִנגסטער צווישן זיי, אַ „ניט־באַשאָסענער״,
האָט ניט באַוויזן אויפן ברוסטוועך אָנשפּאַרן די רער,
ווי לעבן אים האָט אַ גראַנאַטע זיך צעריסן...

ער ליגט אַ טויטער אויף דער ערד —
קיין איין מאָל אויסשיסן אין שונא ניט באַוויזן.

און איך — אין האַרצן קלאַפּט ווי מיט אַ האַמער:
„דעם נאָמען ניט געפרעגט ביי אים
און ניט דערוואוסט זיך, וואו עס לעבט זיין מאַמע״.

1943

אין וואַלד אויף אָפּרו

וואָס נעענטער צו דעם ביוואַק, אַלץ מידער כ׳ווער,
און אָט איז שוין דער וואַלד...
איך רו ניט סתם:
אַז ווערן זאָל דאָ היימישער, געמיטלעכער —
אַ צוויאָק פאַרקלאַפּ איך אין אַ שטאַם
און די שינעל הענג אויף, טו אויס די אַמוניציע
און פלעכט די צווייגן איבער — ס׳זאָל פון ווינט און קעלט
דער זיכערער שאַלאַש באַשיצן מיך.

און בלעטער געלע ברענג איך אין געצעלט
און שפּרייט מיט זיי אַ ברייט און ווייך געלעגער אויס,
צינד אָן אַ שייטער —
וואַרעמקייט און ליכט...
מיין שטוב איז פאַרטיק. קוק איך אויף דעם וועג אַרויס:
פאַרבעטן עמעצן אויף נאַכטלעגער צו זיך.

פראָסט

אין קעסל — פֿאַרפרוירענע קאַשע,
אין פליאַגע — פֿאַרפרוירענע וואַסער.
עס שווייגט אין סעקרעט די „מאַקסימקע" —
דער אָפּקילער אירער וויל טרינקען.

ביי וועמען אַן עצה דאָ פרעגן?
מיר גיבן אַליין זיך אַן עצה:
אַן עמער מיט שניי מיר פֿאַרדעקן
מיט פעלצן — אָט ערשט פון דער פלייצע.

דעם אָפּקילער גיבן מיר טרינקען,
אין אייגענעם דאָרשט מיר פֿאַרגעסן,
עס שיסט אין סעקרעט די „מאַקסימקע".
געפרוירענע קאַשע מיר עסן.

1944

אַ מתנה

מיט קיסעטן כל־ערליי — רויטינקע און ראָזינקע —
אַ מתנה־קעסטעלע מיין ראָטע האָט באַקומען.
ווען באַטיילט איך האָב די שיסער,
אויפן דעק איך האָב געפונען,
טרעפט, וואָס כ׳האָב געפונען דאָרט —
אַ ראָזשינקע.

וועל איך בעטן ביי חברים, וועל איך בעטן אַ מתנה זיך
די פאַרטריקנטע, פאַרדאַרטע — אָט די ראָזשינקע די פּראָסטע,
וואָס אין קעסטעלע פאַרלאָרן האָט אַ מידע באַלעבאָסטע,
אַ פאַרהאָרעוועטע, אַ פאַרטאָגנע.

כ׳וועל פאַרקלייבן אין טראַנשיי זיך, אין אַ ווינקעלע אַן עקסטן,
ווי אַ קינד אויף ווייכן קישן — אין זיין ברייט־געראַמען וויגעלע,
און די ראָזשינקע אויף דלאָניע וועט אַ שמעק טאָן מיט געבעקסן
און מיט „ראָזשינקעס און מאַנדלען“,
מיט אַ „קלאָר־ווייסינק ציגעלע“...

פאַרוואָס דעם זעלנער זיין מקנא

ווען כ'בין אַ קינד געווען, איך פלעג מקנא זיין די זעלנער —
פאַר שטאַלטנעם אויסזען, פאַר די שטיוול־,,פלעשעלעד".
און פאַר דעם כאַקי־העמדל, פאַר אַ צייכן אויף זיין קעשענע,
פאַר די עמבלעמעס מעשענע אויף די אַראָפּגעלייגטע קעלנער,
פאַר שמאָלער פאַרטופיי,
פאַר הויזן גאַליפע —
פאַר אַלץ מקנא זיין איך פלעג דעם זעלנער.

איצט קום, מיין קינדהייט, כ'וועל פאַר דיר זיך ניט באַרימען.
אַ זעלנער אויף מלחמה — אַט איז מיין פאַרמעגן:
אַ העמדל, אויסגעווייקט אין שווייס, אין רעגן,
אַ העלם — דעם קאָפּ פאַרדעקן, פון ברעזענט אַ רימען,
געראַמע שיך — פאַר דרייען,
און שטאַלענע כלי־זיין...
— מיט וואָס זשע, זעלנער, קאָנסטו זיך באַרימען?

אָ, קינדהייט נאַרישע, די יוגנט דו פאַרשטייסט ניט.
איך וויל, דו זאָלסט מיין פּראָסטן אויסזען ליבן.
דעם זעלנער זיי מקנא פאַר זיין דרייסטקייט,
פאַר זיין געווער, און פאַר זיין האַרץ, און פאַר זיין גלויבן.

1941

פאָרגעפיל פון אָנגריף

הינטער דער פּלייצע — אַ ברייטע וועלט,
און פאַר די אויגן צוויי מעטער ערד,
שפּרייט זיך די פראָנט־ליניע, ווי אַ שוועל,
וועלכע ס'איז ,איבערטרעטן פאַרווערט.

היינט וועל איך איבערטרעטן די שוועל,
זיין זאָל אַזוי, ווי דער מענטש האָט רעכט:
הינטער דער פּלייצע — אַ ברייטע ערד,
און פאַר די אויגן — אַ פרייע וועלט.

1944

דער סוף פון שלאַכט

די שלאַכט קלאַפּט ווי אַ טיר זיך פּלוצלינג צו,
און באַלד איז רו...

זאָל איין מינוט נאָך דויערן די שלאַכט.
כ׳וויל איבערלעבן ווידער די מינוט,
ווען ס׳האָט געדאַכט:
דער שונא ווערט דערטרונקען אין זיין בלוט.

איך וויל קיין רו.
„יעסט אופּאָיעניִע וו באָיו" 1)

1944

1) „פֿאַראַן באַגייסטערונג אין שלאַכט" — אַ שורה פון א. ס. פּושקינס דראַמאַ־טישער פּאָעמע.

אַרויפגעטראָטן אויף דעם שונאס ערד

דאָס וואַרעם ווינטער־לאַנד,
וואָס האָט אין ווייס־פאַרשנייטע דלאָניעס פון די טאָלן
מיין אָטעם, ווי אַן אָנגעצונדן שוועבעלע, געהיט,
כ׳פאַרלאָז, און שטעל די ערשטע שטראָפנדיקע טריט
אויף שונאס ערד.

ווי גוט עס איז צו וויסן:
מיין וואַרעם ווינטער־לאַנד
איז איצטער ווייט אין דער מלחמה׳ס הינטערלאַנד.

סאָוועטיש—דייטשע גרענעץ, 1944

אַזוי ווי די דעמבן אין שטורעם

דער דעמב אין אַ שטורמישן וועטער —
ניט קלאָגן ער וויל און ניט דאגה'ן,
דעם רעגן פאַרטרויט ער די בלעטער,
אויף ווינטן פאַרוואַרפט ער די צווייגן.

ווען גרויזאַם די צווייגן פאַרהויבט ער,
עס סודן זיך זאַנגען אין פעלדער:
צי איז ער דעם שטורעמס פאַרגלייבטער,
צי אפשר דעם שטורעם באַפעלט ער?

די פייגל מיט רעש און געפילדער
פאַרלאָזן די קרוינען דערשטוינטע:
צי מאַכט ער דעם שטורעם נאָך ווילדער,
צי אפשר דעם שטורעם גאָר צוימט ער?

וואָס שטאַרקער די ווינטן, אַלץ פעסטער
פאַרקניפּט זיך די צווייג מיט די בלעטער.
דער דעמב, פון די ווינטן געפעסטעט,
ער וואַקסט אין דעם שטורמישן וועטער.

און ס'לייטערט דעם דעמבס נשמה
דער שטורעם — מיט פרייד און יסורים...
— — — — — — — — — — — — —

מיר לעבן אין דער מלחמה
אַזוי ווי די דעמבן אין שטורעם.

1945

מיין געמיט

בין איך פריילעך אין דער שווערסטער נויט,
זינג איך מיר אַזוי אַ אינדערוואַכיקס —
אויף צופיקעניש דעם טויט,
דער מלחמה אויף צו־להכעיס.

די מלחמה כלומרשט איך דערקען ניט,
ביי אַ שריפה, ביי אַן אויפרייס בלייב איך שטיין:
דאָס ביסטו, די אַכזר׳ן מלחמה,
וואָס דו קאָנסט אָן בלוט זיך ניט באַגיין?
וואָס דו קוויקסט זיך, ווען יתומים וויינען,
קאָנסט די זון ניט ליידן, ווען זי שיינט?
ביסטו אויב אַזוי אַ ווּאוילע זקנה —
אַזאַ פינצטער לעבן אויף די פיינט!

אין אַקאָפּ איך קייע אַלטגעבאַקן ברויט,
לוסטיק, פריילעך אין די שווערסטע צרות,
אויף צופיקעניש דעם טויט,
דער מלחמה אויף צו־להכעיס.

כ׳וואַש ביים קוואַל דאָס פּנים און די הענט,
און ווי ס׳איז דער מנהג ביי סאָלדאַטן,
טו איך אָן אויף זיך אַ זויבער העמד,
איידער ס׳נעמען רעווען די האַרמאַטן.

אַט איז שוין די לופט פאַרפולט מיט בליי,
כ׳פאַל אַנידער. טויט צי נאַר פאַרוואונדעט ?
און איך גלויב ניט, אַז איך בין פאַרביי,
און מיין טרוים איז גרויס, ווי אַ יאָרהונדערט...
כ׳וועל בלויז טרוקן, שוואַרץ און שטרענג, ווי שרויט,
און אין בליק עס לייכט אַלץ די נחמה.
אויף צעפּיקעניש דעם טויט,
אויף צו־להכעיס דער מלחמה.

ביני איך איבער שנעל די וואונד, און ווידער
די געטרייע ביקס אין האַנט איך דריק,
און וואָס מער דער קריג איז מיר דערווידער,
אַלץ אַנטשיידענער איך גיי אין קריג...
ס׳לעבן מיינס איך קלאַנטשע ניט ביי קיינעם —
ניט ביי דיר, מלחמה, ניט ביים פיינט.
אַ סאָלדאַט אין קריג — איך פּסקן היינט:
דיר אַ גיכן סוף, פאַסקודנע זקנה,
און אַ וויסטן אומקום אויף די פיינט !.

1945

נאָך יעדן שפּאַן פאָרויס

מיין יוגנט ווייזט אַצינד אין שלאַכט איר כוח,
איר גלויבן פּראָוווט מיין יוגנט איצט אין שלאַכט.
און אַלץ, וואָס אויף דער וועלט איך האָב געבראַכט,
מיין ביקס פאַרטרוי איך.

דערפאַר, ווען ס'איז די מידקייט גרויס,
איך וויל ניט אָפּרוען, איך קאָן ניט שלאָפן.
נאָך יעדן שפּאַן פאָראויס,
נאָך יעדן איינגענומען פעלד
כ'דערזע פאַר זיך אויפסניי די וועלט,
וואָס איז פאַר מיין געוואַגטער יוגנט אָפן.

אויגוסט 1941

עס לעבט דער באַטאַליאָן

* *
*

פון דעם פעלדז אַ שווערער שפליטער
פאַלט אין טייכל — זינקט, פאַרשווינדט.
און דאָס וואַסער רינט און רינט —
אויסגעגלייכט דעם טייכלס ציטער.

בלויז דער מענטשלעכער געמיט
אַ באַשענקטער מיט זכרון —
פונעם ווייטיק, פונעם צאָרן
אויף זיין האַרצן בלייבט דער שניט.

1944

עס לעבט דער באַטאַליאָן!

פריינט! ס'איז אומגעקומען אונדזער באַטאַליאָן,
נאָר איך און דו — מיר אָטעמען און שיסן.
און ס'טאָר דער שונא אונדזער סוד ניט וויסן —
איז העכער, פריינט מיינער, הויב אויף באַרג די פאָן!

די היישעריקן מיינען,
אַז עס באַשיצט די הויך
אַן אויסגעפרואווטע מאה,
אַ פעסט געשטאַלטער כוח.

פריינט! ביי אונדזער קוילנוואַרפער לעבט דער באַטאַליאָן!
מיט אויגן אָפענע די טויטע שפּירן,
ווי מיר, די לעבעדיקע, אין געפאַר זיך פירן —
איז העכער, פריינט מיינער, הויב אויף באַרג די פאָן!

די היישעריקן פויזען...
דאָס שווייגן פון דער נאַכט,
איך שווער דיר, מוז זיי אויסזען
נאָך שרעקלעכער פון שלאַכט.

פריינט! ס'דאַרף היינט דער באַרג פאַר אונדזער באַטאַליאָן
א פאָסטאַמענט פון רום דאָ ווערן,
איז לאָמיר פאַר דעם טויט־געפעכט זיך שווערן:
ביז לעצטן אָטעם ניט אַרויסלאָזן די פאָן!

די היישעריקן קלעטערן,
דעם אָנגריף הייבן אָן,
זיי ווילן אונדז צעשמעטערן
און אָפּנעמען די פאָן.

פריינט! גייסט אָפּ מיט בלוט, נאָר ס'קעמפט דער באַטאַליאָן!
דער באַרג איז אונדזערער! איך וויל, זיין הייסער שטיין זאָל
צו רוימען אויפהייבן אַ שטאָלצן דענקמאָל
דעם העלד, וואָס ניט אַרויסגעלאָזט האָט אונדזער פאָן!

די פאָן אין הימל וויגט זיך,
זי פירט, זי רופט, זי מאָנט,
זי רימט די טויטע קריגער —
עס לעבט דער באַטאַליאָן!

1943

לידער וועגן טויט

1. טרויער

ווען אויפן דיל אַ בר־מינן פלעגט ליגן,
אין שטוב פאַרהענגען פלעגט מען אַלע שפּיגל.
אַצינדער ליגן אויפן פעלד אַזויפיל מתים.
דער טאָג — אַ ליכטיקער, אַ זוניקער, אַ הייסער.

וואָלט כאָטש אַ וואָלקנדל די בלאַנקע זון פאַרהאַנגען.
וואָלט כאָטש אַ ווינטעלע אַדורך איבער די זאַנגען.

1942

2. „מאָריטור" 1)

אַרויפגעוואָרפן אויפן קינד האָט זיך דער „העינשעל" 2)
און אומגעוואַלגערט האָט דאָס קינד אַ קויל,
דאָס בלוט אַ שטראָם געטאָן האָט פונעם מויל,
און אויגן אויסגעלאָשענע פאַרגייען שוין.

1) „מאָריטור" (לאַטיין) — ער שטאַרבט.
2) דייטשער עראָפּלאַן.

דער דאָקטער האָט געפּרואווט ביים קינד דעם אָטעם,
און „מאָריטור" געזאָגט מיט שטילער שטים,
נאָר ס'האָט דאָס קינד אַ הויב געטאָן די אייגעלעך צו אים,
גלייך וועגן טויט ער וואָלט אים טראַכטן אויך פאַרבאָטן.

און עס האָט ווידער זיך דער דאָקטער אָנגעבויגן,
דורך טרערן איינגעקוקט זיך אין דעם ייִנגלס בליק,
און ס'האָט אַ יאָג געטאָן דעם דאָקטערס האַרץ צוריק,
און ער האָט אויסגעשריגן: „ס'לעבן זיינע אויגן!"

1941.

3. אַ שמועס מיטן טויט ביי די דראָט־פאַרצוימונגען

ביי דראָט־פאַרצוימונג איך ליג, און דו — מיט מיר.
די ערד — מיין גרויסע וויג — אויף תהום זיך הוידעט...
ווען נאָר צו דיר דער וועג פון שלאַכט־פעלד פירט,
איז וויפל, מיינסטו, האָב איך פון דיר סודות!

איך האָב פון דיר איין אויסגעהיטן סוד,
דעם גלויבן און דעם מוט פון אים מיר שעפּן:
אַ טראָט און נאָך אַ טראָט צום לעבן,
און זעסט: דער טויט דאָך אָפּגעטראָטן האָט!

1941

4. העלדנטאַט

דאָס לעבן, דער נאַטורס געשאַנק,
אין שטאַרקן מענטש איז שוואַך פאַרטיידיקט.

ער גייט אַרויס אַנטקעגן טאַנק
אַליין, אַליין אויף ווייסער שניי־דעק.

דעם טאַנק צו אָפּשטעלן ער האָט
נאָר צוויי גראַנאַטעס, מוט און שנאה,
און ס'ברומט דער אייזערנער מיט שפּאָט:

— היי, נפש, ביסט געריירט פון זינען?
מיט מיר פאַרמעסטו זיך, מיט מיר?
קראַץ מיטן פויסט מיין פעל, מיין פּאַנצער!
אַרום די רויפעס מיינע טאַנצסטו,
ביז כ'גיב זיך צאָרנדיק אַ ריר...

דאָס לעבן דער נאַטורס געשאַנק,
אין שטאַרקן מענטש איז שוואַך פאַרטיידיקט.
מיט צוויי גראַנאַטעס קעגן טאַנק
ער שטעלט זיך אָפּ אויף ווייסער שניי־דעק.

ער וועט זיך וואַרפן אונטער טאַנק
מיט צוויי גראַנאַטעס אויפן רימען,
און ס'וועלן וואַלד און פעלד נאָך לאַנג
אין פייער־שיין זיין גבורה רימען.

1945

וואַלד

דאָס וואָרט איז ווערט דעם נאָמען „וואַלד״ —
ניט נאָר ווייל ס׳גרינען דאָ
סיי ביימער קליינינקע סיי ביימער גוואַלדיקע,
נאָר ווייל די לופט איז דאָ אַ וואַלדיקע,
די ערד — אַ וואַלדיקע,
ווי ס׳וואָלט די גאַנצע וועלט געווען דאָ וואַלד.

די גראָזן זיינען דאָ מיט זאַפטן זאַט,
אין דינעם גרעזעלע דערשפּיר איך טיפסטן שאָטן
לויט דעם, ווי גליטשיק ס׳איז און גלאַט,
לויט דעם, וואָס קיינער האָט אויף דעם נאָך ניט געטראָטן...

ווען באַטאַרייעס
רייסן אויס פון וואַלד די קרוינענדיקע לאָקן,
און ביימער שטייען הויל:
אַ שטאַם — אַ פּלאָקן,
אַ קוסט — אַן אַשיק־גרויער קנויל,
איז דעמאָלט אין דעם גראָז ניט שווער דערקענען
דעם וואַלד,
וואָס אומעגלעך איז אים פאַרברענען —
ווייל גראָזן זיינען איצטער אויך מיט זאַפטן זאַט,
פון דינעם גרעזעלע עס פאַלט אַ טיפער שאָטן,
ווי זאַפטיק־גרין, ווי גליטשיק ס׳איז און גלאַט,
די שלאַכט אפילו האָט עס ניט צעטראָטן...

1942

דאָרשט

ס'איז ענדע יול. מיט שטויב איז פול די לופט.
עס רירן זיך ניט אויפן פעלד די זאַנגגען.
אַ בלום באַהאַלטן האָט אין גראָז איר דופט
און אויף אַ זאַנג אַליין זיך אָנגעהאנגען.
צוויי בלעטעלעך, ווי ליפּן טרוקענע, פאַרפרעסט,
זיי בעטן וואַסער ביי די וואָלקנדלעך די דינע,
נאָר וואָלקנס זיינען ביי דער זון איצט געסט,
און ס'וויל די זון, זיי זאָלן ניט צעריינען.
שלאָפט איין דאָס בלימל אויף דער ברוסט פון פעלד,
די בלעטלעך שטויביקע אַוועקגעלייגט צוקאָפּנס.
און עס געפינט זיך ניט אויף גאָרער וועלט
פאַר אָט דעם קליינעם בלימעלע קיין טראָפּן.

אַביסל זאַפט פון לייב די בלום קוועטשט אויס,
אַ טרוים באַהויכט דאָס אויסגעדאַרטע שטענגל.
עס דוכט זיך דעם, אַז טראָפּנס, טראָפּנס הענגען,
און יעדער טראָפּן שווער אַזוי און גרויס...
צו הימלען וועט דעם בלימלס טרוים דערגרייכן,
ווי עס דערגרייכט צו אים דער ראַנד פון אָט דער ערד!
אין די פאַרשטויבטע ווייסלען פון די הייכן
וועט שטעלן זיך אַ וואָלקן, ווי אַ טרער...

1943

פּעטערהאָף

אין פּוסטן פּאַלאַץ — גלאָז פון ליוסטרעס מאַטאָווע,
און קופּעס מיסט, און אָפּגעקלאַפּטע ווענט.
און דער קאַמין דער קאַכלנער צעבראָכן...

פאַרהיט האָט זיך נאָר אַפראָדיטעס סטאַטוע,
און ס'דוכט : עס וואַקסן אָפּ ביי איר די הענט,
און זי האָט זיי אין גרויסן צער פאַרבראָכן.

1944

אין פעלד-שפּיטאָל

אַ פולן קרוג האָט זי געטראָגן צו זיין בעט,
מיט גיכע, פעסטע טריט — כמעט געלאָפן.
דעם צימער דורכגעגאַנגען אויף איין ברעט,
ניט אויסגעגאָסן אויפן דיל קיין טראָפן.

אַ שעה צוריק איז ער געזעסן אויפן פערד,
דעם שלאַנקן גוף פאַרקרעמפּעוועט אין זאָטל,
און אַזוי שנעל געפאָכעט מיט דער שווערד,
אַז ניט געפאַלן איז פון איר אויף דר׳ערד קיין שאָטן.

נאָר ווען ער האָט דעם קרוג גענומען פון איר האַנט,
און זי האָט נעענטער צו אים זיך אָנגעבויגן,
האָט זיך די פליסיקייט אַ גאָס געטאָן איבערן ראַנד,
און טרערן האָבן זיך געשטעלט אין ביידנס אויגן.

פעלד־שפּיטאָל, יולי 1941

דאָס לעצטע וואָרט פון א רייטער

פון פערד אַראָפּגעפּאַלן? ניין! אַ ליגן! ווילד!
ווער גראָבט די ערד דאָרטן? אַוועקוואַרפן די לאָפּעטעס!
מיין פערד אַליין וועט אויסגראָבן אַ גרוב מיט זיינע קאָפּעטעס,
ווען צו דער גריווע איך וועל צופאַלן פאַרקילט...

אָ, לאָזט ניט בלאָנדזשען אָן אַ רייטער דאָס פאַרוואונדעט פערד,
אָ, וואַשט פון פעל זיינער אַראָפּ דאָס בלוט ס׳פּאַרזאָטענע,
אָ, לייגט אַוועק, חברים, אויף אַ זאָטל מיך
און גיט מיר אָפּלעקן די טויען פון מיין שווערד...

פון פערד אַראָפּגעפּאַלן? ניין! אַ ליגן! הערט:
די שפּאָרן קלינגען נאָך און זוכן וואו זיך אָנשפּאַרן.
דער טויט דער נידעריקער — ער וועט מיך ניט אָפּנאַרן,
כ׳בין גרייט מיט בלוט אָפּגיין,
און גרייט אויך שטאַרבן כ׳בין —
נאָר אויפן פערד!

1942

אומקער צום לעבן

ס׳האָט רעכט זיך פאַרגונען די בלאַנקע, די אייביק פאַרהויבענע שווערד
אַ רגע באַהאַלטן די שאַרפקייט אין טונקעלער טיף פון דער שייד...
מיט אָפענעם מויל, ווי אַ פויגל, איך לייג זיך אַוועק אויף דער ערד.
כאָטש ווייט איז די שטילקייט פון רו נאָך ,דאָס האַרץ איז באַרואיקט מיט פרייד.

דערפילט מיך די ערד, און עס טייעט אין זיסער הנאה איר ברוסט,
פון תענוג באַדעקן מיט טוי זיך דאָס בלימל, די צווייג און דער קוסט.
אַ שאָטן פון בלאַט, ווי אַ קוש, פאַלט אויף רויטן געזיכט פון דער בלום,
לכבוד מיין אומקער די חיה דערשיטערט דעם וואַלד מיט געברום.

פאַרנעמען די ערטער שוין בינען אין לוסטיקן רעש פונעם גראָז,
עס שפילן אין קרוינען די פייגל מיין חתונה מיט דער ערד,
און פון אַ צעבראָכענעם שטערן צעשיט זיך אויף ביימער דאָס גלאָז...
אָ, ערד מיינע, ווילסט מיך? — די ליבע נעמט דורך ווי אַ פראָסט,
און כ׳שייד שוין ניט אונטער פון טויען די וואַרעמע, מענטשלעכע טרער.

„קער אום מיר דעם כוח פון אַ זעלנער!" —איך מאָן ביי דער ערד און איך בעט.
די ערד — מיט די הענט, מיט די פינגער, מיט נעגל מיט מיינע איך קנעט.

דעם סימן פון ליפּן און ציינער איך קוועטש אויף איר דאָרשטיק
אויס
און הויב זי לייכט אויף אין די אָרעמס, כאָטש מעכטיק זי איז
און גרויס.
הער, וואַרעמע, פּייכטע, צעשאָטענע : די גלעקער רופן צום שלאַכט.

עס שטייט פאַר די אויגן דאָס שלאַכטפעלד... עס פאַלט פון די
אויגן די נאַכט.

עוואַקאַ שפּיטאַל, 1942

אַ וואָרט צו די לייענער

די אומגעקומענע יידישע דיכטער געווידמעט

ווען ס'וועקט מיך אויף דער ווייטיק אין די וואונדן,
איך לאָז זיך גיין אויף פעלדער צו די פריינט.
איך זוך די שיין, וואָס איז מיט זיי פאַרשוואונדן,
פון זייער אויסגעזונגען לעבן כ'זוך די שיין.

איך גיי און גיי. פון אַלע זייטן ברענט.
און איך דערזע זיך ווידער אויף פאַרשנייטע שליאַכן,
אויף וועלכע די געפאַר האָט מיט געוואוינטע הענט
אַוועקגעלייגט מיין קאָפּ אויף דער מלחמהס פלאַכע.

און איך בין דאַן געוועזן דער יינגסטער צווישן זינגער,
כ'האָב אָפּגעווענדט די האַק, דאָס לעבן כ'האָב פאַרהיט,
און אויף דעם ביקסן-שלאָס אַוועקגעלייגט די פינגער,
ווי ס'וואָלט די ביקס געווען אַ קלאַוויש פון מיין ליד —

איך זינג זי אייך, די ליד, איך ברענג זי אייך, די ליד,
די אויסגעלייטערטע ביי תהומען פון די וועלטן —
אין איר האָבן דעם טרוים דעם ליכטיקן פאַרהיט
די אומגעקומענע, די קדושים און די העלדן!

כ׳שטיי אויף באַנאַכט. צום שלאַכטפעלד ציט דאָס האַרץ מיינס,
און אייך איך פיר צום פעלד פון רום און וויי:
אַ קבר — כאַשטשעוואַצקי... נאָך אַ קבר — האַרצמאַן,
און זעלדין דער מאַטראָס פאַרגראָבן ליגט אין שניי...

מיין פריינט אַליעווסקי קומט צו אונדז אַרויס
פון יענע ווייטקייטן, וואו ס׳ווערט דער מענטש פאַרלאָרן —
„מיר זיינען קלייניקע געוואָרן גרויס,
און ווייסט דער רוח, וואו זיינען זיי, די יאָרן”...

אַזעלכע ווערטער האָט ער אונדז פאַרטרויט! —
מיר זיינען קלייניקע געוואָרן גרויס אין שלאַכטן...
אויך מיך האָט אַנרחמנותדיק דער טויט
פיר מאָל געוואַלגערט אויף מלחמהס פלאַכע.

און איר געדענקט אוודאי יענעם אָוונט,
די מאַטע שיין, דעם אומעט אין דער מיט,
ווען ס׳האָט דער גרויער קאָפּ ביי קושניראָוון
אַראָפּגעלאָזט זיך אויף מיין לעצטער ליד.

נאָר איך האָב אויסגעלעבט אין ווייען שטאַרקע,
און איידער מ׳האָט מיט מאָרפי מיך פאַרוויגט,
האָב איך אַ טראַכט געטאָן: אין פלאַם איז אַרקע,
און עזרא פינינבערג אין סאַמע פייער ליגט.

און איצט עס טרעפט: דער ווייטיק אין די וואונדן —
ער וועקט מיך אויף, און כ׳גיי צו מיינע פריינט,

און איך דערקען אין דער צעגליטער זון דאָ
פון אויגן אויסגעלאָשענע די שיין.

און ווען מיט שבועות פון דעם האַרץ איך רעד,
איך קוק אַריין אייך אין די אויגן, ברידער —
עס זאָל דער טרויס פון אומגעקומענעם פּאָעט
אַריין אין אייער האַרץ מיט זיינע לידער!

1945

דער וועג צום זיג

צוויי און צוואַנציקסטער יוני 1941

דעם שטויב איך טרייסל ניט אַראָפּ פון מיין שינעל,
איך קום פון שלאַכט, און ס'וואַרט אַ שלאַכט אַ נייע,
און ווי אַ הייליקע באַטרעט איך אייער שוועל —
זיך צוזעצן אַ רגע ביי דעם פייער.

די אויגן צומאַכן און אָפּרוען מיט אייך,
און זאָל זיך די דערמאָנונג אויסשיילן פון נעפּל:
דער ישוב און דאָס פעלד, דער אינדזל און דער טייך —
דאָס אַלץ האָט אויף דער ערד געהאַט אַ נאָמען: „לעבן".

דער וואַלד געווען באַדעקט מיט סאַמעט אויף די שטאַמען.
דאָס וואָיען פונעם וואָלף, דעם פויגלס רואיק שוועבן,
וואָס האָט געבראַכט אַהער אַ גרוס פון ווייטע ימען —
דאָס אַלץ האָט אינעם וואַלד געהאַט אַ נאָמען: „לעבן!"

דאָס לעבן האָט געמיינעט זיך, געפּלאַטערט,
אין זומערדיקער היץ — מחיה'דיק פאַרמאַטערט,
באַפליגלט, לייכט און פריש — אין פרילינגדיקן ציטער,
און שטענדיק פול מיט פרייד, מיט דונער און געוויטער.

אויף הוילן שטיין די זון און אונטער צווייג דער שאָטן,
דער אויפגעשפּיצטער באַרג, אַ זעמדעלע דערנעבן,
דער אָדלער אויפן באַרג, אַ ווערעמל אין באָדן —
דאָס אַלץ האָט אויף דער ערד געהאַט אַ נאָמען: „לעבן".

מיט נחת האָט דער מענטש געקוקט אויף אָט דער וועלט,
פון שניט־צייט צום פּאַרזיי געוועזן אי ווייט אי נאָענט,
אין מי האָט ער פאַרמאָגט די כוחות פון אַ העלד,
די קלוגשאַפט פון אַ נביא...

באַגינען האָט די וועלט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף:
דער מילנער צו זיין מיל, דער פּאַסטוך צו די שאָף,
און צו זיין בלאָז־זאַק איז געגאַן דער שמידער,
און איך בין דאָרט געווען מיט מיינע יונגע לידער.

און פּלוצים... אינעם שיינעם יוניקן גאַנצפרי
צום קריג צום הייליקן דאָס פאָלק דערוואַכט האָט,
ווען ס'האָט דערהערט דעם רוף — ניט צו געבענטשטער מי:
אַ, פאָלק מיינס, צום געווער, אָ, גיבור־פאָלק, צו שלאַכטן!

איך בין צו דעם געפעכט נאָך ניט געווען געוואוינט —
געשטאַנען כ'בין דערשטוינט...
דער הימל האָט געברענט, די ערד האָט זיך געוויגט —
דאָס איז געווען אין אָנהויב פונעם גרויסן קריג...

ביי דער דייטשיש־סאָוועטישער גרענעץ, 1941

שניט-צייט 1941

שניט צייט. בייגן זיך די שניטערס צו די פולע, שווערע זאַנגען,
ניט קיין סערפּן, ניט קיין קאָסעס — שפּיזן, ביקס־רערן און העק,
און די שניטערס — ניט האַלב־נאַקעט, נאָר פאַרגאַרטלט און באהאנגען,
אין דעם גרויען כאַקי־אַנטאָן, גלייך זיי קלייבן זיך אין וועג.

נעמט אַ גראָבאייזן איין שניטער, ביי די וואָרצלען גראָבט דעם קאָרן —
וואָלט ער דען אַזוי געשניטן? צי ניט זיינער — דער פאַרזיי?
די מלחמה וויל ניט וויסן: שטרוי צי בלומען, זאַנג צי דאָרן,
דער סאָלדאַט בעט אויס מיט זאַנגען זיין געלעגער אין טראַנשיי.

קיינער טרייבט פון פעלד די פייגל — זאָלן זיי כאַטש קערנער פּיקן,
און עס טוט דאָס האַרץ אַ טיאָכקע, ווען אַ זאַנג שוין ווערט פאַרגעלט.
זוכט אַ שניטער אינעם זעקל, זוכט געבאַקן ברויט אַ שטיקל,
און געפינט אַ שטיקל בליי דאָרט, און פאַרקוקט זיך אויפן פעלד.

רייבט ער אָן אַ הויפן קערנער און צעמאָלט זיי מיט די ציינער,
וואַרעם, זיס עס ווערט אין מויל אים פון ניט־אָפּגעשניטן ברויט,
וועט ער גיין זיך איצטער שלאָגן, און אים אָפּשטעלן וועט קיינער,
און ניט אָפּשרעקן עס וועט אים — ניט דער שונא, ניט דער טויט.

מערב ווייס־רוסלאַנד, 1941

* *
*

דעם זעלנער שווער באַגרייפֿן איז: אַ יונגער גיבור,
ער הערשט איבער דער שלאַכט, נאָר לעבט אין נאַסע גריבער,
און האָבנדיק אין זין די שיין פֿון שטערן ווייטע,
ער פֿרירט בײַנאַכט אין שניי און צינדט ניט אָן קיין שייטער,
דעם טרוים פֿון צוואַנציק יאָר אויף שפּיז טראָגט ווי אַ טראָפֿן —
און פֿונעם טויט איין אויגנבליק טיילט אָפּ אים.

די שלאַכט באַגרייפֿן, פֿרײַנט, איז אומגעהייער שווער,
עס מאָלט זי אָן דער מענטש מיט בלוט אויף קרומער ערד,
אָט קומען זיך צונויף די כוחות צוויי אין פֿעלד,
אויף וועלכן ס'ליגט דער גורל פֿון דער גאַנצער וועלט,
זיי שרײַען אויס דעם כעס, און יענער בלײַבט גערעכט,
ווער שטאַרקער איז פֿון פֿיינט מיט האַרץ, מיט מוט, מיט שווערד.
דאָס קלינגען פֿון מעטאַל, פֿון מינעס דאָס געביל
איז ליב אונדז מיט זיין מיין, ס'זאָל ווידער ווערן שטיל...

נאָך שווערער פֿון דער שלאַכט באַגרייפֿן איז די רגע,
ווען ס'הילכט אָפּ דאָס געשלעג... אַ שווייגן. ס'גיסט אַ רעגן.
דער באַרג איז ווי אַ טיש פֿון אויסגעטאָקטע שטיינער,
נאָך טויט־מאָלצייט פֿון אים מע וואַרפֿט אַראָפּ די ביינער,
און כאָטש דער טויט דאָ שוועבט, ער איז, מיין פֿרײַנט, פֿאַרגעסן —
מיט מאָס פֿון דעם נצחון בלוט און ווי מיר מעסטן.

אויפֿן אָסקאָל, פֿעברואַר 1943

האַרבסט, לבנה־ליכט, זומפּ און וואַלד,
אין דעם שוצגראָב ערד און ליים,
עפּעס וואַלגערט זיך, וואַקסט און פאַלט —
ניט קיין וואַסערפאַל, ניט קיין שטיין.

וויפל טעג אַדורך, וויפל נעכט,
אַמאָל הונגעריק, אַמאָל זאַט,
גלייך געבוירן אים האָט די ערד,
זיצט אין שוצגראָבן דער סאָלדאַט.

האַרבסט, לבנה־שיין, זומפּ און וואַלד,
ס'ברעכט דער ווינט אויס פון בוים אַ רוט.
שווער דעם זעלנער איז, נאַס און קאַלט,
אין די אָדערן פרירט דאָס בלוט.

דריקט ער פעסטער די ביקס אין האַנט,
און דאָס פייער אין ביקס אים פאָלגט.
הינטער אים דאָס באַשיצטע לאַנד,
און איבער אים — דאָס פאָלק.

1942

דעם זעלנערס מוטער

וועסטו נעמען אים באַדויערן און זשאַלעווען,
אַז געהאַט האָט ער אין לעבן חיות ווייניקלעך,
אין די שנייען קומט ער אָפּ, דיין זון, פאַר אַלעמען:
פאַר די אבות, פאַר די אייניקלעך;

וועסטו רופן אים, ווי קינדווייז, ווייסערחברה'ניק
און אים נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל באַדויערן,
צו דער קויל, וואָס קערט ניט אָפּ זיך און פאַרקערעוועט ניט,
וועסט דאָס לעבן זיינס פאַרגלייכן — און וועסט טרויערן;

און זיין העמדל וועסט צעשפּיליען און פאַרשפּיליען עס —
ס'יונגע לייב זיינס איז צעריסן און פאַרנייט דערנאָך.
וועסטו מאַכן זיך ניט זעענדיק, דערפילן וועסט,
אַז דער אומעט ווי אַ שוואַרצע כמאַרע גייט דיר נאָך;

וועסטו נאָכקוקן דיין ציטעריקן ייִנגעלע,
ווי עס שווינדלען אויף אים אויפרייסן, ווי שיין־פלעקן.
ווען אין גרובן ער וועט רוען אין אַ ווינקעלע,
וועסטו קומען, אין שינעל אים זאָרגזאַם איינדעקן, —

וועט ער אויפהויבן צו דיר זיין שטאָלצן ליבע־בליק:
— כ'בין קיין קינד שוין ניט... דיין זאָרג פאַר מיר איז איבעריק,
די מלחמה, מאַמע, פרואווט אונדז און פאַרהאַרטעוועט,
ס'לייב פאַרגרעבט ווערט — די נשמה צאַרטער ווערט...

1943

אַ טרער, מיין פריינט, טוט קיינמאָל מיר ניט באַנג

אַ טרער, מיין פריינט, טוט קיינמאָל מיר ניט באַנג,
אַ טרער פון פרייד, אַ וואַרעמע און קלאָרע.
זי רינט אַראָפּ — ווערט העלער דער געדאַנק,
די שענסטע ליד עס ווערט מיט איר געבאָרן.

ווער זאָגט, אַז טרערן קומען נאָר פון וויי,
אַז נאָר פון גרוילן קומען אָן די טרערן?
אַ טרער אין אויג איז ניט קיין שטיקל שניי,
נאָר אַ צעגליטער טראָפּן פון אַ שטערן!

עס טרעפט: דאָס אויג קאָן טרוקן מער ניט זיין,
פון גרויסער פרייד די ברוסט ווערט שיר צעריסן. —
דאַן הויבן אָן די הייסע טרערן פליסן,
און גלויב מיר, פריינט: ביז ווייטיק עס פאַרדריסט מיך,
אויב פרייד און גליק די טרערן האַלטן איין.

דער פרישער טוי בענטשט אינדערפרי דעם זאַנג,
איז וואָס, אַז טוי אויף וויעס כ'האָב פאַרלאָרן?
אַ טרער, מיין פריינט, טוט קיינמאָל מיר ניט באַנג,
די שענסטע ליד עס ווערט מיט איר געבאָרן.

1941

אין שונאס הינטערלאַנד

אין שפּעטן האַרבסט איז נידעריק דאָס פעלד און אָרעם,
אויף הוילן רוקן זיינעם כ׳זע דאָס נאַענטע און כ׳זע דאָס ווייטע:
פון דאָרף צום דייטשס פּאָזיציעס עס פּאָרט אַ רייטער,
פון דר׳ערד, לעם עלנבויגן מיינעם, קריכט אַרויס אַ וואָרעם.

דער וואָרעם מיינט, אַז כוח האָט ער מי יודע וויפל,
אַז ער האָט דורכגעשרויפּט די ערד, ווי קרויט אַ הייפּטל,
און דורכגעקראָכן שוין דורך אַלע זיבן איילן,
וועט ער די ווערים וואונדער איצט דערציילן.

ער ציט זיך אויס,
ער דרייט צונויף זיך ווידער, ווי אַ בויגן, —
ביז איך צעקוועטש אים מיט אַ ריר פון עלנבויגן...

אין שפּעטן האַרבסט איז נידעריק דאָס פעלד און אָרעם,
אויף הוילן רוקן זיינעם כ׳זע דאָס נאַענטע און כ׳זע דאָס ווייטע:
אויף ד׳רערד, לעם עלנבויגן מיינעם, אַ צעקוועטשטער וואָרעם,
און פון מיין שאָס עס פאַלט דער דייטש — דער רייטער.

אויגוסט, 1942

* *
*

דו פרעגסט, צי איך שרעק זיך,
צי וואַרפט די געפאַר אויף מיר אָן דאָ אַ מורא ?

דערמאָן איך זיך :
קינדווייז פלעגט טרעפן — כ׳בין וואַך ביז דער דריטער אשמורה
און הער, ווי עס גייט עמעץ אום אויפן בוידעם אין שטרויענע
שטעקשיך...
די פלעדערמייז פלעגן מיך שרעקן,
די זשוקלעך, וואָס פאַלן פאַרנאַכט פון די טונקעלעביימער,
אין חשכות גערוכט האָט זיך מיר אַ פאַרשטאָרבענער שכן
מיט שטאַרצנדע ציינער,
און אויסגעזען האָט מיר געהיים :
אינעם ווינקל אַ בעזעם, אַ צווייגל אין שויב און אַ שטעקן.

אַן אמת — געהאַט האָב איך מורא...

צי ס׳טרעפט זיך אַמאָל, אַז איך ציטער ?
צי וואַרפט די געפאַר אויף מיר אָן דאָ אַן אימה ?

געדענק איך :
אין אָנהויב מלחמה — אַריין אין די שוצגראָבנס ערשט פון די
פרידלעכע היימען —
מיר פלעגן מיט שרעק זיך פאַרקוקן צום פלי פון אַ שפליטער,
און אָפטמאָל פאַרבויגן דעם רוקן,

באַהאַלטן די קעפּ, ווען אַן אויפּרייס פּלעגט טרעפן בשכנות,
און ליגן פאַרגאַפּט ביי אַ קוואַל, ביי אַ בלימל אַ קליינינקס
מיט מורא —
שוין מער עס ניט זען, ווען דער טויט ווערט פאַרצוקן...

אַן אמת — געווען איז אַן אימה...

צי וואַרפט די געפאַר אויף מיר אָן דאָ אַ פּחד,
ווען יעטווידער טראָט איז פאַרקניפּט מיט סכנות?

איז גלויב מיר:
אַ שנאה אַזאַ צו דעם פיינט, אַז עס שרעקט מיך קיין זאַך ניט;
ס׳פאַרהיילט זיך די וואונד —
גיי איך ווידער אין שלאַכט, ווי מע גייט צו דער שפּייז נאָך אַ תענית.

1942

דער גורל

מע פלעגט מיר איינטענה'ן: דער גורל איז אַ שטריק,
איין עק זיינער איז אויף דעם מענטשנס האַלדז פאַרצויגן,
און פאַר דעם צווייטן האַלטן זיך דער אומגליק און דאָס גליק,
וואָס פירן אום דאָס מזל הין און צוריק
און טוען עסביים מענטש אונטער די אויגן;
דער גורל, פלעג איך הערן, פירט דעם מענטש צום תהום,
און ער, דער שוואַכער מענטש, וואָס קאָן ער טאָן?

וואו זיינען די, וואָס האָבן דורך די נעכט
געשפינט די באָבע־מעשה וועגן פחד?
איך בין אין שלאַכטן דורכגעגאַן די ערד
און קיינמאָל צווישן זעלנער ניט געהערט
דעם נישטיקן געיאָמער פון די שוואַכע!

און איינמאָל האָט געזאָגט מיר אַ סאָלדאַט אַ ריז:
— דעם גורל מיינעם טראָג איך אויפן שפּיץ פון שפּיז...

אונטער וואַרשע, 1945

זעלנער

פון צוויגן און כוואָיע געבויט האָבן מיר די געצעלטן,
און יעדער געבראַכט האָט פאַר זיך שוין אַ ביסעלע היי,
מיר רוען היינט, זעלנער, פאַרגעסן די מידקייט, דעם ווײ,
אַזאַ פאַרגעניגן מיר קענען פאַרגינען זיך זעלטן...

ביים שייטער סאָלדאַטן מיט ביקסן געלאָדענע זיצן.
אין פייער זיי וואַרפן בערעזעווע צווייגעלעך דינע,
און איינער פאַרהויבט צו דעם הימל ס׳געזיכט דאָס צעהיצטע,
דערמאָנט זיך מיט יינגלשער בענקשאַפט „סיזשו או קאַמינאַ״... 1)

באַשעפטיקט און ערנסט עס ווערן די מידע סאָלדאַטן,
ווער ס׳רייניקט די ביקס, ווער עס שניצט זיך פון האָלץ אויס
אַ לעפל,
און ווער די צעריסענע שטיוול מיט דראָטווע פאַרלאַטעט,
און ווער מיט אַ מעסער אַ באַנקע קאָנסערוון צעעפנט.

דער קעכער דעם שווייס ווישט און שרייט, אַז ס׳איז גרייט שוין
דאָס עסן,
די בלעכענע קענדעלעך שווימען אַרויס פון דער פאַרע.
מיט שפּיזן צעברעכט מען די טרוקענע, דאַרע סוכאַרעס,
און רעשיק מע לאָזט זיך אַוועק צו דער קיך, צו דעם קעסל.

1) „איך זיץ ביים קאַמין״ — אַן אַלטע רוסישע ליד

נאָר פלוצים — אַ שאָס און אַ צוויטער. די קענדעלעך פולע
מיט קאַשע
מיר פעסטיקן צו צו די רימענס — ווער וועט איצטער עסן באַווייזן ?
ס'וועָרט ענג אינעם וואַלד, עס צערוקן די צווייגן זיך רעשיק,
מע וואַרפט זיך צום וואָפן, און ס'הערט זיך אַ קלינגען פון אייזן.

פון גרינער באַהעלטניש מע רוקט שוין אַרויס די האַרמאַטן,
עס צילן זיך אָן צו דעם שונא די טונקעלע רערן,
דער וואַלד איז פאַרגליווערט, פאַרגליווערט אפילו די שטערן.
—אַ וועג אייך אַ גוטן, הצלחה אין שלאַכט אייך, סאָלדאַטן !

* * *

ס'איז געשלאָסן מיין אויג און דאָס מויל, נאָר ס'איז אָפן דער אויער,
און אין אים און אַרום זיינען קלאַנגען געשליפן און ברייט.
שפיל אַזוי, באַיאַניסט, אַז די פרייד זאָל ניט וויסן פון טרויער,
און דער הימן זאָל שטאַרק זיין, און ליב זיין, און גרויס, ווי
די פרייד.

איי, ס'איז גוט, איי, ס'איז וואויל, איי, אַ רוח אין דיין לייב,
באַיאַניסט!

שפיל די ליד פון געשלעג, דער אַליאַרם פון מעשענע גלעקער
זאָל מיט בליי פון דער קויל און מיט בלוט פונעם האַרץ זיין
צעמישט
און די ליד פון דיין אומרו זאָל שלאַכטישן דאָרשט אין אונדז
וועקן.

שפיל די ליד פונעם פאָלק, וואָס אין לעבן און שטרייט דיך
באַגייסטערט,
אונדזער היימלאַנד באַזינג, זיינע גאָלדענע אוצרות, זיין פראַכט,
דעם באַזילבערטן טאָל, די צעפייערטע זון און די אייזבערג —
אַלץ, וואָס מיר איצט באַשיצן אין שלאַכט.

איי, ס'איז גוט, איי, ס'איז וואויל, איי, אַ רוח אין דיין לייב,
באַיאַניסט!

וואָס פאַר שדים אַזעלכע באַהאַלטסטו אין לעדערנער ברוסט פון
האַרמאָניק?
ס'האָט דיין שפילן מיט טענער פון הייסן געפעכט זיך צעמישט,
ווי מיט זאַפטן פון בוים אויף דער קאָרע צעמישט זיך דער האָניק.

דייטשלאַנד, אויפן אָדער, 1945

דער וועג צום זיג

די לעצטע הונדערט מעטער זיינען מיר געקראָכן,
ביים אויסגעשווענקטן ברעג צונויפגעגאַן זיך שטיל.
אַצינדער ליגן מיר פּאַרטייעטע און האָרכן,
און יעדער לעם זיין האַרץ דעם שונאס נעגל פילט.

אין אויפרייס מיר דערזעען: ביימער, מוטער־נאַקעט,
ווי קינדער אין אַ היץ, זיי וואַרפן זיך אין טייך,
דער חושך שלינגט זיי איין. מיר גייען אין אַטאַקע.
אַ טראָט שטעלן איז שווער, דאָס לעבן דורכגיין — לייכט.

פאַרהאַלט אונדז אַ מינוט דעם קוילנוואַרפערס פייער,
וועט עמעץ מיטן גוף פאַרשטאָפּן אים דאָס מויל...
מיר לויפן צו דער בריק און יעדער שפּאַן איז טייער,
געציילט איז יעדער טראָט, ווי אין דער ביקס — די קויל.

און קיינער ניט באַמערקט, ווי ס׳גייט אַוועק די נאַכט שוין,
ערשט קוקן מיר זיך אום: ס׳איז אונדזערע די בריק.
סך־הכל הונדערט שפּאַן אַדורכגעגאַן מיט שלאַכטן.
אויף הונדערט שפּאַן נאָך נעענטער צום זיג!

1945

* *
*

איצטער זיינען מיר עלטער און מוטיקער,
הייסע הערצער געלייטערט מיט לייד,
עס איז שווערער אַ שווערד אַ פֿאַרבלוטיקטע
פון דער שווערד, וועלכע ליגט אין דער שייד.

איצטער זיינען מיר מילדער און איידעלער,
צאַרטע ליבע איז אונדז ניט פֿאַרווערט,
ס׳מאָנטביים זעלנער די שלאַכט די אַנטשיידענע,
שאַרף און זויבער זאָל זיין די שווערד.

איצטער זיינען מיר זיכערער, גלויביקער,
און ס׳פֿאַרגיינט ניט דער פיינט אונדזער שם.
לויב דער שווערד דער אַנטבלויזטער, פֿאַרהויבענער,
וואָס דער שונא באַווייזט זי ניט זען...

לאַנדסבערג, 1945

בענקשאַפט נאָך ביראָבידזשאַן

מיט אַ קויל כ׳וועל דעם טויט דערווידערן,
מיט די ציין, מיטן בלוט, מיט דער האַנט.
אַך, ווי ס׳בענקט שוין דאָס האַרץ ביי מיר ווידער
נאָך אַ ליד וועגן ביראָבידזשאַן.

זאָלט איר וויסן : איך שטיי איצט אינמיטן
פון מיין שליחות צום גליק אויף דער ערד,
און איך גיי דורך אַטאַקעס צום פרידן,
וואָס איז, פונקט ווי די ליד, מיר באַשערט.

אין מלחמהס פאַרבלוטיקטע לידער
איז אַ ליכטיקע גרויסקייט פאַראַן,
נאָר עס בענקט שוין דאָס האַרץ ביי מיר ווידער
נאָך אַ ליד וועגן ביראָבידזשאַן.

1943

מיין לוין

ס'האָט געהוידעט אַ טייפון מיין וויג,
נעמט מיך איצט קיין ווינט ניט און קיין פראָסט ניט,
וויפל בלוט דער זיג זאָל מיך ניט קאָסטן,
וועל איך אים אַוועקנעמען ביים קריג.

מאָרגן וועט דאָס לעבן מיך דערמאַנען,
אויב אפילו פאַלן וועל איך טויט.
אויף די פעלדער ליכטיקע בידזשאַנער
וועלן פעלדער לויבן מיך מיט ברויט.

און ביים דניעפּער, אין דעם דאָרף וואַגייקאַ,
וועט אַ מוטער, הוידענדיק די וויג,
זינגען לידער וועגן יונג פון טייגע,
וועלכער האָט געבראַכט אַהער דעם זיג.

דאָרף וואַגייקאַ, סמאָלענסקער געגנט, 1943

פריינטשאַפט

גערקאָוועט מיט פראָסט און פאַרגראָבן אין שניי,
אין שטיינערנער ערד, ווי אַן אוצר, באַהאַלטן —
דאָס ערד־שטיבל אונדזערס, אין אים זאַלבעצווייט
מיר היטן די רו און די רחבותן קאַלטע.

פונדאַנען ווייט־ווייט, ביי דעם סאַמע טיבעט
מיין פריינט איז געבוירן, און איך — ביי דער בירע,
נאָר איצטער מיר טיילן פון כוואָיע דאָס בעט,
אין קאַלטער זעמליאַנקע די היים ניט פאַרלירן.

מיין חבר פאַרשטייט ניט מיין יידישע ליד,
נאָר גלויביק ער הערט זי מיט נייגיר און כבוד ;
און ניט די זעמליאַנקע אונדז פאַנצערט און קאָוועט —
די וואַרעמע פריינטשאַפט באַשיצט אונדז און היט.

פעברואַר 1944

די וועווערקע

ווען ס'האָט אַ קנאַל געטאָן די אַרטילעריע, האָט זיך די וועווערקע
דערשראָקן :
מע מיינט געוויס דאָך זי, און אַלע רערן זיינען אָנגעצילט אויף איר...
אַראָפּ פון צווייג און פייל־אויס־בויגן זיך געטראָגן
און מיטאַמאָל — אַ שפּרונג אין שוצגראָבן צו מיר.

אין שוצגראָבן האָט זיך די וועווערקע פאַרשלאָגן אין אַ ווינקל,
דעם רוקן אויסגעבויגן און דעם עק צעבעזעמט אניף דער ערד,
דאָס שפּיציק קעפּעלע, די רויטע פיסעלעך אין ברוינעם פעלעכל
פאַרוויקלט,
און נאָר די אויערן אַרויסגעשטעקט אין פאָרכטיקן געהער...

אַ נאַריש חיהלע... ווי קומט עס וויסן, אַז די דונערן פון די
האַרמאַטן
קיין פליג, קיין מורעשקע און אויך קיין וועווערקע ניט רירן אָן,
און פונקט, ווי ס'וועט אַ שרויטעלע דעם העלפאַנד דעם שווער־
לייביקן ניט שאַטן,
אַזוי וועט אויך אַ פייער־קנויל דער וועוורקע קיין בייז ניט טאָן.

זי ווייסט אויך ניט, אַז אין דעם שוצגראָבן, מיט איר אויף איין
געלעגער,
עס ליגט און קוקט אויף איר פאַרחידושט און פאַרבענקט
אַ שלאַנקער טייגע־יונג, אַן אוסוריער יעגער —
און ס'האָט דער יעגער איר דאָס לעבן שוין געשענקט...

מערץ 1943

* *
*

אַ רעגן אַ גאָס. אין די ריוון
איז פינצטער, און ליימיק, און ענג.
עס זינקען אין בלאָטע די שטיוול.
און ס׳וואַסער די ביקסן פאַרשווענקט.

די גריבער אָט די, די קאַריערן
ביים ראַנד פון דער וואַרעמער היים —
מיר פלעגן אין מי אין שווערער
דאָ גראָבן פאַר ציגל די ליים.

און ליב איז געווען אונדז די אַרבעט,
די ליימיקע ענגשאַפט באַחנט.
ווי קאָנען מיר איצט דאָ שטאַרבן?
ווי קאָנען מיר דאָ פאַרגיין?

ביים קריגער די פריידן, די זאָרגן
מיט שיין פון דער צוקונפט באַשיינט:
אַז פריי זאָל די מי זיין מאָרגן,
דעם שונא מיר הרגענען היינט.

1943

צוויי דעמבן

בײַ אונדזער פּאָזיציע — צוויי דעמבן, צוויי ריזן.
דער סקריפּ אין די שטאַמען מײַן בענקשאַפט דערוועקט:
וואָס מער איך פאַרשטיי אין דעם שטאָך פון די שפּיזן,
אַלץ טײַערער ווערט מיר דער שניט פון דער זעג.

ווי גוט וואָלט געווען איצט אַרײַן צווישן צווײַגן,
פאַרשנײַדן די זעג אין אַ דעמבענעם שטאַם —
אַזוי ווי איך פלעג עס טאָן אין דער טײַגע,
בײַ ברעגן פון בירע, אין ביראָבידזשאַן.

ס׳איז שמאָל די פּאָזיציע, נאָר ברייט איז מײַן וועלט דאָ,
צי איז דאָס שוין וואָר, צי איך זע בלויז אין טרוים? —
צוויי דעמבן, צוויי ריזן, בײַם וואַלד־זוים — געצעלטן.
מיט האָלצהעקער כ׳וואַלגער אַ בוים נאָך אַ בוים.

’944

אַ בריוו פון בערלין קיין ביראָבידזשאַן

גוט יום־טוב אייך, מיט גליק און מיט נצחון!
ס'ליגט אונטער מיינע פיס בערלין צעבראָכן.
זיי שטאָלץ, מיין פאָלק, און גרויס זיך, ווייטע היים!
דיין זון געקומען איז צו דייטשלאַנדס קאַלטן שטיין
און אויסגעקריצט אויף אים מיט שווערד: „נצחון!"

דעם חשבון פון דיין בלוט און פון דיין ווי
געבראַכט האָב איך אין ווילדער נעסט פון שונא.
וואו זיינען איצט די אונטערציינדער? זיי
צעטראָטן ליגן אויף בערלינער שטיין
ווי אויף אַ פוילן שטאַם די מאָכן ברוינע.

גוט יום־טוב אייך, מיט גליק און מיט נצחון!
ס'ליגט אונטער מיינע פיס בערלין צעבראָכן.
אַ זעלנער פונעם גרויסן שטרייט — אַ ייד
זיך גרויסט מיט דעם דערוואָרבענעם נצחון.

אין ריי פון פעלקער מיט אַ שטאָלץ געמיט
איך זע דאָס פאָטערלאַנד פון פרעמדער ווייט.
באַצירט מיט לאָרבערן מיט אייביק גרינע,
דאָס לעבן, דאָס געוויסן איז באַפרייט,
אויך פאַר מיין פאָלק געקומען איז די צייט,
ווען ווידער קען עס שוין זיך פרייד פאַרגינען.

איז נעם אַ האַק, און ווידער — אין דער טייגע,
נאָך שווער געפּעכט זאָל שטרענגער זיין די מי,
די פרייע ליד פון פרייען לאַנד פּאַרצי,
און ליב זאָל זיין פון נייער מי דער תענוג!

5 מאי, 1945

ווידער אין דער היים

געגאַנגען שנעל, ווי פּאַר אַ זעלנער פאַסט,
און גלייך באַמערקט: דאָס דאָרף האָט זיך געביטן —
אַמאָל איז דאָ געווען די עקסטע גאַס,
און איצט איז פונעם ישוב דאָ דער מיטן.

די טייגע איז פון דאָרף העט־ווייט אַוועק.
ער קוקט און קאָן דאָס אָרט זיך ניט דערמאָנען:
אַמאָל איז דאָ, ביי דעם געדרייטן וועג,
אַ יעגער־פּאַנזע פון אַ גאָלד געשטאַנען.
און ער, אַ קינד נאָך, פלעגט מיט שטילער שרעק
אַ וועווערקע דערזען דאָ אין געבלעטער,
און ער געדענקט, ווי עלטערע מיט העק
געקאָרטשעוועט דאָ האָבן ווילדן צעדער...

איצט שטייען הייזער ענגע אין דער ריי,
די סאָפּקע, וואָס פון הייזער ווייט געווען איז,
האָט איצט אַוועקגעשטעלט זיך צווישן זיי,
און אַ באַהאנגענע מיט שויבן איז זי שענער.
אין סאַמע מיט אירער מ'האָט אָפּגערוקט אַ שטיין,
און רעלסן שטאָלענע אין שווארצן חלל קלינגען,
עס דוכט: ס'האָט עמעצער אַריינגעשטעלט איר ציין,
און זי, די סאָפּקע, איז פון דעם געוואָרן יינגער.
דאָס שנעלע טייכל, וואָס אין בירע נעמט זיין לויף,
האָט פון דער טייגע שוין אַרויסגעשווענקט דעם פלאָנטער...

ער גייט דאָס בריקל דורך, און אָט איז שוין זיין הויף,
און אָט איז שוין זיין שטוב, דעם פלויט דערקאָנט ער.
דער גאַנעק שפּאַרט זיך אָן אין ברייטע טרעפּ,
ער זעט אים דורך די שיטערע שטאַכעטן,
אויף דינע דרענגלעך טריקענען זיך טעפּ,
זיי הענגען דאָ פון פרי ביז אָוונט שפּעטן.
אין פאָדערהויז ער גייט אַריין צעמישט
און שלאָגט זיך דורך אַ וועג צווישן די עופות...

די עלנבויגנס אָנגעשפּאַרט אין טיש
און צוגעדריקט די אויגן צו די דויפּעקס,
אין לייוונטענעם העמד — ביז פּיאַטעס לאַנג,
אין אַ פּאַטשיילע און אין שטעקשיך פּראָסטע
אויף דער געשניצטער, אויסגעפּאַרבטער באַנק
דערזעט ער זי, זיין יונגע באַלעבאָסטע.

צי זי האָט אַקאָרשט זיך אין אים דערמאַנט,
צי ער האָט זי אַ רוף געטאָן ביים נאָמען,
צי אפשר קלינגט שוין גאַנץ ביראָבידזשאַן,
אַז ס'קערט זיך אום איר מאַן פון דער מלחמה —

זי גיט צו אים אַ לאָז זיך... און אים דאַכט:
פיר לאַנגע יאָר אין פייער פון דער שלאַכט
אַריינגעקוקט מיט שויבן האָט זיין וואוינונג.
די פרוי ער דריקט צום האַרץ, ווי אַ באַלוינונג...

1945

* *
*

דאָס ערשטע מאָל כ'האָב זיך פֿאַרבונדן מיט דער ערד —
ניט ווען איך האָב זי ס'ערשטע מאָל באַטראָטן,
נאָר ווען דערפֿילט איך האָב, אַז אויפֿן זאַסטעפּ איז זי שווער,
און אין מיין האָרעוואַניע גייט זי אויף געראָטן.

דאָס צווייטע מאָל כ'האָב זיך פֿאַרבונדן מיט דער ערד,
ווען אָנגעטרויט כ'האָב איר דאָס בלוט מיינס און מיין אָטעם,
ווען כ'האָב געמאַכט פֿאַר איר אַ שירעם פֿון מיין שווערד,
ווען זי האָט מיך שוין שיר אויף אייביק ניט פֿאַרשאָטן...

דאָס דריטע מאָל כ'האָב זיך פֿאַרבונדן מיט דער ערד,
ווען זי האָט ווידער זיך מיט פּרוכט און ברויט באַלאָדן
און אומגעקערט מיר דאָס, אויף וואָס אַ מענטש האָט רעכט :
פֿאַר מי — די רחבותן, אויף אָפּרוען — אַ שאָטן.

אין דער היים

פאַרזוכט שוין דאָס ברויט פון דער אייגענער מיל,
דאָס פלייש, וואָס מיר האָבן געקראָגן אויף יאַגד עס,
די רויטע קעטאַ, די געפרוירענע מילך,
די ניסלעך פון צעדער, די ווייניקע יאַגעדעס.
באַפּעלצט און מיט פוטערנע אונטעס באַשוכט —
אין הירשענע פעלכלעך די פיס זיינען גרינגער...
— איז זינגט אונדז אַ יאַגד־ליד, יידישע זינגער,
אויב אַלע מאכלים איר האָט שוין פאַרזוכט.

פון אייגענעם וויינגאָרטן וויין שוין געפּרואווט,
מיט זויער־געזייערטן קרויט שוין פאַרביסן,
אַ נאַש געטאָן ביטערן בראָנפן אַ ביסל,
פאַרשעפּט אויך פון האָניק פון זיסן דעם דופט.
די כוסות לחימדיק, בלענדיק זיך וויגן,
זיי גלאַנצן מיט פאַרבן פון זון און פון פּרוכט.
— איז שפּילט אונדז, כליזמרים, אַ יידישן ניגון,
אויב אַלע מאכלים איר האָט שוין פאַרזוכט.

פאַרזוכט שוין די פּירות פון שווייסיקער מי,
מיר זעצן זיך אויס אויף דער ערד, ווי די פייגל.
מיר קומען פון שלאַכטפעלד, מיר זיינען שוין הי,
מיר קושן די ערד, וואָס איז ליב אונדז און אייגן.

ערשט נעכטן,ביים זעלנערשן קרייז, האָט געדוכט,
אַז ס'וועט די מלחמה מיט ערד דיך פאַרשיטן...
— איז ברייטער דעם קרייז, און די טענצער אינמיטן —
שוין אַלע מאכלים געפּרואווט און פאַרזוכט..

אין טאַנץ זיך צונויפגיין און ברייט זיך צעגיין, —
וועט סטייען אונדז פּלאַץ אויף די היימישע ברעגן!
און נחת וועט קלייבן די יידישע געגנט
פון אונדזער פאַרברוינטן סאָלדאַטישן חן.
היי, זינגער און שפּילער און טענצער, אַהער!
די שמחה איז גרויס, און די אַרבעט — נאָך גרעסער.
מיר קומען פון פראָנט אויף דער טייגישער ערד,
זי מאַכן נאָך שענער, און ליבער, און בעסער.

1946

3. פון אלף ביז תיו

דער אמת

פֿאָעמע פֿון אַלע פֿאָעמעס

פֿאָעמע פֿון אַלע פֿאָעמעס :
דער אמת.
דער אמת
דער אמת
די ליד פֿון אַלע לידער :
דער אמת.
ווידער
און ווידער.
דער הימן פֿון אַלע הימנען :
דער אמת —
פֿון דר׳ערד
ביז די הימלען.
ס׳געזאַנג פֿון אַלע געזאַנגען :
דער אמת,
וואָס גייט
אין געראַנגל.
סימפֿאָניע פֿון אַלע סימפֿאָניעס :
דער אמת
אויף אונדזערע פֿאָנען !

1964

טרעבלינקע

װאַלד... װאַלד... װאַלד...
גװאַלד! גװאַלד! גװאַלד!
אַ װאַלד פֿון שטײנער אויף מענטשנס בײנער.

אַ װאַלד אָן סאָסנעס,
אַ װאַלד אָן טאַנען,
אַ װאַלד פֿון כײקעס,
אַ װאַלד פֿון חנהס.
אַ װאַלד אָן מאָכן
און אָן קוקאַװעס,
אַ װאַלד פֿון פֿײגעס,
אַ װאַלד פֿון חוה׳ס.
ניטאָ קײן פֿײגל,
ניטאָ קײן צװיטשערס —
אַ װאַלד פֿון חײמס,
אַ װאַלד פֿון איטשעס.
ניטאָ קײן קרױנען,
קײן אַלטע דאָרנס,
אַ װאַלד פֿון יונה׳ס,
אַ װאַלד פֿון זרח׳ס.
אַ װאַלד אָן גראָזן,
אפֿילו אָן סאָװעס.
אונטער די שטײנער
ליגן שפּינאָזעס.
אַ שטײן —
אײנשטײן,
פֿון זײן מאַרך און געבײן,

אַ שטיין פון זיין חן,
פון זיינע ציין,
פון זיין גיין, פון זיין שטיין,
פון זיין יאָ, פון זיין ניין —
אַ שטיין!

שטיינער, שטיינער,
וואָס טוט איר מיט זיך פאַרדעקן?
אַ שטיין — אַ שטעטל?

אַ שטיין — אַ שטעטל!
לוקאָוו און זשארנאָוו —
שטיין... שטיין...
ווערבזשניך און זשאַרנאָוו —
שטיין...
אפשר געבליבן פינטשאָוו? ניין...
אפשר — אַ סימן פון ראַדזין? ניין...
פולאָוו —פאַרשטיינט,
ראַדאָם — פאַרשטיינט,
לוקאָוו — פאַרשטיינט,
יודנריין!
געבליבן בלויז שטאַרצן
נשרפים־קוימענדלעך.
ניטאָ, ניטאָ שוין
די משהלעך, שלומהלעך.
און דאָ, אין דעם וואַלד,
די שטיינער, פאַרוויינט,
שטייען געבויגן, אויף מענטשנס געביין.

וואַלד, וואַלד, וואַלד...
גוואַלד, גוואַלד, גוואַלד !
אַ וואַלד שטייט פאַרגליווערט אויף מענטשנס ביינער.

די שטיינער
אין הימל וואַרפן שטיינער !

1964

כ׳האָב אויסגעמיטן דעם לובלינער רעזערוואַט,
מאַדאַגאַסקאַר איז ניט געוואָרן מיין בית עלמין.
נאָר כ׳האָב דעם באַבי־יאַר אויף זיך געהאַט,
און אויך די דושעגובקע — גלייך מיט אַלעמען.

איך בין געהאַנגען אויף אַ בוים אין בעלאָוועזשער וואַלד,
דאָס לייב מיינס האָט געצאנקט אויף שטעכעדיקע דראָטן.
ווען כ׳האָב זיך אויסגעטאָן לעם גרוב — געוועזן איז מיר קאַלט.
געטאָן עס האָט מיר וויי, ווען מע האָט מיך פאַרשאָטן.

אויף צריקוועגס פונעם טויט ניט אויסגעמיטן כ׳האָב
קיין איינציקן אָקאָפּ אין גאנג פון דער מלחמה,
און אומעטום געלייגט כ׳האָב נאָכאַמאָל דעם קאָפּ —
ס׳איז הייס געוועזן אין שלאַכט און לינד אויף דער נשמה...

1965

* *
*

דערמאָן זיך, מיין טאַטע, אין קריג אין דעם וויסטן,
ווען אַלץ איז געשטאַנען אין קאָן.
דער׳הרג׳עט אין שלאַכט האָסטו וויפל פאַשיסטן ?

— וויניקער פון זעקס מיליאָן...

ווי קומט עס, מיין טאַטע, אַז דו, אַזאַ שטאַרקער,
זאָלסט צוזען ווי ס׳לעבט אויף דער וועלט
די חיה, וואָס האָט אונדזער מאַמע דער׳הרג׳עט ?

— ס׳טוט זיך ניט, מיין קינד, אַזוי שנעל...

פאַרשטעל מיך, מיין טאַטע, פאַרשטעל פון באַנדיטן,
וואָס לאָקערן אַלץ נאָך אַרום.
טאַטעניו־טאַטע, דו מוזט מיך פאַרהיטן !

— ליולינקע, שלאָף רואיק, מיין זון...

איך שלאָף, נאָר די מאַמע, זי קומט מיר צו חלום —
אָט קומט זי אויך איצטער אַראָפּ.
זי מאָנט, אַז דער טאַטע זאָל קעמפן פאַר שלום !

— מיר זאָל זיין, מיין קינד, פאַר דיין קאָפּ...

1965

אַ טאָג פון אָפּענע הערצער

„ס׳וועדט געמאָלדן אַ טאָג פון אָפענע טירן״...

איך מעלדע אַ טאָג פון אָפענע הערצער:
ווער עס וויל, זאָל אַריינגיין אַהערצו,
אַהער — אין דעם האַרץ, אין דער סאַמע נשמה,
אַריין אויף אַ רגע,
אָדער אויף תמיד...
אַ גוטער מענטש וועט אויף לאַנג דאָרט פאַרבלייבן,
דאָס האַרץ אַליין וועט אַ שלעכטן פאַרטרייבן.

— גיי ניט צום האַרצן פאַרשטעלט אין אַ מאַסקע,
פאַרהאַקן עס וועט זיך דאָס האַרץ ווי אַ פאַסטקע.
גיי ניט מיט קרומע און פאַלשע וועגן,
גיי מיך ניט חנפה׳נען,
גיי מיך ניט שרעקן,
מיין ניט, אַז אָפן מיין האַרץ איז
אויך פאַר פאַרשווינען מיט הערצער שוואַרצע...

איינעם, אַ צווייטן אַזוי כ׳האָב געוואָרנט —
ס׳האַרץ ניט פאַר׳יתומ׳ט פון דעם איז געוואָרן.
אַוועק פון מיין האַרצן איז איינער, אַ צווייטער,
געוואָרן דער קרייז איז סיי ענגער, סיי ברייטער.
איך מעלדע אַ טאָג פון אָפענע הערצער:

ווער עס וויל,
זאָל אַריינגיין אַהערצו...

גיי איך אַרום איבער פעלדער און וועלדער —
ניט קיין פאַרשטעלטער,
ניין, ניט קיין פאַרשטעלטער.
כ׳קום צו די פריינט מיינע — ניט קיין געהיימער,
רעד מיט זיי אָפן
אין גאַס,
אין די היימען,
רעד אויף די וועגן
און רעד ביי אַ שיידוועג:
— מענטשן! אָן אייך איז דאָס האַרץ מיינס ליידיק.
— מענטשן! כ׳וועל אייביק צו מענטשן שטרעבן.
— מענטשן! איך קאָן אָן מענטשן ניט לעבן.
איך מעלדע אַ טאָג פון אָפענע הערצער:
ווער עס וויל,
זאָל אַריינגיין אַהערצו...

גיי איך אויף פלעצער און גיי צו די סקווערן,
שווים איבער ים׳ען און פלי צו די שטערן.
אומעטום קומען מיר מענטשן אַנטקעגן.
„ס׳האַרץ דיינס איז אָפן?" — די מענטשן פרעגן.
— אָפן! —
און ס׳קומען־אַריין אין מיין האַרצן
מענטשן מיט ווייסער הויט און מיט שוואַרצער,
מענטשן מיט גרויע אויגן און בלויע —
קינדער און זקנים,

מענער און פרויען,
קומען באַשיידענע, קומען פּאַרפּוצטע —
קיינער פון זיי מיט קיין הערצער פּוסטע,
אויך מיט פאַרדאָרבענע הערצער — קיינער,
אויך מיט אַ וואונד אין דעם האַרצן — קיין איינער.
אַלע מיט מענטשעלעך ליכט אין שוואַרצאַפּל,
אַלע מיט הערצער, וואָס אומרואיק צאַפּלען.

גיי איך אַרום —
אַ געזונטער, פאַרשייטער,
כ׳קום צו די רחבות׳ן נאָענטע, ווייטע,
נעם אויף די הענט דאָרט די קליינינקע קינדער.
גיי מיט די פּאַסטעכער פּאַשען רינדער,
דאָרט, אונטער אומבאַקאַנטע הימלען,
זינגט מען אויך שירים,
שפּילט מען אויך הימנען.
יאַוועט אַ מענטש זיך, מען זאָל אים בענטשן.
זאָג איך:
— זאָל לעבן דער מענטש אין דעם מענטשן.

פירט מען אַ צווייטן, מען זאָל אים שטראָפן,
זאָג איך:
— דאָס האַרץ
איז פאַר שלעכטס ניט אָפן.
אויב ס׳איז אַ טאָג פון אָפענע הערצער,
וויל איך, אַז ליכט זאָל אַריינגיין אַהערצו.
אַהער — אין דעם האַרץ, אין דער סאַמע נשמה,
אַריינגיין אויף שטענדיק,
אַריינגיין אויף תמיד.

1958

אין אייגן פעלד

ווי קום איך אויף דעם פעלד ?
צי איז דאָס פעלד פאַר מיר שוין לאַנג אַ היים געוואָרן ?

— אינאיינעם מיטן קאָרן,
וואָס גייט דאָ אויף און גרינט און ווערט פאַרגעלט,
אינאיינעם מיט די ווערעמלעך און מיט די בלומען
בין איך אין פעלד — ניין, ניט געקומען ! —
אין פעלד אין שטעכיקן איך בין געבאָרן.

און כ'ווייס ניט, צי פון דעם איז אויסגעשפּילט מיין בלוט,
און גרויסהאַלטן איך וויל זיך ניט מיט דעם פאַר קיינעם.
איך וואַקס אין אייגן פעלד.
און שווער איז מיר. און גוט.
און שווער איז מיר און גוט מיט זאַנג און גראָז אינאיינעם.

וואָס נעם איך ביי דעם פעלד ?
צי איז פאַר מיר דאָס פעלד אַ לייבלעכע, אַ גוטע מאַמע ?

— מיט אַלעמען צוזאַמען
איך האָב דאָ סיי מיין נעסט, סיי אויך אַ גרויסע וועלט,
איך טרינק פון קוואַל און ברענג אים ניט קיין שאָדן,
איך בין דאָ אויף דער זון און בין דאָ אין איר שאָטן.
און כ'ווייס ניט, צי פון דעם איז אויסגעשפּילט מיין בלוט,
און גרויסהאַלטן איך וויל זיך ניט מיט דעם פאַר קיינעם.

איך וואַקס אין אייגן פעלד
און שווער איז מיר, און גוט.
און שווער איז מיר און גוט מיט זאַנג און גראָז אינאיינעם.

וואָס ברענג איך אויף דעם פעלד ?
צי גייט דאָ אויף, אין פעלד, מיין שאַפנדיקער כוח ?

— ביים אויפהייבן די רויערד
געפונען שפורן כ׳האָב פון אַ געצעלט,
וואָס איז פון אוראַלט אַ פאַרטרויטער עדות,
און דאָרט האָבן געמיט זיך מיינע זיידעס.

איך ווייס ניט, צי פון דעם איז אויסגעשפּילט מיין בלוט,
און גרויסהאַלטן איך וויל זיך ניט מיט דעם פאַר קיינעם.
איך וואַקס אין אייגן פעלד.
און שווער איז מיר און גוט.
און שווער איז מיר און גוט מיט זאַנג און גראָז אינאיינעם.

1958

פון באַרג איך בייג אַראָפּ זיך

פון באַרג איך בייג אַראָפּ זיך צו דער שלאָפנדיקער שטאָט,
ווי גלייך איך וויל אַ טאַפּ טאָן זי אין שטערן;
זי איז געזונט, די שטאָט, צי אפשר, באַהיט גאָט,
געוואָרן קראַנק? צי מיד פון טאָג פון שווערן?

כ׳שטרעק אויס די האַנט און די לבנה רוקט איך צו צו זיך,
מיט היימישער באַוועגונג, ווי אַ זעלצערל ביים עסן,
דערנאָכדעם אין די שטערן כ׳דריי אַרויס די ליכט
און טראָג זיי אײנציקווייז אַוועק אין טונקלע געסלעך.

ווערט ליכטיק ווייט אַרום. איך זע איצט יעדער הויז,
און אויב איך דאַרף אַריין אין דעם און קאָן ניט,
נעם איך דעם גאַנצן הויף צו זיך אין שויס
און דאָס צענשטאָקיק הויז — צו זיך אויף דער לאַדאָניע.

אַלמעכטיק, זאָגט מען, איז אין הימל נאָר איין גאָט,
אַליין בין איך אַ גאָט איצט, מעג איך שווערן.
פון באַרג איך בייג אַראָפּ זיך צו דער שלאָפנדיקער שטאָט,
ווי גלייך איך וויל אַ טאַפּ טאָן זי אין שטערן.

1957

די וועלט

עס איז דאָ אַ וועלט מיט פייגל,
עס איז דאָ אַ וועלט מיט פליגל,
עס איז דאָ אַ וועלט מיט נעסטן, —
איז די וועלט דען זייער וועלט?

עס איז דאָ אַ וועלט מיט קלאַנגען,
מיט געשרייען און געזאַנגען,
וועלט מיט ריחות, וועלט מיט פאַרבן,
עס איז דאָ אַ וועלט מיט אַרבעט.
עס איז דאָ אַ וועלט מיט שטערן, —
וואָס־זשע איז אַזוינס די וועלט?

עס איז דאָ אַ וועלט מיט קינדער,
עס איז דאָ אַ וועלט מיט רינדער,
פריינט און שונאים — גאַנצע וועלטן
און אַ גאַנצע וועלט מיט העלדן,
עס איז דאָ אַ וועלט מיט מענטשן, —
וואָס־זשע איז אַזוינס די וועלט?

עס איז דאָ אַ וועלט מיט גראָזן,
וועלט מיט וועלף און וועלט מיט האָזן,
עס איז דאָ אַ וועלט מיט פחד,
עס איז דאָ אַ וועלט מיט שוואַכע, —
איז עס אפשר זייער וועלט?

וועלט, אָ וועלט מיט פרייד און זאָרגן,
וועלט פון היינט און וועלט פון מאָרגן.

עס איז דאָ אַ וועלט פון טרוימען,
וועלט מיט בערג און וועלט מיט תהומ׳ען,
מיט פּאַלאַצן און געצעלטן,
עס איז דאָ אַ וועלט מיט וועלטן, —
וועלט ! אָ, וועלט ! אָ, וועלט ! אָ, וועלט !

1960

אַליבי

כ׳בין ניט געווען דערבײַ, איך האָב עס ניט געטאָן!
איך שווער אײַך, אַז קאַיאָר, ווען גאָרניט הייבט זיך נאָך ניט אָן, —
איך בין געשלאָפן נאָך,
איך האָב אפילו ניט געטראַכט דערפון, —
האָט ,עמעצער צעשמעלצט דעם שניי,
מע זאָגט — די זון...

1965

דער הויכער באַרג פון דעם האַרצן

דער הויכער באַרג פון דעם האַרצן —
אַרויפגיין אויף אים איז שווער.
אַרויפגיין אויף אים איז געפערלעך, אַרויפגיין אויף אים איז אַ גליק.
גייסטו אַרויף אויף דעם האַרצן — זוך ניט קיין טאָל שוין מער,
שווימסטו אַריבער דאָס בלוט זיינס—קוק שוין ניט מער אויף צוריק.

ווען דאָרטן, וואו לוסטיק און רעשיק איז,
דעם שווערלעכן קאָפּ איך פאַרליר, —
פאַרגייען אין האַרצן זאַשפּערעס,
די נשמה מיינע פאַרפרירט.
און גוט איז דערנאָך צו וויסן, אַז כ'האָב ביים געפערלעכן אָרט
אַ וואָרף זיך געטאָן צום געוויסן
און פליען אין אָפּגרונט פאַרשפּאָרט.

דער הויכער באַרג פון דעם האַרצן —
אַרויפגיין אויף אים איז ניט לייכט.
אַרויפגיין אויף אים איז אַ חיות, אַראָפּגיין פון אים איז אַ זינד —
ווייל דאָרט, אויף דער הויך פון דעם האַרצן, איך בין מיט דעם אָדלער גלייך,

ווייל נידעריקער פון דעם האַרצן
מיט אָפענע אויגן כ'בין בלינד...

1962

* * *

„ברויט און בלוט"... (פון אַן אַלט ליד)

די שנאָרערס, די קאַרגוטשעס, די שיקאָרניקעס —
זיי מאַכן אויך אַ מוציא אויף אַ שקאָרינקע.

די בלוטזויגער, די רוצחים — ווער וועט לייקענען? —
חלשות פאַלן פון אַ טראָפּן בלוט אַן אייגענעם.

און דו ניט זאָג, אַז ברויט מע דאַרף ניט זשאַלעווען,
אַז מוזסט מיט הייליק ברויט באַטיילן אַלעמען.

דו האָסט דען צופיל גוטס — מיט דעם צו מיסטיקן?
דו האָסט דען שוין פאַרצוקט דעם פיינט דעם נישטיקן?

זיי קאַרג — דאָס ברויט זאָל בלייבן פאַר דעם עופּהלע,
ניט קאַרג דאָס בלוט פון בלוטזויגער דעם טריפה'נעם!

1957

אַ פאַרגעסן וואָרט

גרילצט אין אויער:
„אורח"... אורח"...
„עסן טעג"...
וואָס איז עס, וואָס?
איך פאַרשטיי ניט אָט די תורה, —
מרה־שחורה
און פאַרדראָס.

אפשר בין איך גאָר אַ פוילער?
אפשר ביסטו רייך, ווי קורח?
דו — דער פּני?
און איך — דער אורח?
זאָג — פאַרוואָס? פאַרוואָס?
כ'האָב אויף אייביק שוין געשוואוירן,
אַז דאָס וואָרט אָט דאָס פאַרלוירן
און פאַרגעסן האָב איך פראָסט.
ס'גרילצט אין אויער:
„אורח"... אורח"...
„עסן טעג"...
וואָס איז עס, וואָס?

1964

אַן אַלעגאָריע

ס'איז אַן איינגעשטעלטער סדר:
אַ געזונטער, יונגער בוים
האָט ניט מורא, ס'זאָל אַ צווייטער
אָפּנעמען ביי אים דעם רוים.

רונד־אַרום מיט חשק ווילדן
וואַקסןביימער — פול דער וואַלד.
איינער וואַקסט מיט גוטן ווילן
און אַן אַנדערער — מיט גוואַלד.

און דעם גבר איז ליב און אייגן
אַלץ, וואָס לעבט מיט בלי־און־דראַנג:
מערער ביימער — מערער פייגל,
מערער פייגל — מער געזאַנג...

אין אַ זייט, פון וואַלד אַנטלאָפן,
אַ טרוכליאָווער זקן שטייט.
ס'הוילע פעלד איז פאַר אים אָפן,
נאָר פאַרשטעלט
פון וואַלד די פרייד.

ער וואָלט גיבן זיך אַ נדר
זיין ווי יענער יונגער בוים,
האָט ער מורא: ס'וועט אַ צווייטער
אָפּנעמען ביי אים דעם רוים.

1964

אַ מאָדנער האַרבסט געווען

אַ מאָדנער האַרבסט געווען —
דער דעמב האָט אויסגעטאָן זיך פריער נאָך פאַר דער בערעזע,
אַ חוצפה׳דיקער ווינט
האָט פאַר דער צייט אַריינגעבראַכט דעם וואַלד אין היזק.

דער האַרבסט — אַ בלאָז געטאָן און ניט געוואָרן אומגעריכט:
דער בושל — ניט באַוויזן אָפּפליען מיט זיין געזינדל, קיין עין־הרע,
און ביזן בויך אין שניי
דער בער אַריין איז — ניט באַוויזן אויסבעטן די נאָרע.

אַך, אויב עס וועט זיך בייטן אַזוי גיך דאָס יאָר —
איך קאָן נאָך שטאַרבן איידער ס׳וועלן גרוי ווערן די האָר...

1956

* * *

מיין האַרץ האָט שוין געקלאַפּט, ווען כ'בין נאָך ניט געבוירן,
ווען מיט דער מוטערס לייב פאַרקניפּט איך בין געווען.
דאָס קלאַפּן פון מיין האַרץ וועט נאָך מיין טויט געדויערן —
איך ווייס עס אויף געוויס, כאָטש כ'האָב עס ניט געזען.

און פּונקט אַזוי מיין גייסט, און פּונקט אַזוי מיין אויפטו.
און אָט אַזאַ איך בין. ניט צופעליק. אָ, ניין!
די וואָרצלען — אין דער ערד, די קרוינען — אינדערלופטן.
איך ווייס, פון וואַנען כ'קום.
און ווייס, וואוהין צו גיין.

1958

* *
*

כ׳האָב אויפגעהאַנגען ביי דיר איבערן קאָפּ
מיין מענטשיש געשריי,
הענגט עס און פאַלט ניט אַראָפּ,

דאָס קנוילעכל ווינד־און־וויי.
ווען דיין לוסטיקייט,דיין פאַרגעס
ווי אַ קעצעלע קריכט אַרויס,
מיטן לאַפּקעלע זיך פאַרמעסט
און דאָס גרוילעכל טוט אַ שטויס, —

טראַכט איך:
צי ס׳קעצעלע האָט
דערלאַנגט אַזש העכער דיין קאָפּ,
צי אפשר גאָר — גאָט, מיין גאָט! —
דו שטייסט מיטן קאָפּ אַראָפּ...

1962

* * *

כ׳לויב דעם הונט, וואָס אַרויס־דאָרף,ביים ראַנד,
איינזאַם בילט, דערפילנדיק אַ צרה.
מיט כמעט אַ מענטשלעכן פאַרשטאַנד
טרייבט ער אָפּ אַ וואָלף — זיין ווילדן קרוב.

נאָר עס רופט אַרויס פאַרדראָס ביי מיר,
יענער מענטש, וואָס האָט אין אַ שניי, אין וויכער

1957

פאַר אַ צווייטן מענטש פאַרהאַקט די טיר
מיט כמעט אַ הינטישער רציחה.

שפּע

שענק מיר כּוח, איך זאָל שטענדיק מיינע אוצרות בלויז צעגיבן.
כ׳וויל נאָר וויסן: מיינע רינדער אין אַ וועלכער שטאַל פֿאַרטריבן.
צי זיי וועלן דאָרטן וואַקסן? צי מע וועט זיי דאָרטן מעלקן?
צי באַצייטנס וועט אַ פּאַסטעך מיט אַ בייטש צו זיי זיך מעלדן?
אויף זיי פּענטען, מיינע רינדער, וויפל כּוח וועט מען באַדאַרפֿן?
און צי קענען זיי אַ קלאַפּ טאָן מיט די הערנער מיט די שאַרפֿע?

אָפּט איך שלאָף ניט און איך רו ניט ביז דעם מאָרגנליכט דעם טריבן,
און איך טראַכט, צי אַלע רינדער כ׳האָב אין גוטע הענט פֿאַרטריבן.

1960

בענקשאַפט

די בענקשאַפט צו זיין מיט אַ חבר צוזאַמען
איז פונקט, ווי די בענקשאפט פון קינד צו זיין מאַמען.
ס׳פלעג טרעפן אין שלאַכט :
אויף אַ פעלד, אין אַ רעגן,
כאָטש שוועבעלעך האָב איך געהאַט, נאָר פאַרויכערן
געפויזעט צום שכן.
קיין קויל פלעג ניט שרעקן ! —
אַזוי האָט די בענקשאַפט באַוויזן דעם כוח אירן...
כ׳געדענק : אין דער טאיגע —
אַ יעגער, אַ שווייגער,
צו מיר פלעג ער קומען זיך האַלטן אַן עצה —
דורכגיין אַ זיבעציק וויאָרסט אין דער טאיגע,
אַוועקגיין צוריק מיט דער ביקס אויף דער פלייצע...

די בענקשאפט צו זיין מיט אַ חבר צוזאַמען
איז פונקט, ווי די בענקשאַפט פון קינד צו זיין מאַמען.

1953

ווִיטשעגדאַ

ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו אויסקערעווען אין דער קעגנאיבערדיקער ריכטונג, ד. ה. אויף דרום, צום קאַספּישן ים, די צפונדיקע טייכן פּעטשאָראָ און ווִיטשעגדאָ (פון די צייטונגען)

וועןגעפלאָסן וואָלט די וויטשעגדאַ
אין אַן אָדער אויף מיין האַנט,
ווען זי וואָלט פון האַרץ אַרויספליסן און זיך יאָגן צום פאַרשטאַנד,
וואָלט איך ערגעץ־וואו זי אָפּגעשטעלט אויף אַ קורצינקר מינוט
און באַלויכטן מיט מיין וויילן זי, און דערוואַרעמט מיט מיין בלוט,—
אַז דאָס גליק זאָל אויף דער וויטשעגדאַ זיך צעשפּילן דאָס געגאַרטס:
פון פאַרשטאַנד זי זאָל אַרויסשטראָמען און אַריינפאַלן אין האַרץ.

ער האָט חטאים אָן א שיעור

אין סיביר דאַרף מען גיין לויטן אייגענעם ווילן (מ. גאָרקי)

ער האָט חטאים אָן אַ שיעור:
ער איז אַ גנב און אַ שיכור,
מע שיקט אַרויס אים פון סיביר,
וואוהין מע פלעגט אַמאָל פאַרשיקן.

צעוויינט ער האָט זיך, ווי פון שלאָף,
סיביר איז ליב אים פון געבורט אָן,
דעם קאָפּ פאַרבויגן פאַר דער שטראָף,
ווי פאַר דעם סאַמע שווערסטן אורטייל.

און איך — געפרייט זיך אָן אַ שיעור,
כ'האָב אַזש אַ קוש געטאָן דעם שיכור:
מע שיקט אַרויס אים פון סיביר,
וואוהין מע פלעגט אמאָל פאַרשיקן!

דער וועג פון ערגעץ אַנדערש

אין ענגלאַנד איז פאַראַן אַ וועג, וואָס איז אָנגערופן דורך דער
אַדמיניסטראַציע: „דער וועג פון ערגעץ אַנדערש"

„דער וועג פון ערגעץ אַנדערש" — וואוהין וועט ער פאַרפירן?
צו פרעמדע קאָרידאָרן? צו צוגעמאַכטע טירן?
דער וועג פון ערגעץ אַנדערש — אַ נאָמען אַזאַ שיינער,
נאָר דאָרט,
אין ערגעץ אַנדערש
מ'וועט זיכער אים פאַרשטיין מער.
אַלצאיינע, נאָר פאַרשיידן, אַזוי ווי צוויט און לאַנדיש.

די אייגן ערד
און יענע —
די ערד פון ערגעץ אַנדערש.
כ'דערמאָן זיך די מלחמה, ווען כ'בין געגאַן, געריטן,
די ערד אונטער סאָלדאַטסקע פיס האָט זיך געביטן.
די ערד געשמעקט האָט פויליש, די ערד גשמעקט האָט פלאַנדריש,
און אומעטום חוץ רוסלאַנד — אַ ערד פון ערגעץ אַנדערש.

געבראַכט האָב איך פון דאָרטן די ראָסע אויף די שטיוול,
קיין ערד ניט מיטגענומען, און עס געטאָן בכיוון.
קיין פרעמדן וועג אין ד'רהיים איך האָב ניט אויסגעטאָפּטשעט,
ווייל ביטער איז פון וועג פון היימישן דער אָפּשייד.
דער וועג פון ערגעץ אַנדערש — וואוהין וועט ער פאַרפירן?
צו פרעמדע קאָרידאָרן? צו צוגעמאַכטע טירן?
אַלצאיינע, נאָר פאַרשיידן, אַזוי ווי צוויט און לאַנדיש.
די אייגן ערד
און יענע —
די ערד פון ערגעץ אַנדערש.

1960

אפילו ווען איך זיץ

אפילו ווען איך זיץ
און טיף אין זיך איך בין פאַריגלט, —
אפילו דעמאָלט זיץ איך אויף אַ דונער מיט אַ בליץ,
און אויסגעשפּרייט ביי מיר זיינען די פליגל.

אפילו ווען איך פלי
און ווינט און בלוט — אַרום און אין די שלייפן, —
אפילו דעמאָלט בין איך שטיל, ווי אינדערפרי
אַן עופהלע.

1963

די מוטער אַזיע

אַמאָל מיט יובל׳דיקער פרייד, אַמאָל מיט שטיל געוויין,
אַמאָל אַן עצה געבן און אַמאָל זיך זיין מיישב —
די מוטער אַזיע קומט צו איר הויזגעזינד צו גיין,
צום הויזגעזינד פון אַנדערהאַלבן ביליאָן נפשות.
אין וועג זי נוצט דעם שפּאַן, וואָס עס באַנוצט איר קינד:
צו דעם סיאַמעץ אויף אַ העלפאַנד קומט זי אָן אַ מידע,
מיט שניי פאַרפראָשעט — אין דער טונדרע צום יאַקוט אויף הינט,
צו דעם אַפגאַנעץ אויף אַ קעמל — אין דעם מדבר.
זי קומט, ווי יעדע מאַמע, צאַרט און שטרענג, און מילד,
די בענטשנדיקע ליפּן גרייט — סיי אויסריידן, סיי קושן.
אַמאָל, ווי דער אינדוס — אין לייכטן שטאָף געהילט,
אַמאָל אין בערישער דאָכאַ, ווי די סיבירער רוסן.
די מוטער אַזיע האָט אומעטום איר יעדן קינד׳ס געשטאַלט,
פונקט ווי די פאַרב פון יעדער כוואַליע טראָגט אין זיך דאָס וואַסער,
עס איז די מוטער אַזיע באַיאָרט, און יונג, און אַלט,
די ווייסע הויט, די הויט די געלע גייט איר צו און פּאַסט איר.
מיט אויגן־שפּעלטעלעך זי קוקט אויף בלענד פון שניי אין לאַנד פון עסקימאָס,
די אויגן — ברייט און רונד אין מדבר׳ישן אומענד ביי סיריער.
עס טרעפט: אויף דרום׳דיקן פעלד זי נעמט אַראָפּ זיך אויף אַ קלייד אַ מאָס
און טוט זי אָן אין אויסגעשטראַלטן צפון אויף אַ קריע.
באַאומרואיקט מיט שטילקייט אויף אַ וואַלד־באַזוימטן פּלעין,
באַרואיקט אין אַ שטאָט מיט רויש פון לעבן רעשיקס —

די מוטער אַזיע קומט צו איר הויזגעזינד צו גיין,
צום הויזגעזינד פון אַנדערהאַלבן ביליאָן נפשות.

— גוט מאָרגן, קינדער מיינע, הערט די מאַמע אויס.
כ'בין גרעסער איידער איר, כאָטש פונקט ווי איר די גרויס,
אויף אייך איך שפּאַר זיך אָן, כאָטש כ'האַלט אייך אויף מיין שויס,
איך רעד מיט אייך, כאָטש כ'רעד פון אייך אַרויס,
כ'האָב בלוט און לייב, כאָטש כ'בין אַ נאָמען בלויז...
מיט אייך איז איצטער פול די גאַנצע וועלט:
ווער ס'שיקט אויף אייך דעם טויט, ווער אייך פון טויט פאַרשטעלט,
ווער ס'טיילט מיט אייך דאָס ברויט, ווער ס'רויבט ביי אייך
דאָס פעלד,
און ווען איר גלייכט זיך אויס, — איז ווער פאַר דעם אייך שעלט,
און ווער עס קרוינט פאַר דעם אייך מיט דעם נאָמען העלד.
ס'איז דורכגעגאַן די צייט, דער פינצטערער אַמאָל,
ווען מ'האָט פאַר אייך גערעדט —
איצט גיב איך אייך מיין קול!
גוט־מאָרגן, קינדער מיינע, יונג איז אונדזער טאָג,
דעם טאָג דעם יונגן אויף די שטאַרקע פלייצעס טראָגט!

מיט יובל'דיקער פרייד — און ניט מיט שטיל געוויין,
אַמאָל אָן עצה געבן און אַמאָל זיך זיין מיישב —
די מוטער אַזיע קומט צו איר הויזגעזינד צו גיין,
צום הויזגעזינד פון אַנדערהאַלבן ביליאָן נפשות.

1960

איך — דער אַזיאַט

ס׳געפעלט מיר, פריינט מיינע, וואָס פון געבוירן־אָן איך בין אַן אַזיאַט,
וואָס אויף סיבירער ברייט און לענג כ׳האָב אָפּגעפּרישט מיט קאַלטן ווינט מײַן אָטעם,
און מאָלט אייך אויס, אַז כ׳וואָלט מײַן גורל אפשר ניט געהאַט,
ווען אָט־די ערד
די דורות׳דיקע,
וואָלט איך ניט באַטראָטן.
איך זאָג אייך, פריינט מיינע: ווען פון געבוירן איך בין ניט קיין אַזיאַט,
ווען אויף סיבירער ברייט און לענג איך וואָלט זיך ניט געכאָוועט,
איז, מאָלט אייך אויס, אַז ניט געווען איך וואָלט אויך קינדווייז אַזאַ יאַט,
וואָס אין געשלעג מ׳האָט אים גערופן אַזיאַט מיט כבוד...
פאַר מיר מיט גוואַלדן: „אַזיאַט!" צעלויפן זיך ביז היינט נאָך פחדנישע די ברוינע טשאַטעס...
איך בין אַן אַזיאַט. איך רעד אין טייגע מיט די וועווערקעס אויף אַזיאַטיש.

מײַן ערד איז — אַזיע.
עס האָבן מיר די פריידן און די ליידן אירע ניט פאַרשאַט,
ס׳געפעלט מיר, פריינט מיינע, וואָס פון געבוירן אָן איך בין אַן אַזיאַט.

1959

טײגע און דזשאַנגלס

זײ זײַנען בײדע — װאַלד.
זײ זײַנען בײדע מורא׳דיק געדיכט און מורא׳דיק פּאַרטײַעט,
בײ אײנעם איז די ערד אונטער די װאָרצלען נײַן חדשים קאַלט,
דעם צװײטנס ערד אויף אָפּגײן פון דער היץ בלױז אַ חדשים
דרײַ האָט.

זײ זײַנען בײדע — װאַלד,
זײ זײַנען בײדע מורא׳דיק געדיכט און מורא׳דיק פּאַרטײַעט,
נאָר ס׳איז בײַ אײנעם שױן די ערד מיט פרײַהײט־זון צעשטראַלט,
דעם צװײטנס ערד — זי שלאָגט זיך נאָך פאַר פרײַהײט.

בײַ דער סיבירער טײגע פרעגן דזשאַנגלס אױס דעם סוד,
װי אָפּנעמען פאַר זיך אַזאַ געבענטשטע זון, װאָס האָט
סײ שליטה אױף דער קעלט, סײ אױף די שרפה׳דיקע היצן שליטה,
אַ זון אַזאַ, װאָס אונטער איר די אַלטע װעלט
זאָל כאַפּן אױך אַ ציטער...

1955

אין גוסרעגן

אין גוסרעגן — ווי פֿאַלט דעם פֿויגל איין
אַ טרוקענער אַרויס פֿון אונטער הימלס זיפּן!
ערשט פֿון דעם רוים, און אין מיין שויב אַריין —
דעם הימלס מילך נאָך ניט פֿאַרקילט אויף זיינע ליפּן.
איי, פֿייגעלע, איי, צוויטשערל, טיו־אי...

כ׳גיס אָן דעם זינגער שטוב־וואַסער אַ ביסל,
און צו דעם טרונק ער טוט זיך גלייך אַ צי
און טאַנצט אַריין מיטביידע פֿיס אין שיסל.

ער טרינקט און כאַפּט... אין דרויסן גיסט — אַ גאַס...
די שיסל הוידעט זיך, אַ כליופּ פֿאַרגיסט די ברעגן.
דאָס צוויטשערל פּיטש־נאַס מיין שטוב פֿאַרלאָזט
און פֿליט אַוועק זיך טריקענען אונטער דעם רעגן.

1949

אויב דו דאַרפסט מיך זוכן

אויב דו דאַרפסט מיך זוכן, ווילסט מיך אויסזוכן —
גיי אַהין, וואו האָסט מיך קיינמאָל ניט געזען.
זאָג ניט צו קיין גליקן און קיין אויסזיכטן,
גיב מיר צו נאָר כוח ווען־ניט־ווען.

אין דעם מאָרגנדיקן טאָג כ׳וויל טאָגן — נעכטיקן,
צו דעם מאָרגנדיקן טאָג דערגיין איך וויל.
זיך אַליין איך רוף אַרויס פון טאָג פון נעכטיקן,
זיך אַליין איך טראָג מיט גלויבן צו מיין ציל.

פאַר די קומענדיקע אויפגאַנגן געראָטענע
איז די גרעסטע לאַסט מיר אויפהויבן ניט שווער.
כ׳גיב דיר אָפּ אַ גאַנצן הויף מיט ערד צעטראָטענער
פאַר אַ הויפן נאָך ניט אָפּגעזוכטער ערד.

1959

אין וועג

ווייט, אַזוי ווייט צו אַ נאַכטלעגער,
ווייט צו אַ קאַלטן טרונק.
מיין פריינט איז אַ מענטש אין די אַכציקער,
און איך בין אַזוי נאָך יונג.

מיר גייען פון דער גנילאָפּיאַטעווקע,
ביים דניעפּער עס ליגט באַבי יאַר.
און ס'ציט זיך די צייט ווי פּאַטעקע,
און מיד איז מיין פריינט דערפאַר.

מיר גייען שוין לאַנג מיטן וואָלגע־ברעג,
די בירע מיר זיינען פאַרביי.
אין הימל אַזויפיל וואָלקנדלעך,
דער טייך איז פון וואָלקנס פריי.

אונטער די פיס — הרודעס האַרטלעכע,
ברייט איז די וועלט — טו אַ שפּרונג.
באַלד וועט שוין זיין אַ נאַכטלעגער,
זיין וועט אַ קאַלטער טרונק.

1965

רו שוין אָפּ זיך, ים

רו שוין אָפּ זיך, ים — אַ גאַנצן טאָג דו האָרעוועסט...
פון די ברעגן כלינען אָפּ פאַרזאַמט
כוואַליעס, אָפּגעקילטע פון אַרומגיין באָרוועס
איבער דעם פאַרנאַכטיק — קאַלטן זאַמד.

אויך די שיפן דיינע גייען טריטוואַסער פאַמעלעכער...
כ׳ליג ביים ברעג און קוק אויף דיר און טראַכט:
וועלכע ליידנשאַפטן, טרוימען וועלכע
לאָזן ניט צורו דיך אויך ביינאַכט?

כ׳וויס: דיין אומרו — קיינמאָל וועט ער זיך ניט ענדיקן,
זיין וועסטו אי שוימיק־ווייס, אי פעכיק־שוואַרץ.
ס׳איז דיין אומרו, ווייל ער איז אַ שטענדיקער,
ענלעך אויף דעם אומרו פון מיין האַרץ...

1953

* *
*

דו זע נאָר, ווי עס קאַכט,
ניט מיין — די כוואַליע שטיפט,
ס'האָט איינמאָל אויף דעם אָרט
געזונקען שוין אַ שיף.
אַוועקגעגאַן צום דעק,
פאַרוואָס, פאַר ווען — ווער ווייסט?
געלאָזט נאָך זיך די שרעק,
פאַרשלעפּט מיט זיך די טרייסט.
מיר ווייסן עס — און דאָך
צעבויטעון מיר די טיף.
ס'האָט איינמאָל אויף דעם אָרט
געזונקען שוין אַ שיף.

1953

אַ רעדע צו די פּאַריזשער איינוואוינער

„די טויבן וועלן פאַרטריבן ווערן פון פּאַריזש".
„מע פאַרשלעפּערט די פּאַריזשער טויבן..."
„אלס עקספּערימענט וועלן טויזנט
פּאַריזשער טויבן אַרויסגעשיקט ווערן קיין
פּאַ דע קאַלע..."
„די אָפּעראַציע קעגן פּאַריזשער טויבן איז דורכגעפאַלן,
פיל טויבן האָבן זיך צוריקגעקערט פון גלות..."
„שוין ווידער די טויבן"
(פון פּאַריזשער צייטונגען)

בירגער פּאַריזשער איינוואוינער
אָן אונטערשייד פון ראַסע און פון גלויבן,
גייט אַרויס פאַרטיידיקן
די אומשולדיקע
טויבן! —

די אומשולדיקע,
די פרידלעכע,
וואָס ערשט אַצינד זייער צייט איז,
וואָס אָן זיי וועלן פאַריתומ׳ט זיין
די שטיינערנע געביידעס.
אין טיועלרי, אין שאַנז־עליזיי,
ביים לואוור און אין ליוקסעמבורגער גאָרטן —
וויפל מענטשישער כעס, וויפל פויגלשער וויי
קרייצן זיך איבער דאָרטן!

געקומען פון וואַלד —
פון בולאָן, פוןווענסען,
צוגעוואוינט פון די הענט דאָ עסן, —
קאָנען די טויבן פאַרלאָזן די סען ?
אין אייפל־טורעם פאַרגעסן ?

פרואווט עס אַליין.
טוט אַ פרואוו, צי איר קאָנט
אַוועקוואַרפן אייערע היימען.
פאַרוואָס־זשע פירט מען קעגן דער טויב
אַ קריג אַ געהיימען ?

ניסים אַזעלכע
וואָלט באַוויזן מיט מי
אפילו אַליין דער באַשעפער :
אויף שאַנז־עליזיי, אין טיועלרי
די טויבן מע פאַרשלעפערט.

מע גיט זיי ברעקלעך
מיט שלאָף־געטראַנק,
מע ווייסט, אַז זיי וועלן גלויבן...
די זון אין זייערע אויגן צאַנקט —
שלאָפט,
שלאָפט,
טויבן....

עס טוט אַ שאָפער דעם טאָרמאָז אַ צי,
נאָר פעדערן פליען...
און ס׳ווײַנען
די לוסטיקע יונגען :
פאַרי, אָ פאַרי,
מע וויל דיך פון טויבן אַנטווײַנען...

די פייגל,
וואָס ס'האָט זיי געמאָלט פּיקאַסאָ,
די ווייכע,
די אומשולדיקע —
ווי קאָן מען אַזוי זיי האַסן ?

מע וועט זיי, פֿאַרשלאָפֿענע,
אַ נעם טאָן, ווי סחורה, פֿון זייערע ערטער,
צעווייפּליגן זיי אין קאַסטנס אָפֿענע
און צושטעלן צו יעדן
אַ וועכטער.

מע וועט זיי אַוועקפֿירן
קיין פּאַ־דע־קאַלע,
ברענגען זיי צו די שאַכטעס.
אַ קוילנגרעבער וועט זיי דערזען
און זאָגן זיי ווערטער צאַרטע :
„בלייבט אין אונדזער שוואַרצן קאַנט,
כ'וועל אייך האָדעווען פֿון האַנט.
טראָגט די רו אויף פֿליגל לייכט —
מיר זאָל זיין פֿאַר אייך...“

נאָר ס'וועלן די טויבן,
אַזוי ווי אַ שניי,
פֿון פּאַ־דע־־קאַלע, פֿון דאָרטן,
אַ פֿלי טאָן צוריק
צו שאַנז־עליזיי,
צום ליוקסעמבורגער גאָרטן.

און ווידער וועט קלינגען מײַן קול,
ווידעראַמאָל,
נאָכאַמאָל:

בירגער פּאַריזשער אײַנוואוינער
אָן אונטערשייד פון ראַסע און פון גלויבן,
גייט אַרויס פּאַרטיידיקן
די אומשולדיקע
טויבן!

1961

דאָס געזאַנג וועגן קינדערשן געוויין

עס האָט מיך אויפגעוועקט דער ערשטער הוסט אין שטאָט...
אַראָפּ פון בעט, געטאָן אַ וויכן טראָט —
און זיך דערמאָנט, אַז ס'האָט אַ גאַנצע נאַכט
געקלעמט דאָס האַרץ און שלאָפן ניט געלאָזט,
אפילו אין דעם חלום כ'האָב געטראַכט,
אַז אין אַזאַ מין קעלט, אין שניי־און־פראָסט,
איז בילכער פון אַלץ,
אַז וואַרעם זאָל די קליינע קינדער זיין —
ניט צוקילן זיי זאָלן זיך דעם האַלדז,
ניט וויסן אויך פון קאָפּווייטיק די פּיין.

איך בין אין גאַס אַראָפּ פון הויכן שטאָק
און האָב דערזען: אין שטאָט קוים־קוים עס טאָגט,
גאַס־איין, גאַס־אויס פאַרהוקעט איז און פוסט,
און דאָס האָט מיך באַרואיקט און דערפרייט:
נו, דאַנקען גאָט, קיין קינד האָט ניט געהוסט —
עס שלאָפט זיך גוט, ווען ס'איז די שטוב פאַרשנייט...

איך האָב געוואָלט צוריק אַהיים שוין גיין,
נאָר פּלוצים,
אין דער ווייט,
איך האָב דערהערט
אַ הילפלאָזן אַ הילכיקן געוויין
פון הונדערט קינדער, אָדער אפשר מער!

איך בין אַוועק אַהין, אין יענער זייט,
ווי אויף אַ שריפה, ווען פון פלאַם מע שרייט.
די מיליציאָנערן אויף דער גאַס,
די סטרוזשן ביי די גאָלדקלייטן — אין תוך
געקוקט אויף מיר אָן חשד, אָבער אין כעס,
פאַרוואָס איך לויף און קיינער לויפט ניט נאָך...

יאָ, יאָ, אומזיסט געווען איז מיין דערשרעק:
אין הויז ,וואו קימפעטאָרינס ליגן, כ'בין אַריין,
די עופה'לעך צום זויגן דאָרט מע וועקט,
איז שרייען זיי פון זיין־אָדער־ניט־זיין!...

אין דעם בראשית איז דער מענטש אָט דאָ,
אין סאַמע אָנהויב, אין דער ערשטער שעה,
אין נאָך ניט זיין אויף קיינעמס, קיינעמס זייט,
אין נאָך ניט זאָגן יאָ, ניט זאָגן ניין,
אין ליגן ביי דער מאַמעס לינקער זייט,
אין זיין נאָך מיט דער קאָרע אומריין־ריין.
דער מענטש איז נאָך אין ערגעץ ניט געווען,
ער האָט אויף זיך אַליין נאָך ניט געקוקט,
ער האָט נאָך זיין באַשעפער ניט געזען,
ער האָט זיך נאָך פאַר גאָרניט ניט געבוקט...

און דאָך האָט ער שוין אויסגעוויינט זיין וויי,
אויף צענטער גאַס דערהערט כ'האָב זיין געשריי.
און ניט נאָר איך אַליין. ניין, ניט נאָר איך.
פון אַלע עקן שטאָט אַהער מע גייט.
ביי אַלע פענצטער שטייט מען דאָ געדיכט,

פון קאָפּ און ביז די פּיס פאַרוויסט—פאַרשנייט,
און איינגעגראָבן שטייט מען — ניט פון אָרט,
מע הערט זיך צו: די קינדער זויגן גוט...
די קינדער שווייגן... וויינען מוז מען דאָך!
נו, וויינט! נו, וויינט! — און שפּילן זאָל דאָס בלוט!...

1953

* *
*

נו, איז וואַס, אויב ס׳האָבן נאָך פאַרהיט
קידער־ווידער ווינטן דעם בייזוואונדער!
פרילינג, פרילינג! צו דיין זון זיך ציט
יעדער גרעזל אין דעם וואַלד באַזונדער.

אָט דעם וואַלד, וואָס קלעטערט אַרויף־באַרג,
וועט קיין וואַלגער־ווינט דעם וועג שוין ניט פאַרלויפן.
נו, איז וואָס אויב ס׳ציטערן דאָרט שטאַרק
סאָסנעס איינציקע — פאַרקוילטע, ווי נשרפים!

אין דעם וואַלד מע טראַכט ניט: גרינג, צי שווער,
קיינעם ליגט אין זינען ניט צו וואָרטשען.
קרוינען הערן, ווי עס קרעכצט די ערד,
אַ פאַרכושטע פון די זויגנדיקע וואָרצלען.

1957

עלעגיע

אַ שליטן װאַלגערט זיך אַסיען־צײַט אין פעלד ... (פון טאָגבוך)

איך האָב רחמנות אויף דעם שליטן:
אין טיפן אָסיען־טאָג, אין פעלד,
צוויי סטערטעס היי, און ער — אינמיטן,
ווי ס׳וואָלט דער אָטעם אים פאַרפעלט.

און כאָטש עס איז ניט שולדיק קיינער,
נאָר זעען זעט ער אויס אַצינד,
גלייך בייזוויליק מ׳וואָלט זיינע ביינער
אַרויסגעוואָרפן פאַר די הינט.

איך קום אים טרייסטן, קום אים זאָגן:
עס קלייבט צונויף זיך שוין אַ שניי,
נאָר פריער דאַרף מען, ס׳זאָל אַ וואָגן
פון פעלד אַרויספירן דאָס היי...

1959

האַרבסט

דו קוקסט זיך צו צום האַרבסט
אָט פריילעך, אָט פאַראומערט,
דו הערסט צו אים זיך צו אַ שעה און נאָך אַ שעה.
ס'איז עפּעס אין דעם האַרבסט פאַרבליבן פון דעם זומער,
און פון דעם ווינטער עפּעס איז אין אים שוין דאָ...

איך קוק זיך צו צו דיר,
פון דיר איך טראַכט אַצינדער —
אָט זאָגסטו „כ'בין אַ גבר", אָט קלאָגסטו זיך: דו שטאַרבסט..
יאָ, עפּעס אין דעם האַרבסט איז דאָ שוין פון דעם ווינטער.
פון זומער איז פאַרבליבן עפּעס אין דעם האַרבסט!

1958

פרילינג

װען אויף אויפגעשוימטן ים,
פּונקט װי אויף אויסגעשפּילטן װײַן אַ פּעסל,
ציילט דער פרילינג
כוואַליעס שוימיקע,
ווי הונדערטערס,
געניט און פלינק, —
אין דער זעלבער רגע אויף צעקנייטשטער דלאָניע פון אַ בלאַטיק
געסל
מיטן קליינגעלט פון די קאַליוזשעס ער קלינגט.

ס'טרעפט, אַז ערגעץ־וואו
די טראָפּנס זיפּט ער קוים אַרויס פון דריבנעם רעגן,
און בשכנות
טרינקט ער, טרינקט
פון גוסרעגן
מיט פולער קוואָרט.
ס'האָט דער פרילינג שטאַרקע ווינטן אויף צו אָנבלאָזן מיט זיי
אַ זעגל,
נאָר עס טרעפט, אַז אויך אַ שטרוי ער קאָן ניט אויפהויבן פון אָרט.

זאָלסטו זיינע כוחות, זאָלסטו זיינע ווינטן אויף איין מאָס ניט
מעסטן,
זאָלסטו פאַר זיין יונגקייט, זאָלסטו פאַר זיין שוואַכקייט האָבן
אויך אַ מעסטל. . .

1959

סטאַרע זיך ניט זיין אין טרויער שיין

סטאַרע זיך ניט זיין אין טרויער שיין,
זאָל אַליין דער טרויער רייסן קריעה,
זאָל די הויט פאַרברעכן — ער אַליין,
ער אַליין זאָל חלשן און קניען,
וויינען אויף אַ קול, צי כליפּען שטיל,
שרייען ביז צו גאָט, צי שעפּטשען אויפן אויער.
זאָל ער טרויערן, דער טרויער, ווי ער וויל.
סטאַרע זיך ניט אויסזען שיין אין טרויער.
פּרואוו ניט מאַכן אים נאָך גרעסער, ווי ער איז,
טו אויף אים ניט אָן קיין קרוין, קיין פאַנצער.
בעסער, ער זאָל זיין ניט שיין, ניט מיאוס,
בעסער, אַז ניט זיין ער זאָל אינגאַנצן.

נאָר אויב ס׳קומט דער טרויער, אויב ער קומט,
זאָלסטו זיך ניט מישן.
זאָלסטו זיצן שטום...

1959

ס'פאַרגייט אויף מיר די צייט

„ס'פאַרגייט אויף מיר די צייט, די צייט אויף מיר גייט אויף,
איך קריך פון זיך אַראָפּ. איך קריך אויף זיך אַרויף.
איך בין אַ באַרג! איך וואַקס אויף העלפט פון זיך אַרויס,
מיין צווייטע העלפט — זי ליגט ביים ערד־קיילעך אין שויס.
דו מעגסט זיך זיין אַ טאָל, דו מעגסט אַ פעלדז זיך זיין —
פון מיר דו וועסט אַרויס, אין מיר דו וועסט אַריין".

„און דאָך, אָ גרויסער באַרג... זיי מוחל פאַר די רייד:
אַליין דו גייסט אַריין אין אונדזער באַרגן־קייט"...

1962

אַ שלאָפלאָזע נאַכט מאַכט ניט לענגער דעם טאָג

אַ שלאָפלאָזע נאַכט מאַכט ניט לענגער דעם טאָג —
בלויז זיך און דעם אומעט מאַכט לענגער, מאַכט גרעסער.
כ׳וועל בעסער שוין בײַשטיין דעם טרוים, וואָס מיך טראָגט,
דעם אומרו דערשטיקן אין ברוסט וועל איך בעסער.

ווען קומען דער טאָג, וועל איך זאָגן: שוין צײַט!
ניט שלאָפן! ניט רוען! ניט זוכן קיין שאָטן!
אַליין זײַן דאָס רײַטפערד, אויף וועלכן איך רײַט,
אַליין זײַן די ערד, וואָס מײַן טרוים האָט באַטראָטן!

1957

אַ קורצער שאַרפער פייף

אַ קורצער שאַרפער פייף אַרויס איז פון אַן ענגשאַפט,
גלייך ווי אַ צוויאָק אין ברעט, איז ער אין רוים אַריין,
און פּלוצים — אויס, ניטאָ! געבליבן נאָר די בענקשאַפט:
ס'קאָן כ'לעבן, גאָר ניט זיין, ער זאָל שוין מער ניט זיין...
ער האָט דאָך ערשט פאַרהילכט דעם קלאַפּ פון אַלע הערצער,
געשטאַנען ווי אַ זייל אויף דער פאַרטויבטער שטאָט.
און ס'האָט געדוכט: נאָר ער דאָס לאַכן און דאָס קרעכצן,
דעם רעש פון אונדזער ערד דערטראָגן וועט צו גאָט.

איך האָב געוואָלט זיין גורל פסקענען מיט טרויער:
געדויערט האָט דער פייף אפילו ניט קיין שעה...
נאָר אָפּגעשטעלט האָט מיך אַן אָפּהילך אין די אויערן —
איך הער אים נאָך, דעם פייף, כאָטש ער איז שוין ניטאָ!

1957

אַ וואונטש

אָנגעשפּאַרט די האַנט די לינקע אין דער ערד,
מיט דער רעכטער האַנט פאַרוואַרפט ער אַ פּיאַטאַק אַ מעשענעם,
און די אויגן זוכן אומרואיק: באַשערט, צי ניט באַשערט?
— אָדלער?
— רעשעטע?

ס׳איז אַ קינדערשפּיל — דאָס בחורל האָט זיך פאַרווײַלט,
נאָר אויף דעם פּיאַטאַק אַרויפגעלייגט אַ טרוים אַזאַ געהיימען,
אַז ווי אַ פליט האָט די מטבע אים פאַרטראָגן אויף אַ מייל,
און קומען וועט ער, דאַכט זיך, צו אַ ברעג צוריק שוין קיינמאָל...

כ׳ווייס ניט וואָס אויף דעם פּיאַטאַק ער האָט פאַרטראַכט,
און צי גלויבט ער טאַקע אויף אַן אמת דער מטבע אָט־דער...
ווען ער שפּילט זיך, קוק איך שטרענג און ווינטש אים צאַרט,
אַז דאָס לעבן זאָל אים פאַלן אויפן אָדלער...

1958

אַ הונדערט-איין-יאָריקער
האָט געפּרוּאווט באַגיין זעלבסטמאָרד

אויב אַפּלייגן
אויף אַ באַזונדער שעלעכל
די הונדערט מייליקע,
די הונדערט קיילעכיקע,
ביסטו ערשט איין יאָר אַלט,
קינד וואָס דו ביסט,
וואָס זשע דאַרפסטו זיך נעמען דאָס לעבן ?

און אויב צונויפלייגן
דאָס יאָר מיט די הונדערט יאָר,
איז דער עלפטער צענדליק שמאָל,
און ס׳איז צען מאָל צען דער עול, —
ווי אַזוי זשע וואַגסטו זיך נעמען דאָס לעבן ?

1966

אָן אַ שטיין

די האַנט האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ שטיין! שוין פאַרפאַלן...
עס קאָן זי ניט אָפּשטעלן ניט דער קאָפּ, ניט דאָס האַרץ אַליין...
אַך, בלוט וועט זיך גיסן דאָרט,
וואו דער שטיין וועט פאַלן...

נאָר טוט אַ קוק,
טוט אַ קוק,
וואָס עס טוט דער שטיין:

דער שטיין וויל וויסן, אין וועמען מע וואַרפט אים.
דער שטיין איז אויפגעשטאַנען קעגן דער האַנט!
ער וועט זיך פאַרהאַלטן,
ניט דערפליען אַ קלאַפּטער,
ניט דערפליען צום פאַרברעכן, צו דער שאַנד.

די האַנט האָט דערפילט, אַז דער שטיין איז שווערלעך.
זי טוט אים אַ רייב אין דער אייגענער הויט
און גייט אָפּ מיט בלוט:
דער שטיין איז געפערלעך!

פאַר איר אַליין שמעקט ער מיט טויט!
די האַנט האָט פאַמעלעך צענומען די פינגער,
אָנגהויבן זיך קווענקלען,
געביטן דעם מיין.
און איצט —
אַן אַ שטיין דער האַנט איז גרינגער,
און איצט —
אויף דער ערד ליגט דער שטיין ווי אַ שטיין.

1966

* *
*

שפּיל, סאָלאָווייטשיקל, שפּיל, איך וויל אַ ביסעלע וויינען

(מענדעלע, „די קליאַטשע״)

שפּיל, סאָלאָווייטשיקל, שפּיל,
אַ סאָלאָוויי טאָר ניט וויינען,
און זאָל דער ניטגוטער מיינען,
אַז ניט איך וויין, נאָר איך שפּיל.

דאָס האַרץ — עס מעג זיך פאַרגיין,
אַזוי ווי אַ קינד, אין געיאָמער,
נאָר מאַכן אַן אָנשטעל לאָמיר,
אַז קיינער עס האָט ניט געוויינט —
מאַמעניו־האַרצעניו, איילעד.
קעצעניו־ליובעניו, פּריילעד.

שפּיל, סאָלאָווייטשיקל, שפּיל,
עמעץ וועט קומען און הערן,
וועלן זיך שטעלן אים טרערן,
וועט ער צעוויינען זיך שטיל.

דעמאָלט כ'וועל שרייען: איר הערט!!
דעמאָלט די טרער וועל איך לויבן.
שפּיל סאָלאָווייטשיק, דיין גלויבן
בלייבן זאָל אייביק גערעכט.
ס'אַרט מיך ניט, אויב וועסט זיך מאַכן:

לאַכן און לאַכן און לאַכן...

שפּיל, סאָלאָווייטשיקל, שפּיל,
אַ סאָלאָוויי מעג דען שטומען!
איין סאָלאָוויי מאַכט זומער! —
שפּיל, סאָלאָווייטשיקל, שפּיל.

1966

א שלעכטער געדאנק

הינטעלע, בייז הינטעלע,
בייס מיר אָפּ אַ שלעכטן געדאַנק,
טו זיך אַ וואַרף אויף מיר פון הינטן־אַרום
און מיט די ציין דעם שגעון דערלאַנג.

ווייל אַ ווײַב איז זי שוין,
אַ מאַמע מיט ווינדעלעך —
אויף אַ פרעמדן פעלד אַ זאַנג.
הינטעלע, בייז הינטעלע,
בייס מיר אָפּ דעם שלעכטן געדאַנק.

1966

אַ דור קומט, אַ דור גייט אַוועק

כ'וועל זאָגן אייך אַזוינס,
וואָס קיינער האָט ביז מיר נאָך ניט געזאָגט, —
שוין אויסגעשפּרייט האָט זיך לעם אייער שוועל אַ נ י י ע ר טאָג!
קיין אַלטע נייעס ביי מיינע פאַרגעננגער איך וועל ניט לייען,
ווייל לעבעדיק דער דיכטער איז מיט נייעס,
ווייל געבן צוויי מאָל איינס דאָס זעלבע איז קיין חסד ניט,
מיט נייעם
זיץ איך אויבנאָן, ווי אויף אַ היסה־בעט.
נאָר אָט — עס קומט אַן אנדערער אין אייער שטוב און זאָגט,
אַז לעם דער שוועל שוין שפּרייט זיך אויס אַ נ י י ע ר, נייער טאָג, —
און מיך, דעם ערשט געזאָלבטן,
ער בעט —
זיך ניט פאַרהאַלטן.

1966

צו אַ פריינט

איר זיינט פון אונדזער שטאַם אַ צווייג,
איר שטאַמט פון גלות דאָך אַוודאי..
און איך בין אומרואיק און שווייג,
ווען איר
פאַר אונדז
זיינט זיך מתוודה.

בין דעמאָלט אויך געווען אין וועג,
און שווער געטראָפן האָט אונדז ביידן,
נאָר פון דעם וועג זיינט איר אַוועק —
אַוועק אויף פריידן? צי אויף ליידן?

און ס'איז אין אויג מיינעם דער ווײ
פונקט ווי דער צפון־ים פאַרפרוירן,
איך בין אין רוסלאַנדס הויכן שנײ
אין זיבעצנטן יאָר געבוירן...

די ווערטער מיינע איצט איך שפּאָר,
ווייל ס'שרייט אַרויס פון אַלע פענצטער:
אין זכות פון דרייסיק הונדערט יאָר —
די לעצטע פּופּציק ניט צטרענצלט!

1966

ניינטער וואַל

דאָס האָט זיך אָנגעהויבן פון דעם דריטן וואַל...

געוואָרן קיל איז אויפן ים, ווי אין אַ וואַלד.
מיט פייכטקייט און מיט שאָטן האָט גענומען שמעקן.
דערנאָ:ך האָט זיך צעשפּילט דער פערטער וואַל —
אַ שפּאַר געטאָן אויף זיך אַליין פון אַלע עקן.
דערנאָך דער פינפטער,
זעקסטער,
זיבעטער,
און דאַן —
דער אַכטער וואַל...
געשטעלט אויף די שפּיץ־פינגער האָט דער ים זיך,
און ס'איז געשען!

און אויפגעזאָדן מיט דעם וואַסער האָט די שטילקייט לאַנגזאַם.

1966

די ליד פאַרפלייצט האָט אַלע ברעגן

פון קינסטלעכן „ספוטניק״ פון דער לבנה האָט געקלונגען דער „אינטערנאַציאָנאַל״.

אויב ס׳איז געווען אַ מענטש אַזאַ מין,
וואָס האָט די ליד נאָך ניט געהערט,
האָט ער געהערט זי איצט צוזאַמען
מיט אַלע מענטשן אויף דער ערד.

און אויב געווען אַ כוח אַזאַ מין,
וואָס האָט געגאַרט זיך, אַז ער קאָן
דעם וועג פאַר אָט דער ליד פאַרצאַמען, —
איז ער אַרויס אויך פונעם קאָן.

די ליד פאַרפלייצט האָט אַלע ברעגן,
זי לאָזט זיך הערן איבעראַל.
און ס׳גייט די ערד
דער זון אַנטקעגן
מיט דעם אינטערנאַציאָנאַל.

1966

ערב אַ פאָלקס-ציילונג

יאָרטויזנטער פאַרציען שוין מיט גרויקייט מיינע הויטן,
דאָרט, וואו איך ליג, איז ערד און לייב ניט אָפּצוטיילן,
און ווייל איך לעב אין לעבעדיקע און אין טויטע,
איז אוממעגלעך מיך איבערציילן.
כ׳ליג, ווי אַ קינד, וואָס האָט זיך אויסגעבונדן פון די וויקעלעך:
אין בויבעריק אַן אבר, אין בוכענוואַלד אַן אבר,
דער קאָפּ ליגט אין וואָלין,
די פיס — אַזש אַנגעשפּאַרט קיין פּראָג און קיין בערלין,
דאָס האַרץ — אין וויגעלע,
דאָס געביין — אין קבר.

איך בעט אייך רעכענען צווישן די לעבעדיקע אויך מיין מאַמען,
איך בעט אייך רעכענען צווישן די לעבעדיקע אויך מיין שוועסטער,
איך בעט אייך רעכענען צווישן די לעבעדיקע אַנאַ פראַנק,
און ווייל איר וועט ניט אויסמעקן אויך מיך — אַ דאַנק.

1966

ערב ווינטער

די זון פֿאַרגייט אויף אַ שניי. ביינאַכט וועט ער אויספֿאַלן,
ליגן ביז אינדערפֿרי.
און אין מיינע אויגן דער ווײ
וועט ביז דעם האַרצן דערגיין און עס אויסוויסן,
ניט לאָזן שלאָפֿן ביז אינדערפֿרי.

די ביימער הינטערן פֿענצטער — אין שפּעטסטן האַרבסט,
די קעלט קריכט זיי אונטער דער קאָרע.
דער האַרבסט וויל זיך איבערקלייבן אין מיין האַרץ,
ביי מיר איז אַ דינע הויט —
ניט קיין קאָרע.

וועל איך בעסער גיין מיט דער זון, און אויכעט פֿאַרגיין אויף אַ שניי,
און דער ווײ מעג דאָס האַרץ מיינס אויסוויסן,
און זאָל קומען דער ווינטער,
אויב ס'איז זיין ריי, —
דער האַרבסט וועט זיך בלויז מיר אויסווייזן...

1966

אוצר

אוצר,אוצר, דעק זיך אויף,
דעק זיך אויף און קום אַרויף.
לאָז צו זיך דאָס אויג מיינס צו,
וועסטו געבן מיר די רו.
לאָז זיך צורירן צו דיר,
כאָטש אָט דאָ, אויפן פּאַפּיר,
כאָטש אַ זכר לאָז, אַ סימן —
כאָטש אין האַרצן, כאָטש אין דמיון.

אוצר, אוצר, דו ביסט גרויס
אויב דו ליגסט ביי מיר אין שויס.
ווען איך האַלט דיך אויפן קאַרק,
ביסטו שטאַרק און איך בין שטאַרק.

און ווי איך אַליין ביסט יונג,
ווען דו ליגסט מיר אויפן צונג.
אוצר! וואָס איז דאָס — אַן אוצר!
אָט געווען, און אָט שוין אויס זיך...

אוצר, אוצר! קום און פאָלג!
כ׳וועל דיך אָפּגעבן דעם פאָלק.
ווערסטו זיין דאָ, אויף דער ערד,
וועסטו האָבן רעכט און ווערט.
וועט דיך קיינער ניט פאַרגראָבן,
וועסטו אויך אַן אוצר האָבן.

1966

קום אריין אין מיין וועלט

קום אַריין —

קיל זיך אָפּ אין מיין היץ, ברי זיך אָפּ ביי מיין קעלט.
אין מיין וועלט קום אַריין.
קום אַריין אין מיין וועלט.

שיכור ווער פון מיין ווינט, ניכטער ווער פון מיין וויין.
קום אַריין אין מיין וועלט.
אין מיין וועלט קום אַריין.

פראַנק־און־פריי דיר מיין וואַלד, און געדיכט דיר מיין פעלד.
אין מיין וועלט קום אַריין.
קום אַריין אין מיין וועלט.

זאָל דיר גרינג זיין מיין עול, שווער מיין לייכטזין דיר זיין.
קום אַריין אין מיין וועלט.
אין מיין וועלט קום אַריין.
קום אַריין.

1966

פון אַלף ביז תיו

פון אלף ביז תיו,
פון אָנהויב ביז סוף,
פון זען דיינע אויגן ביז זען זיי אין שלאָף —
אַ וועג אַזאַ ווייטער, אַ שווערער מהלך:
דער סוף ווערט אַן אָנהויב, דער תיו ווערט אַן אַלף...

דו טראַכסט דען פון כבוד, דו מאַכסט דען אַ שם זיך,
ווען גייסט אום צו חלום, מיין ליבע, מיין מוזע?
דער סוף איז קיין סוף ניט, דער סוף ווערט אַ המשך.
און קורץ דער מהלך — פון וועלן ביז מוזן.

איז גיי צו די הערצער; איז קום אויף די ליפּן!
איז גיי אום צו חלום, מיין מוזע, מיין ליבע...
זאָלסט גאָרניט פאַרבייגיין,
זאָלסט גאָרניט פאַרשווייגן —
פון אָנהויב ביז סוף,
פון אלף ביז תיו.

1953

געזאַנג פון גלוכאר

היי, ברידערלעך כלי־זמרימ׳לעך,
אַ רוח אין אייערע ביינער! —
טוט נאָר אַ נעם די פידעלעך
אַלע ווי איינער.
גענוג זיך געוואַרעמט ביי פייער־טעפּ,
זעצט זיך אויס אַרום שייטערס,
צינדט אָן אין די אויגן פייערלעך,
דאָס בלוט זאָל אַ יאָג טאָן פאַרשייטער.
אַ ביסל, זעט אויס, זיך אויסגעבענקט,
די אויגן פאַרלאָפן מיט טרערן.
ווער ס׳איז געוואָרן אויס שפּילפויגל,
וועט שוין צוריק ניט ווערן...
גענוג שוין, גענוג געזעסן
קוד־קודאַך אויף נאַסידעלעך,
קומט צו די מענטשן באַווייזן זיי,
וואָס סע שטעקט אינעם פידעלע!
פון אַלע אמת׳ן העכער,
טיפער פון טיפסטער חכמה —
דאָס ליד, וואָס איז ברויט פאַר עמעצן
און פאַר עמעצן — נאָך מער.
היי, ברידערלעך כלי־זמרימ׳לעך,
אַ רוח אין אייערע ביינער! —
טוט נאָר אַ נעם די פידעלעך
אַלע ווי איינער.

1) גלוכאָר — אַ טייגע פויגל, ווען ער זינגט, הערט ער ניט און זעט ניט.

1953

כ׳וועל דיר ערבות געלט באַצאָלן

כ׳וועל דיר ערבות־געלט באַצאָלן — קער מיר אום צוריק מיין פייפל.
ליפּן האָב איך, לונגען פולע און אַ האַרץ מיט לידער רייפע,
און דער הימל, פול מיט שטערן,
וויל מיך הערן, וויל מיך הערן.

ניט פאַרלאָרן כ׳האָב דיין ברכה, ניט צעטרענצלט ניט פאַרשווענדעט,
אין דעם גאָרגל שטעקט דער ניגון, וואָס איך האָב אים ניט געענדיקט,
„אָדער זינגען, אָדער שטאַרבן!״ שרייט אַרויס פון מיר דער פויגל,
טו אַ קוק: מיין נעסט איז וואַרעם — איך בין ניט אַוועקגעפלויגן.

ווילסט קיין ערבות־געלט ניט נעמען — נעם מיין האַרץ מיט די געזאַנגען,
הייס מיר לעבן, הייס מיר פליען, הייס מיר זינגען און זיך ראַנגלען,
ווייל דער הימל, פול מיט שטערן,
וויל מיך הערן, וויל מיך הערן...

1960

פאַרגעסט ניט, אַז אין אייער מענטשן - קייט

פאַרגעסט ניט אַז אין אייער מענטשן־קייט
איז אויך אַ זינגער דאָ — פאַרגעסט ניט,
און אויב איר ווילט, האָט האַנט פון מענטשלעכקייט
אויף אים אַוועקגעלייגט די לאַסט די גרעסטע.

פאַרגעסט ניט, אַז דעם זינגערס טעות'ן
אין דער נשמה פונעם פאָלק זיך נעסטן,
און אויב דער זינגער וועט צוויי מאָל זיך טועה זיין —
אים זאַלבן מיט זיין שטראָף פאַרגעסט ניט.

נאָר אויב דאָס האַרבע וואָרט אויף עמעצן,
צי אויף אַ כלל ער וועט פאַרמעסטן, —
זיך צוהערן צום זינגערס אמת'ן,
אים אָפּגעבן געדעכט — פאַרגעסט ניט.

1954

איך רו ניט בייטאָג און איך רו ניט ביינאַכט

איך רו ניט בייטאָג און איך רו ניט ביינאַכט,
די ליד איז מיין לייטער — דעם הימל דערלאַנגען.
איך בין, מיינע פריינט, ניט פאַר אייך געדאַכט,
אַ פויגל — געשטראָפט און געקרוינט מיט געזאַנגען.

איך האָב מיר מיין אייגענע ערדישע נעסט,
און טיף איז דער וואַלד, און די ליד איז דאָרט הילכיק,
און אָפט — מיט אַ שטרוי אין די נעגל פאַרפרעסט —
פלי איך אַוועק אַזש אַהין, צו דעם מילכוועג...

ווען דאָרטן איך בין, ווען איך בין אין דעם רוים,
ציט מיך צוריק, און די ליד איז אַ לייטער.
איך גיב זיך אַ נדר ניט וואַרפן דעם בוים,
ניט פליען צום מילכוועג איך גיב זיך אַ נדר.

נאָר ווידער איך רו ניט בייטאָג און ביינאַכט,
און נאָכאַמאָל וויל איך דעם הימל דערלאַנגען.
איך בין, מיינע פריינט, ניט פאַר אייך געדאַכט,
אַ פויגל — געשטראָפט און געקרוינט מיט געזאַנגען.

1955

וויש אויס די שויבן פון דיין ליד

וויש אויס די שויבן פון דיין ליד,
אַזוי פיל אויגן — וויי מיר, וויי —
מיט נייגער דורשטיקן צעגליט
וועלן אַריינקוקן אין זיי !

באַלויכט דאָס ליד מיט פרייד און פיין,
אַז די, וואָס ביי די שויבן שטייען,
זאָלן דערזען אין העלער שיין
סיי דיך, פּאָעט, סיי זיך אַליין.

1956

* *
*

קום איך אין דעם וואַלד מיט האַק־און־פּאַק,
מיט אַ האַק און מיט א רוקן־זאַק,
און דער וואַלד, אַן אויפגעברויזטער, שוימט :
— פריער זאָלסטו ליבהאָבן דעם בוים
און דערנאָך ערשט אויפהויבן די האַק...

טרעפט אַמאָל, דאָס וואָרט איך שניץ און שמיד,
און איך טו עס אומגערן אַ שניט,
ווערט די זעל ברוגז און צעקאָכט :
— פריער זאָלסטו ליב האָבן דאָס וואָרט
און דערנאָך עס שניידן פאַר דער ליד...

אַלעמאָל איך טראַכט מיר אין געדאַנק :
פאַר דעם מוסר, פאַר דער וואָרעניש — אַ דאַנק.

1959

* *
*

און אויב פון היימלעכקייט אַ מינדסטער זכר
האָט ס'פעלד דאָס האַרבסטיקע דאָך ניט פאַרפעלט,
וועט אויך געפעלן מיר, וועט אויך זיין ווייך מיר
ביינאַכט אויף האַרטלעגער ביים הוילן פעלד.

און איידער וואַרעמען די טיי די נעכטיקע
קאַיאַר, ווען הימל־ראַנד צום טאָג ווערט גרוי,
איז בעסער זיצן אויף דער ערד דער שטעכיקער
צוגאַסט ביי גראָזן אויף אַ גלעזל טוי...

1956

וואו איז דער מענטש ביי לעוויטאַנען

וואו איז דער מענטש ביי לעוויטאַנען?

אַ גרויער וועג — מיט איינזאַמקייט געבענטשט...
ביים ברעג פון טייך בערעזעס טונקלע וויאַנען...
אַ פערד, געשפּאַנט אין שליטן — אָן אַ מענטש...

ניטאָ קיין מענטש ביי לעוויטאַנען.

איך גיי פאַרטראַכט אין מאָלערס וועלט אַריין,
און גלייך דערפיל איך, אַז די פרייד, די פּיין,
וואָס אויסגעגאָסן ליגט דאָ אויף דער רחבות,
דער אומעט און דער גלויבן און דער טרוים —
זיי קומען פון דעם מענטש און פון זיין תכלית,
כאָטש זעען זע איך זיי צעגאָסן בלויז אין רוים...

1958

ס'איז פֿאַרהיט אין דער וועלט

ס'איז פֿאַרהיט אין דער וועלט
די פֿאַרשוואומענע וועל,
און דער הילך פֿון דער האַק,
און דעם האָלצהעקערס „האַ!"...

אין דער וועלט ניט פֿאַרהיט —
ניט לעם דיר, ניט לעם מיר,
איז דער בליץ (ווייל ניט הי,
איז דער קוואַל פֿון זיין מי).

און דעם דיכטערס געזאַנג
האָט אַ מזל אַזאַ:
כדי רעגן די וועלט,
דאַרף ער זיין ווי אַ וועל,
וואָס פֿאַרשוואומען — פֿאַרבלייבט,
וואָס מע פֿילט מיטן לייב...
דאַרף אויך קורץ זיין און שטאַרק,
ווי דעם האָלצהעקערס „האַ",
וואָס איז פֿלינק ווי אַ פֿונק
און איז הייס ווי די זון.

1953

די טענצערין

זי איז כמעט שוין ניט קיין מענטש. כמעט אַ שוואַלב.
די הענט — כאָטש לייג זיי איר צונויף, ווי אָפּגעשוואַכטע פליגל.
ווער האָט פון מענטשן־לאַנד צוריק אין פויגל־טשאַטע זי פאַרטריבן?
פאַרוואָס אַזוי באַשטראָפט?
צי אפשר גאָר געזאַלבט?

פון מיין באַצויבערטקייט מיט פחד מיט אומזיסטיקן אויף איר איך קוק,
דערשפּירט מיין צווייפל, הויבט זי אויף אויף מיר די אויגן דאַנקבאַר,
און איך דערזע: ניט גרינג פון מענטשן ביז דער שוואַלב צוריק דערלאַנגען...
און ניט די טענצערן פאַר מיר, נאָר איך פאַר איר זיך בוק.

זי רעדט שוין ווידער מיט די הענט. זי לאָזט אַראָפּ צו שוועסטער־שוועלבעלעך די אויגן.
און ס'דוכט, די הענט אירע מיט פעדערן באַוואָקסן שוין אויף האַלב.
זי איז כמעט שוין ניט קיין מענטש. כמעט אַ שוואַלב.
כמעט שוין ניט קיין טענצערן. כמעט אַ פויגל.

1953

די ליד, וואָס אַט ערשט כ׳האָב פאַרענדיקט

די ליד, וואָס אַט ערשט כ׳האָב פאַרענדיקט,
זי נעמט מיר מיט חוצפה דערווידערן.
מיין אייגענע ליד מיך פאַרבלענדעט,
די אייגענע ווערטער — דערשיטערן.

אַרויסגעלאָזט האָב איך דעם ניגון
אַזוי ווי דעם שפּאַרבער דעם האַרבסטן:
אַ שטילער אין האַרץ וואָלט ער ליגן,
אַרויס — און אַ פּיק מיר אין האַרצן.

נו, מילא, פאַרפאַלן — ס׳איז שטענדיק
אין לעבן אונדז עפּעס דערווידער...
די ליד, וואָס איך האָב ערשט פאַרענדיקט,
אויף אַנדערע ליפּן שוין ציטערט!

1960

אַ שאלה

פֿאַרוואָס ניט ברענגען אויך דעם סאָלאָוויי צו קבורה?
פֿאַרוואָס ניט צודעקן מיט גרינגער ערד זיין אויסגעשעפּטע גבורה?
פֿאַרוואָס ניט איבערלאָזן אויך נאָך אים אַ סימן פֿון זיין ליד?

נו, ענטפֿערט מיר: עס קומט אים, אָדער נישט?

פֿאַר מיר, דעם וואַלד־מענטש, האָט ס'פּאַרטאָגיק ליד פֿון סאָלאָוויי
דעם זעלבן מיין, ווי פֿאַר דעם פֿויער האָט דער האָנעקריי.
פֿאַר מיר, דעם זינגער, האָט דעם סאָלאָווייס געזאַנג
דעם זעלבן ווערט, ווי פֿאַר דעם בלוט עס האָט אַ שטאַרק געטראַנק.

און אויב אַזוי, איז דאָך די שאלה מיינע פֿול מיט זינען:
פֿאַרוואָס נאָך אים ניט איבערלאָזן פֿון זיין ליד קיין סימן?

1960

ווען זיין איך וואָלט אַזאַ ווי די סאַראַטאָווער־האַרמאָניקע

אויף דער האַרמאָניקע וואָס רופט זיך „סאַראַטאָווער" קען מען שפּילן נאָר פריילעכע מאָטיוון.

ווען זיין וואָלט איך אַזאַ ווי די סאַראַטאָווער האַרמאָניקע,
ניט קענען זינגען אומעטיק, נאָר פריילעך און נאָר האָפערדיק,
אין זיך אַליין זיין צוקערדיק, צו זיך אַליין זיין האָניקדיק,
עד, ווען איך וואָלט זיין ווי די סאַראַטאָווער האַרמאָניקע —

דאַן וואָלט איך זיך צעצויגן אויף דער ברוסט פון מיין געזאַנגען־
וועלט,
צעצויגן און צעגאָסן זיך, ווי פונעם שלאָף אַ לאַנגע וועל,
געשאָטן כ'וואָלט אָפּצאַסנווייז די קורצע גיכע קלאַנגעלעך,
די שטענדיקע, די זוניקע,
די קיינמאָל ניט לבנה'יקע —
און זיין וואָלט איך אַזאַ, ווי די סאַראַטאָווער האַרמאָניקע...

ניין, כ'וויל ניט. ניין, איך וויל עס ניט.
ניין, כדאַרף ניט. ניין, איך דאַרף עס ניט.
אויב שפּילן — איז סיי פידלדיק, סיי פויקנדיק, סיי אַרפעדיק,
סיי טרויעריק, סיי אבלדיק, סיי ביטער און סיי האָניקדיק,
זיך בעטן און זיך אַמפּערן, זיך אויסטענה'ן און מאָנען אויך —
און ניט נאָר טרי־ליא־ליא, ווי די סאַראַטאָווער האַרמאָניקע.
האַרמאָניקעס, האַרמאָניקעס... כ'האָב ליב אייך הייס און אָרנטלעך,
פאַרגעסט מיך ניט, אוי קומט צו מיר, ס'איז אומעטיק, אוי
ראַטעוועט,
קומט בענקענדיקע, פריילעכע, פאַרליבטע און באַצאָרנטע,
נעמט מיט אויך יענע שטיפערקע,
אָט יענע — די סאַראַטאָווער...

1956

נאַך אַ שטורעם

אויסגעריסן מיט די וואָרצלען, ליגןביימער, פונקט ווי רעטעכער,
נאָר די קרוינען (זע, זיי לעבן!) מיט די בלעטער נעמען בלעטערן,
און עס הויבן אָן צו רוישן די פּאַרקניפּטע פולע צווייגן:
— מירן שטייגן... מירן שטייגן...

פליען אָן פון ערגעץ ראָבן, זעצן צו זיך לעם די סאָוועס:
— ניין, די שטאַמען ביי די סאָסנעס
וועלן איינגעשפּאַרט ניט שטיין מער,
ווייל די ביימער,
די, וואָס ליגן,
זיינען מער שוין ניט קיין ביימער...
אָט אַזוי די ראָבן קראַקען, שיטן אַש אויף גרינע שטח'ן.
— ס'איז אַ סאָסנע דען?
— ס'אַ צעדער?
— גייט שוין, גייט! ס'איז פולע רעטעכער!...

קום איך אָן און שוויג, און קוק נאָר, און איך שטיי, און שוויג און טרויער:

ווי איז מיר! דער בייזער שטורעם האָט אַ נאַכט, ניט מער, געדויערט, —
קאָן ניט זיין, עס קאָן ניט זיין, און ניט איך גלויב און כ'וויל ניט הערן,
אַז דער שטורעם זאָל דעם וואַלד, ווי מיט אַ בעזים לייכט פאַרקערן!

נעמט זיך אָן מיט כוחות, ביימער!
ס'איז דאָס גראָז אייך ביז די אַקסל,
נאָר ס'איז דאָ אויף וואָרצלען ערד נאָך — וועט איר וואַקסן, וועט איר וואַקסן!

1954

דער גרויסער גלאָק האָט ניט געקלונגען

דער גרויסער גלאָק האָט ניט געקלונגען,
די קליינע גלעקעלעך — גלינגלאָן! גלינגלאָן! —
גערופן אומרואיק,
געוועקט, געמונטערט
דעם שווערן שווייגער: הויב שוין אָן!

דער גרויסער גלאָק האָט אַלץ געשוויגן,
גלייך ניט געהערט, אַז אים מע רופט.
די גלעקלעך — מיד פון לאַנג זיך וויגן...

נאָר ס'האָט זיך שוין צעוויגט די לופט:
דער גרויסער גלאָק האָט זיך צעקלונגען!

די קליינע גלעקלעך — געוואָרן שטיל.
און נאָר געשעפטשעט, אַז עס איז געלונגען,
אַז מ'איז — גלינגלאָן! גלינגלאָן! — שוין נאָענט דער ציל...

1961

כ'האָב אויך ווי דו, מיין אייוועלע

כ'האָב אויך ווי דו, מיין אייוועלע,
געוואַרעמט פרעמדע אברימלעך...

פון פלאַם געוואָרן פטור שוין!
פאַרשטעקט זיך מיט אַ פאָקרעשקע!

אָ, ניין! אין ברוסט שוין אָפגעברענט,
פון מיר פאַרפלויגן — אָפגעוועט

אַזויפיל פלאַמען — שוועלבעלעך,
אַז ס'איז גענוג אַ שוועבעלע,

אַ פונק, צי נאָר אַ ציגל־קלאַפּ —
און ס'ברענט, און ס'טירל צוגעקלאַפּט!

אויפסניי ווי דו, מיין אייוועלע,
איך וואַרעם פרעמדע אברימלעך.

1961

צי אַרוים די ווענטקע

צי אַרויס די ווענטקע!
צי אַרויס זי גיכער!
ניין, ס'איז ניט קיין ווירבל און ס'איז ניט קיין וויכער,
ס'האָט קיין שטראָם דעם פּאָדים דאָרטן ניט פאַרזויגן —
אַרום אטשיק — ליסקעס און צוויי רויטע אויגן...
פון דעם גרויסן וואַסער, גליטשיקן און פרישן,
צי אַרויס די ווענטקע,
כאַפּ אַרויס דאָס פישל!

ביידע אין איין אָטעם האָט איר זיך באַגעגנט:
דו — פאַרגאַפּט פון פישל,
ס'פישל — טויב אַ רגע.
דורשטיק איינס אין צווייטן האָבן זיך פאַרזויגן —
דיינע אויגן שוואַרצע און די רויטע אויגן.

צווישן ערד און הייכן,
צווישן האַרץ און שכל
איז אַרויס אַ ניגון
אויף פאַרשייטע פליגל...

1959

דער פידלער הערט זיך צו צום גריל

דאָס פידל האָט אים אויפגעהערט צו פאָלגן,
געוואָרן — האָלץ, געוואָרן קאַלט און שטיל,
פאַרצויגן אים דאָס פנים מיט אַ וואָלקן
אכזריות׳דיק געשעפטשעט : „שאַ, אַ גריל !"

געשטאַנען איז דער פידלער ווי אָן לשון,
מיט ציטערדיקע הענט באַטאַפּט דעם סמיק,
געהערט, ווי ס׳האָט אָן אויפהער זיך געגאָסן
דעם שוואַכן גרילס נאַטירלעכע מוזיק.

כאָטש ס׳איז אָט די מוזיק געווען צעשאָטן
אין פידלערס שפּיל, אין קלאַסישן נאָקטורן,
האָט אים דערפרייט דעם גרילס מוזיק אָן נאָטן,
ווייל ס׳האָט געשפּילט אַליין זי די נאַטור.

ווייל ער, דער כישופמאַכער, דער מאַעסטראָ,
דער מייסטער פונעם קלאַנג און פון געפיל,
דאָס ערשטע פידל אין אָרקעסטער ! —
ער איז דאָס צווייטע פידל ביי דעם גריל...

1960

עס טרעפט אַמאָל

עס טרעפט אַמאָל :
די ווערטער לויפן,
ווי הענער אויף אַ זשמעניע פּראָסע,
ווערטער — גאַלאַגאַנער, ניט קיין פּראָסטע...
זיי שווימען, ווי די קריעס נאָכן ווינטער,
פון מויל —
אויף דעם פּאַפּיר
און דורך דעם טינטער.

פון אומגעריכטקייט שפּרינג איך אויף פון אָרט,
און איך דערמאָן זיך : כ'האָב געזוכט אײן וואָרט ! —
צעשריי איך זיך „אַקיש" אויף די, וואָס ביי דער פּראָסע,
און טו אַ כאַפּ
דאָס הונגעריקע,
ס'פּראָסטע...

1960

מאַרק שאַגאַל

ס׳האָט מאַרק שאַגאַל אַרומגעקרייזט די וועלט,
פאַרקניפּט מיט פרעמדע שטעט עס איז זיין גורל.
נאָר, פאָרנדיק פון היים צו היים — פאַרפעלט
ער האָט די שטאָט — די נעסט פון זיין געבוירן.

איז שטרענג צו אים דערפאַר זיין מאַמעס קול,
געהיים אין האַרץ אין אייגענעם ער היט עס:
אויף יעדן נייעם הימל, וואָס ער מאָלט,
דעם שטערן פּראוווט ער אָנמאָלן פון וויטעבסק.

דער גאָטגעבענטשטער מאָלער מאַרק שאַגאַל —
זיך אויסגעלערנט זיין אינדרהיים פונווייטן,
פאַרגעסן בלויז אָט יענעם פּראָסטן כלל:
אפילו שטערן הימלשע זיך בייטן...

1958

גייט אַ מענטש אויפן וועג

גייט אַ מענטש אויפן וועג, גייט פאַרטראַכט און פאַוואָליע.
זוכט אַן אָרט, וואו קיין פוס האָט געטאָן נאָך קיין טראָט,
נאָר ער גייט מיטן וועג, נאָר ער גייט מיט דער קאָליע,
און ער קומט צו דער לאַנג שוין באַטראָטענער שטאָט.

קערט ער נאָכאַמאָל אום אויף דעם וועג זיך באַצאָרנט,
און ער קלאַפט מיט די פיס, ווי מיט שווערע געוויכט:
—ווי פאַר דריי יאָרן כ'גיי, ווי פאַר צוויי —פאַראַיאָרן,
נאָר די זעלביקע שטאָט זע איך ווידער פאַר זיך...

ס'וועט ניט העלפן דיר, מענטש, ניט דיין מי, ניט דיין קללה,
האָסט געפטר'ט אומזיסט סיי דעם כוח, סיי די טעג.
גיי אַראָפּ פונעם וועג, גיי אַראָפּ פון דער קאָליע,
נעם אויף רעכטס, צי אויף לינקס — קלאַפּ אַליין דורך אַ וועג!

1957

די סאָווע

מיט די מיר־ניט דיר־ניט אויגן
קוקט אַראָפּ פון דעמב די סאָווע,
ניט געשטויגן, ניט געפלויגן
סיי איר שטעל און סיי איר כבוד.

זיצט און שווייגט לעפּעשעוואַטע,
לאַנג זי איז מיר נמאס־מוות.
נאָר מע שמועסט אין דער טשאַטע,
אַז אַ וואַלד דאַרף האָבן סאָוועס.

היי, אין אייער טאַטנס טאַטן,
כאַפּט אייך אויס דער מלאך־המוות!
ס'וואָלט דען, ביימער, אייך פאַרשאַטן,
ווען ג ע צ ו ו י ט ש ע ר ט וואָלטן סאָוועס!

ווען געפינטלט מיט די אויגן?
ווען זיי וואָלטן הויך געפלויגן?

ענטפערט אָפּ דער דעמב בקיצור,
טוט אַ פייף מיט אַלע שנאָבלען:
ניין, מע דאַרף אַ סאָווע האָבן
פונקט אַזאַ, ווי זי איז איצטער...

און ער שטייט, ווי אויסגעקאָוועט,
פאַר מיין כעס זיך ניט פאַרבויגן,
קוקט אַזוי ווי יענע סאָווע
מיט די מיר־ניט דיר־ניט אויגן...

1958

זאָלן מענטשן ריידן ווי זיי ריידן

עסקימאָסן ריידן אויף 32 לשונות
(פֿון אַ וויסנשאַפֿטלעכן טראַקטאַט)

אין אויגן מיינע צינדט זיך אָן אַ כעס און אומגעהויער דער
פֿאַרדראָס איז.
ווען עמעץ זאָגט, אַז יידיש לשון קלינגט שוין עסקימאָסיש.
איך ווייס ניט, וואָס מע מיינט מיט דעם:
צי מיינט מען, אַז מיין יידיש איז פֿאַרלאָשן,
צי אַז מיין יידיש איז דאָס לשון ס׳דריי־און דרייסיקסטע ביי
עסקימאָסן..
אַך, לאָזט צורו זיי ביידן. לאָזט צורו זיי ביידן.
זאָלן מענטשן ריידן ווי זיי ריידן.

1965

* *
*

כ׳האָב געהערט דעם גלוכאַר
אין די טאָלן, אין וואַלד
שטשוקפּאַקטויער.
איך געדענקט נאָך ביז איצט,
ווי געקרעכצט האָט דאָס האַרץ
פון ניט מענטשלעכער פרייד און ניט מענטשלעכן טרויער,

אָ, באַהיט מיך, מיין גאָט,
פון דעם קאַצן־געשריי
אויף אַ דאַך, ביי אַ טויער,
פון דעם שטשירען פון וואָלף,
ווען מיט איינזאַמען ברום
צו אַ וואַרעמער וואָלענער סטאַדע ער לויערט.

אָ, באַשענק מיך, מיין גאָט,
מיט דער ליד פון גלוכאַר
צווישן שטשוקפּאַקטוי בערג,
ווען פון גרויסן געפיל
און פון שווערן געזאַנג
איז דער זינגער — אַ טויבער...

1950

ליבע

די פרוי

זי האָט געטרונקען פרייד, זי האָט געשלונגען טרערן.
ס׳באַגעגענען זיך אויף איר פנים גליק און גרויל:
צוויי ניטגעדייגעט קנייטשעלעך אַרום איר מויל
און צוויי מאָל מערער צרות־קנייטשן אויף איר שטערן.

מיט וואָס האָט דען דאָס לעבן זי פאַרטיילט? —
די אויגן פול מיט שיין און פול מיט אָפּשיין...
פאַרנאַכט, ווען אַלע קליינע דאגות זיינען אָפּ שוין,
בלויז איר, דער איינציקער, פון גרויסע דאגות איך דערציילן.

און כ׳זע אויף איר געזיכט, ווי אין מינוטן שווערע
זי רופט צו הילף דאָס האַרץ. און ביי דעם האַרץ זי פועלט:
די ניטגעדייגעט קנייטשעלעך אַרום דעם מויל —
זיי ציען אָפּ די צרות־קנייטשן אויף דעם שטערן.

1964

פאַרגעפּיל

איך האָב ניט מורא פאַר דיין שיינקייט, כאָטש זי איז שטאַרק פאַר
מיר געפערלעך.
איך ווייס אַפּריי׳ר, אַז זי וועט נעמען מיין רו, מיין גלייכגילט אויף
די הערנער.
זי איז אַ הייסע און אַ בלינדע, זי וואַרפט ניט אָפּ און קלייבט ניט
איבער.
ווען כ׳נעם אַוועק פון איר די אויגן, איז פונקט ווי כ׳וואָלט אַ ים
אַריבער.

איך האָב ניט מורא פאַר דיין גוטסקייט, כאָטש כ׳בין איר שטענדיק
עפּעס שולדיק.
איך ווייס אַפּריי׳ר: מיין האַרץ באַצווינגען זי וועט פאַמעלעך און
געדולדיק.
אַצינדער ווייס איך שוין אויף זיכער, ווער ס׳וועט געווינען, ווער —
פאַרשפּילן,
איך גיי אַוועק פון מיין ניט גלויבן, איך גיי אַוועק מיט גוטן ווילן.

1960

ספּירא

מע האָט אָפּגעגראָבן די אוראַלטע שטאָט ספּירא (פון די צײַטונגען)

ספּירא,
די גריכישע שטאָט,
איז פאַרשוואונדן,
אַרויסגעפאַלן פון וועלטס זכרון.
און איך האָב אַ ליימענעם קרוג דאָרט פאַרלאָרן
אין איינעם אַ ווייטן, העט־ווייטן יאָרהונדערט.

אַצינד, אַז מע ווייסט שוין, וואו ספּירא געפינט זיך,
קער איך זיך אום אויף פּאַרצייטיקע ראָגן.
איך זוך אין פאַרשאָטענער שטאָט אין דער פינצטער —
דאָס מיידל איך זוך, וואָס דעם קרוג האָט געטראָגן.

אינגאַנצן ערשט צוויי מיט אַ האַלבן יאָרטויזנט
די גריכיש־עטרוסקישע שטאָט איז פאַרשאָטן.
הערט מען נאָך אַלץ דאָרט אין אָוונט, אין דרויסן,
דעם היימלעכן סקריפּ ביים פאַרמאַכן די לאָדן.

און זיכער איז נאָך ניט פאַרשטיינערט געוואָרן
מיין שעפּטשען „געליבטע", דאָס נאָכגיין פוסטריט איר,
דער קלאַפּ פונעם קרוג, ווען דאָס מיידל, פאַרציטערט,
פון אַקסל פון רעכטן זי האָט אים פאַרלאָרן.

דערנאָכדעם מע האָט מיך אין ספּירא דר'הרג'עט,
געווען איז אַ שווערע מלחמה, אַ שחיטה,
און כ'האָב ניט באַוויזן די שערבלעך פאַרהיטן,
צעדרויבלט זיי ליגן פון צייטן פון האַרבע.

איז זיי־זשע מיר מוחל, מיין מיידל פון ספּירא,
פאַר דעם, וואָס געלאָזט כ'האָב פון טויט זיך פאַרפירן.

1961

ווינטער

די נאַכט איז באַלויכטן מיט דעכער שניי.
ניטאָ קיין לבנה. די שטערן — פאַרשאָטן.
און איך — ביים פאַרלאָשענעם פענצטער איך שטיי,
באַלויכטן מיט שניי, וואָס אויף אים כ׳האָב געטראָטן.

ווען אָנצינדן וואָלסט אין דעם פענצטער די שיין,
איז גיב נאָר אַ טראַכט — ס׳איז כדאי עס צו וויסן:
אַן ערדישע ליכט אין דער נאַכט וואָלסט צעגיסן,
און איך אין דיין הימלישער ליכט וואָלט אַריין...

1960

װענערע

אין פעברואַל 1958 האָט מען אַרויסגעשיקט אַ ראַדאַר־סיגנאַל צו
װענערע (װענוס). דערנאָך איז אויפגעכאַפּט געװאָרן דער עכאָ,
װאָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין איר אויבערפלאַך און צוריק־
געקומען אויף דער ערד (פון די צייטונגען)

דער בחור ביים ראַדאַר, דער שעמעװדיקער יאַט,
געשיקט האָט אַ סיגנאַל פון דר'ערד — אַזש צו װענערע:
אָ, רוף זיך דאָרטן אָפּ!... אָ, ענטפער מיר!... איך װאַרט...

אַװעק אַ טאָג און צװיי,
און װאָכן גייען שװערע...

אַהינצו קילאָמעטערס — פופציק מיליאָן.
לעם בחור זיצט און שװייגט זיין חברטע, װאָס נעכטן
ער האָט זיך איר דערקלערט אין ליבע,
און, פאַרטאָן,
זי ענטפערט ניט, זי קאָן ניט צוקלייבן קיין װערטער...

אַװעק אַ טאָג און צװיי,
און װאָכן גייען שװערע.
דאָס ערדיש מיידל שװייגט... װענערע שװייגט אין רוים...
און פלוצים האָט פון דאָרט, פון הימל, פון װענערען
אַן ענטפער צום ראַדאַר דערטראָגט זיך קוים־קוים...

דער בחור האָט פאַרשטעלט דאָס פנים אַזש פון פריידן,
אַן איבערמענטשלעך גליק — געמאַכט כמעט אים װילד:
„די געטלעכע... זי הערט... זי רופט זיך אָפּ... זי פילט"
און שפּעטער דעם מהלך צו זיין ערדיש מיידל
אַ מאָסט געטאָן —
און גלייך דערפילט אין האַרץ אַ קעלט:
װי אימדערגרייכלעך װייט עס איז דעם מיידלס װעלט!

1961

װענערע האָט ניט קײן באַגלײטער

װענערע האָט ניט קײן באַגלײטער —
אַ בתולה נאָך, צי אַן אלמנה.
איז לאָמיר אױפהײבן אַ לײטער
און אָפּטראָגן איר אַ לבנה.

װענערע איז פון אונדז באַהאַלטן,
מיט נעפּלען צוגעדעקט דאָס פּנים.
זי איז נאָך יונג, צי שױן אַן אַלטע?
אַ בתולה נאָך, צי אַן אלמנה?

איך גײ אַרום אין אײנע זאָרגן,
איך הער ניט אױף פון איר צו קלערן,
װײל זי איז שטאַרק פון מיר פאַרבאָרגן
און װײל מען רופט זי מאָרגנשטערן.

װענערע דאַרף שױן אַ באַגלײטער,
אַלײן זי לאָזן — אַ סכנה.
איז לאָמיר אױפהײבן אַ לײטער
און איר דערלאַנגען אַ לבנה.

.965

אַ שפּעטע ליבע

חס וחלילה! חלילה וחס!
אויסשטעכן וועל איך דאָס אויג ביים חלאת,
אָפּנעמען ס'לשון ביים שד, ביים פֿאַרפֿירער,
איידער אַ קוק טאָן — זיך אָפּקערן פֿריער.

טאַקע דערפֿאַר, ווייל זי איז מיר געפֿעלן,
ווייל אירע אויגן איך קאָן ניט פֿאַרפֿעלן, —
כ'וועל זיך באַשיצן מיט שפּאַס און מיט האַס —
חס וחלילה! חלילה וחס!

אַלט בין איך פֿערציק און זי איז ערשט אַכצן,
שטעל איך אַ שומר אַוועק ביי מיין האַרצן.
דאַכט זיך, אַראָפּ איז פֿון האַרצן די לאַסט —
חס וחלילה! חלילה וחס!

1961

דאָס מיידל שפּילעט צו דעם זאָק

שוין נאָענט ביי דעם פּליאַזש, לעם אַספּאַלטירטן וועג,
וואו ס'גייען מאַנצבלען אָנגעטאָנענע אַרום שפּאַצירן,
האָט זיך דאָס מיידל אָפּגעשטעלט אין הוילער שרעק:
„אַ זאָק... זיך אָפּגעשפּיליעט... כ'וועל אים באַלד פאַרלירן"...

און גלייך גענומען צושפּיליען דעם זאָק...
די חברטע האָט זי פאַרשטעלט פון פרעמדע אויגן,
און זי— מיט צניעות, וואָס אַ מיידל נאָר פאַרמאָגט,
איבער דעם פוס דעם אייגענעם האָט זיך פאַרבויגן.

ווי זי וואָלט אָפּגעדעקט אַ הייליקייט, צי אַ גניבה גאָר,
האָט זי געהיים און שעמעוודיק דאָס קלייד עטוואָס פאַרהויבן
און זיך אַליין פאַרדעקט די אויגן מיט די האָר,
ווי גלייך געשראָקן זיך דאָס אייגן לייב באַרויבן.

„מע קוקט, דאַכט זיך"... — געשעפּטשעט, און אַ רגע בלויז
געפּאָרעט זיך ביים זאַק סיי פלינק, סיי אויך באַשיידן.
דערנאָך אַראָפּ פון וועג און אויף דעם פּליאַזש אַרויס
און גלייך גענומען זיך אַראָפּציען דאָס קליידל.

די זאָקן אויסגעטאָן און פון די אַקסל שנעל
אַראָפּגעלאָזט דאָס העמד — געבליבן הויל אינגאַנצן.
אַ קוק געטאָן מיט אומשולד אויף דער גרויסער וועלט,
אַריין אין ים — אַנטלאָפן פון די מאַנצבלען.

1961

פאָעמע וועגן פּרויאישע הענט

כ'וואָלט זיי ניט קאָנען אויסטראַכטן,
כ'וואָלט זיי ניט קאָנען אויסטאָקן,
ניט נאָכמאַכן,
ניט אויסמאָלן —
אַזעלכע שיינע הענט.

כ'וואָלט זיי ניט קאָנען אויסקלעפּן
מיט אַלע, אַלע פּישטשעווקעס,
מיט חן־גריבלעך און חן־פּינטלעך,
מיט עלנבויגנס רונדיקע,
מיט אַקסל ווייכע, זינדיקע —
די גוטע, גוטע הענט.

כ'וואָלט זיי ניט קאָנען אָפּגיסן —
ניט בראָנזענע, ניט גיפּסענע,
די הענט מיט פולע אָדערן,
מיט ווייסע ווייכע הערעלעך,
מיט דופק, וואָס איז אומרואיק —
די לעבעדיקע הענט

איך קאָן זיי אויך ניט אויסמיידן,
פון האַלדז מיינעם ניט אָפּרייסן —
און כ'מוז דערפאַר זיי אָפּהיטן,
זיי אָפּגילדן, זיי נאָכגעבן,
און אויב מען דאַרף, זיי אָפּגעבן
דאָס האַרץ מיינט אין די הענט.

1958

דער הימל דעקט זיך אָפּ

דער הימל דעקט זיך אָפּ און זעט איצט אויס אַזוי,
ווי ער — און גאָרניט מער — געווען וואַלט יענע צאַרטקייט,
פון וועלכער ס'איז געמאַכט דאָס לייב ביי אָט דער פרוי,
וואָס ליגט דאָ נעבן מיר אַן אָפּגעדעקטע. שטאַרקער
פון הימלס אַלטן וויין איז נאָר דער ווײַן, וואָס זי,
די גוטע, שיינע פרוי גיסט אָן אין מיינע גלידער.

דער הימל דעקט זיך אָפּ — דאָס קומט דער אינדערפרי,
אָ, קער מיר אום די נאַכט, אָ, קער מיר אום זי ווידער...

1957

מיידל, איך האָב דיך ליב

הונדערט געפאַרן אַריין!
הונדערט געפאַרן אַרויס!
מורמלט אַ מלאך: זיין!
וואָרנט דער טייוול: אויס!

שריי איך אויףביידן: — שאַ!
און איך פאַרלאָז די מיט...
ווי פאַר אַ שפרונג, דאָס געמיט
שעפטשעט: „בילא — ניע בילא“1)

שטיי איך און שטיי און שטיל איין
ס'נאַרישע בלוט, וואָס ברויזט.
הונדערט געפאַרן אַריין!
הונדערט געפאַרן אַרויס!

איצטער, פאַרביסן די ליפּ,
עפן איך אויף די טיר,
טו איך אַ שפּאַן צו דיר:
— מיידל, איך האָב דיך ליב.

1957

1) בילאַ—ניע בילאַ — אַ רוסישער אויסדרוק, וואָס באַצייכנט אַן אָנגענומענעם באַשלוס, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַ געוויסער ריזיקע.

וועגן „יאָ" און וועגן „ניין"

זאָגסט מיר „יאָ" און זאָגסט מיר „ניין", ווען כ'קום זיך אָנפרעגן,
זיך עצה'נען,
ביידע ווערטער זיינען ליב מיר — „ניין" און יאָ".
אין מיין האַרץ זיי קלינגען שאַרף און שטרענג און רייצנדיק,
ווי עס קלינגען אויף אַ שליטוועגס „ניאָ" און „וויאָ".

„ניין!" — זיך איינהאַלטן, נאָר זיך ניט אָפּשטעלן,
ניט אויף דעם האַרץ שטעלן, נאָר אויף דעם קאָפּ שטעלן...
„יאָ" – דאָס האַרץ איז בילעכער,
נאָר דער קאָפּ איז אויכעט ניט קיין שפּילעכל...

ווייס איך שוין פון „ניין" און „יאָ" דעם מיין,
ווייס איך ניט, צי מעג מעג איך יאָ, צי כ'טאָר ניט — ניין.
ווייס איך ניט צי איינגעשטעלט עס האָט זיך שוין אַ שליטוועג
פאַר דעם יאָ,

ווייס איך נאָר, אַז אַלעמאָל דו טרייבסט מיך אונטער „וויאָ!"

1958

צעשײַדונג

אומגעריכט, ווי אַ הירש אויף אַ קריע,
דײַן געשטאַלט איז דערשינען פֿאַר מיר.
כ'האָב דערזען
די קריע פֿריער
און דערנאָכדעם דערזען דעם הירש...

שווים איך, שווים איך, שווים איך אָן אָטעם —
דיך אַראָפּכאַפּן פֿונעם אייז.
און ווען זײַן וועסט אין שיפֿל אָט דעם,
וועל איך אָנזאָגן דיר די נײַעס :

אַז מיר זײַנען געראַטעוועט בײדע,
ווײַל מיר קאָנען זיך שוין צעשײדן.

1960

צו אַ פרוי

דו דאַרפסט מיך עפּעס פרעגן ?

אין יעדער פראַגע דיינער כ'טו אַ פאַל אַראָפּ, ווי אין אַ תהום,
זיך אָנגעכאַפּט אין עפּעס,
הענג איך,
ווייס ניט וואָס צו טאָן,

און פּרואוו דיך איינריידן, אַז ס'איז מיין פאַלן גאָר פונדיינטוועגן,
דו זאָלסט מיך מער ניט פרעגן...

דו דאַרפסט מיר עפּעס זאָגן ?
אין דיינע אויגן, ווי אין אומעט־ריטשקעלעך, איך קוק אַריין,
ביי זייער ברעג וועל איך שוין אפשר קיינמאָל מער ניט זיין,
און זיי אַליין וועלן שוין מער אַזאַ מין שטראָם אין זיך ניט טראָגן.
דו ווילסט מיר גאָרניט זאָגן.

געקומען אויפן אָרט

ביי אַלעמען עס ליגט שוין דער מצליח אויף דער צונג,
נאָר איך —
איך וואַרט אויף דיר, ווי אויף דעם דריטן קלונג...

דערנאָכדעם, אַז איך זיץ אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ,
אַרומגעלייגט מיט פּעק אין אויסגעבעטן וואָגן, —
דאַן וואַרף איך אויף דעם שליאַך דיין פינגערל אַראָפּ,
זאָלסט האָבן וואָס צו אויפהייבן, אויב גיין וועסט מיך דעריאָגן.

געקומען אויפן אָרט. געריכט זיך אויף אַ נס.
נאָר ניט געוועזן דו ביסט אויך אין מיין נייער נעסט...

1960

ווי אַ ווינט, וואָס בלאָזט פון קאַלטן צפון

ווי אַ ווינט, וואָס בלאָזט פון קאַלטן צפון,
איז דיין גרוס געקומען איצט צו מיר.
כ׳האָב געהאַט אַ טרוים — ער איז אַנטלאָפן,
ווי ס׳אַנטלויפט אַ קלאַנג פון דעם קלאַוויר.
זוכן לאַנג דעם קלאַנג וויל ניט דער אויער —
און צו נאָך אַ קלאַוויש כ׳ריר זיך צו,
נאָר צו דיר מיין בענקשאַפט אייביק דויערט,
ווייל אַ קלאַנג — איז קלאַנג, און דו ביסט — דו...

אַ ליד וועגן שיינקייט

עס טאַנצן צוויי גימנאַסטקעס,
זיי טאַנצן גוט און שיין.
איך קוק אויף זיי פון ווייטן —
דאָס פּנים נאַס, איך וויין.
וואָס גיס איך הייסע טרערן!
ס'איז שרעקלעך דען! ס'טוט וויי!
ס'איז שווער דען אויפן האַרצן,
ווען ס'טאַנצן מיידלעך צוויי!
אַן אומגליק האָט געטראָפן!
אַ צרה וואַרט אויף זיי!

עס טאַנצן צוויי גימנאַסטקעס.
איך קוק אויף זיי און וויין.
און וואָס איז דען פאַרלאָפן!
אַך, פרעגט מיך ניט. ס'איז שיין...

1958

די מיאוסע

קומסט אַריין — אַ שיינע. אויסגעכאַליעט, צוגעפּוצט, פאַרצויגן
אין געפּרעסטע זיידענע, צי וואָלענע בגדים.
קומסט אַריין — אַ שיינע, מיט אַ ריינעם גלייכגילט אין די אויגן,
און דו וואַרטסט, איך זאָל דיך אָפּשאַצן, ווי דעם רעקרוט ביים
„גאָדיען".

און די שיינקייט דיינע — ניט פאַר גאָט, און ניט פאַר לייט, אוו
ניט פאַר קיינעם,
ווי דאָס גאָלד ביי די נגידים — אויף אַרויסשטעלן און אויף
פאַרשליסן.
קומסט צוגיין און חנ'דלסט זיך, און פרעגסט : איך בין אַ שיינע ?
— נייך, ביסט ניט קיין שיינע, ביסט אַ מיאוסע.

אַלץ, וואָס יעדן מענטש פאַרשיכורט מיט פאַרדראָס, געוויין און
שמייכל :
די פאַרליבטקייט, און דער אייפער, און דער קוש און די געפילן,
אַלץ איז וואָכעדיק באַרעכנט אין דיין אויסמושטירטן שכל —
אַך, למען השם געווינען... אַך, חלילה ניט פאַרשפּילן...

כ'וועל די פוסטקייט און דעם גלייכגילט אויסברעכן פון דיינע אויגן,
ווי מיט קלאַפּ פון פוס מע זעצט אַרויס אַ טיר פון די זאַוויסעס.
ס'איז אַ ליגן. ס'איז אַ פוסטער חלום. ניט געשטויגן — ניט געפלויגן.
דו ביסט ניט קיין שיינע. ביסט אַ מיאוסע.

1957

נייטערנס און מאַנקענשעס

נייטערנס זיינען שענער פון מאַנקענשענס.
ביי מאַנקענשעס די טאַליע — ווי געמאַכט מיט אַ הובל.
פאַר זייער שיינקייט זיי האָבן הונדערט רובל אין קעשענע,
און די נייטערנס פאַר זייער אַרבעט האָבן נאָר איין רובל.

און דאָך זיינען נייטערנס שענער פון מאַנקענשעס.
איך זע אין דער שויב ווי זיי זיצן און אַרבעטן —
זיי זיצן פרויאיש, זיי זיצן מענטשיש
אין ווייסע קאָפטלעך מיט קורצע אַרבל.

די צעראַטענע מעטערס אָנגעטאָן ווי קרעלן,
די פינגערהוטן בלעכענע ווי גאָלדענע פינגערלעך.
מע זוכט ניט קיין קונים, מע דאַרף ניט געפעלן —
און ס׳קוקן אין שויב אַריין מאַנצבלען ווי יינגעלעך.

עס צופט ביי דעם האַרצן, עס ציט צו דער וואַרעמקייט,
צו דער היימלעכקייט, צו דער פרויאישקייט, וואָס נאַרט ניט אָפּ קיינעם.
יעדער פאַרבייגייער האָט שוין דאָרטן זיין האַרנטע,
זיין חנ׳וודיקע נייטערן, זיין טויב די שיינע.

די אַרבעט — פאַרענדיקט. מיט בענקשאַפט באַלאָדן,
מע קאָן שוין אַ רוף טאָן,
באַגלייטן מען קאָן שוין.
נאָר מאַנצבלען פאַרקערעווען אין הויז פון די מאָדעס,
כאָטש זיי ווייסן, אַז נייטערנס זיינען שענער פון מאַנקעשעס...

1995

אַך, ווי דער טיגער

אַך, ווי דער טיגער היט עס אָפּ זיין וואַלד! —
אפילו פּילעניצעס לאָזט ער דאָרט ניט קלייבן.
אין דער טייגא פאַרקלאַמערט מיט גוואַלד,
דעם מענטש ער פּרוּווט צוריק פון דאָרט פאַרטרייבן.
כאָטש איך אַליין אים שיק אַ קויל אין קאָפּ,
דאָך נעם איך זיך אַ מאָס פון אים אַראָפּ! —
מיט פולן כוח פון שפּרונג אַ פרעמדן איך באַפאַל,
און אָדער איך, אָדער דער פרעמדער וועלן טויט דאָ בלייבן.
די ליבע מיינע היט איך, ווי דער טיגער היט דעם וואַלד, —
אין שאָטן זאָל אַ זייטיקער קיין פּילניצעס ניט קלייבן...

1958

1958

מיר שושקען זיך אין דער פינצטער

איטערסט — אַ וואָרט ניט פֿאַרפֿעלן,
טייערע, שיינע, באַשערטע.
טאַפּסטו מיין מויל, ווי זאָלסט װעלן
אָנטאַפּן מיינע ווערטער.

טו איך דאָס זעלבע. אין פרייד ן
וועבט זיך דער פֿאָדים דער דינסטער —
צוגעדריקט איינער צום צווייטן,
שושקען מיר זיך אין דער פינצטער.

1957

די מאַמע וויל ניט פאָרן אויפן מאַרק

וואָס ענטפערן מיין קינד,
ווען ס'פרעגט זיך אָן, וויאַזוי מע „קויפט" אַ קינד?
פאַרענטפערן זיך ווי אַזוי פאַר מיינע אומשולדיקע געהיימע זינד,
וואָס שווימען דאָך אַרויף, ווי בוימל אויפן וואַסער?
ווען כ'ווייס, אַז ס'איז שוין צייט — כ'וואָלט זיך אַליין געמסרט.
מיין קינד דו ווילסט אַ ברודערל? איז טו אַ בעט די מאַמע שטאַרק —
די מאַמע לאַכט.
די מאַמע וויל ניט פאָרן אויפן מאַרק...

1961

ליבע אין טראַנשיי

א

שוין לאַנג זיך צעשיידט — וויפל יאָרן פאַרשוואומען !
דער צייט אונדזער ליבע מיר האָבן פאַרטרויט.
און איצט אין די שלאַכטן זיך ווידער געפונען —
צום לעבן ! צום טויט !

מיר האָבן באַגעגנט זיך אין אַ טראַנשייע.
מלחמה. געפאַרן. שריפות. בלוט.
מיר היילן פון שווערע פאַרלוסטן די ווייען
מיט ליבע. מיט מוט.

דערמאָן ניט די פריידן. פאַרגיב מיר די ליידן.
עס עקבערט דער טרוים, וועלכן איך האָב געהאַט.
כ׳וואָלט אָפּגעגאַן צען מאָל מיט בלוט, זאָלסט, מיין מיידל,
ניט זיין קיין סאָלדאַט.

נאָר אויב ס׳איז אַ קריג און סאָלדאַטן מיר זיינען,
און אויב ס׳איז געקומען פאַר אויספּרואוו די צייט,
איז זאָל די סאָלדאַטישע ליבע אונדז שיינען
אין לעבן. אין שטרייט.

ב

וויפל יאָר וועט דער קריג נאָך דויערן !
ענג פאַרקניפּט איז די ליבע מיט זיג.

שטייט אַ שיסעריי אין די אויערן,
ווי די אייביקייט פונעם קריג

בלוט וויל פרייד פון נצחון פאַראומערן,
אוי, ווי טייער מיר האָבן באַצאָלט!
דרייסיק וועלן צוריק זיך ניט אומקערן,
פופציק זיינען אַוועק אין שפיטאָל.

הער איך, ווי די הרוגים טרויערן,
און עס פאַלט אויף מיר זייער לאַסט...
אויף דער ליבעס גינגאָלדענע טויערן —
מערער שטעכיקן דראָט פון האַס!

ג

אַ קינד בין איך געווען ערשט פאַר דעם קריג.
מיט זויבערקייט באַהויכט געווען מיין ליבע.
אַצינד איז זי אַריין אין טיפע גריבער,
אויף האַרטער ערד אין כאַקי־העמד זי ליגט.

דאָס זעלבע פעלד מיט בלומען און געזאַנגען,
כאָטש הויב זיך אויף און ליב דאָ פראַנק־און־פריי,
נאָר ס'ווייזט דיר אויפן וואונק אַ שטיקל בליי,
אַז דו זאָלסט נידעריקער זיין פון אָט די זאַנגען.

איך קאָן עס ניט, איך קאָן עס ניט פאַרשטיין,
און ס'וועט די שיסעריי ביי אונדז ניט פועל'ן,

עס זאָל די ליבע אין דעם האַרץ פאַרגיין,
ווייל די מלחמה האָט אַזוי באַפוילן...

ד

צי ווייניק כ׳וויל, צי כ׳וויל אַ סך,
ווען מקריב זיין איך וויל די רו,
מיין אָפּרו און מיין שלאָף ביסטו
אין ערד־שטיבל, אין תחילת נאַכט.

כאָטש ס׳האָט די שלאַכט אונדז שוין פאַרקנאַסט,
נאָר ביסט קיין ווייב מיר ניט אַצינד,
דאָס וואָלט געווען אַ לייכטער שפּאַס,
דאָס וואָלט געווען אַ שווערע זינד.

אין אונדזער ליבע וויפל חן,
און וויפל מוט, און וויפל וויי.
זיך ווייס: אויף ניט באַרירטן שניי
אַ חיות און אַ שאָד צו גיין...

ה

אַ געוויינלעכער מלחמה־טאָג, אַ מיטוואָך,
אין די ווינגערטנער מיר רוען נאָך אַ שלאַכט.
ווען־ניט־ווען צו אונדז אַ פייער־קנויל דערפליט נאָך,
קוקט מען רואיק, ווי מע וואָלט אויף אים געוואַרט.

עס איז גוט אַזוי — אָן קאַסקעס און אָן שטיוול,
אַלע רימענדלעך צעבונדן און צעלאָזט,

די גראַנאַטעס און די ביקסן — ווי בכיוון —
האָבן מיר באַהאַלטן אין דעם גראָז.

אויף די בלעטער לויכטנדיקע טוי־שפּרענקלעך
פרישן אָפּ דאָס אויג און דעם געמיט.
צו מיין כלה׳ס גרין־געשלייפטע אוירינגלעך
ווי צו רייפע וויינטרויבן מיך ציט.

אפשר גאָר נאָך אַ שפּאַציר אַ לאַנגן
יונגעלייט פאַרברענגען אַ פאַרנאַכט...
נאָר מע פירט פאַרביי דורך אַ געפאַנגענעם —
אַ דערמאָנונג פון דער שווערער שלאַכט.

ז

שוין דעם צווייטן מעת־לעת, אַז מיין כלה
איז אין אויסשפּיר אַוועק — און פאַרפאַלן...
אין זעמליאַנקע איז שטיל, אַלע שלאָפן,
און די טיר צו דעם פעלד איז נאָך אָפן.
איז מיין כלה שוין אפשר דערגאַנגען?
צי זי גייט שוין צוריק? צי געפאַנגען?

כאָטש עס רוען דאָ צוואַנציק סאָלדאַטן,
און זיי עטעמען שווער און פאַרמאַטערט,
דאָך איז פוסט אָן דעם מיידל די ענגשאַפט.
אירע גרויע מלבושים דאָ הענגען,
אויפן טישל — אַ פליאַגע, אַ לעפל,
אירע בריוו פון דער היים און אַ העפטל.
איז מיין כלה שוין אפשר דאָ נאָענט?

נאָר עס ציען זיך לאַנגזאַם די שעה'ן.
אין זעמליאַנקע איז שטיל, אַלע שלאָפן.
און די טיר צו דעם פעלד איז נאָך אָפן.
אָט די אָפענע טיר — צי זי טרייסט מיך,
צי פונדאַנען אַוועקגיין זי הייסט מיר!
וועק איך אויף דעם סערזשאַנט און פאַרטרוי אים
שווערע דאגות פון בענקשאַפט און טרויער,
און איך זאָג, אַז מע טאָר איצט ניט שלאָפן,
ווייל די טיר צו דעם שלאכטפעלד אין אָפן.

ז

אינעם שאָטן פון די וויינגערטנער,
אויף אַ טעפיך אויף אַ וואַלדיקן,
ליגט מיין כלה אַ פאַרפייניקטע,
אַ פאַרשעמטע, אַ פאַרגוואַלדיקטע.

טרויבן האַרטינקע און צאַרטינקע,
אַנגעגאָסענע און זויערינקע,
נעמט מיין כלה'ס גרינע אויערינגלעך,
הענגט אויף צווייגן אויף זיי פאַרטיקע!

כ'וועל דעם מאָרדן־פלאַם פאַרלעשן נאָר,
וועל איך קומען צו אייך ווייַן טרינקען,
אין דעם קווערטעלע דעם מעשענעם
הייסע ליפּן וועל איך איינטונקען.

גלייך דערפילן, אַז ס'איז ביטערלעך...
וועל איך זוכן אין די טרויב־הענגלעך

און געפינען אַ פּאָר אוירינגלעך
און וועל בלייבן אַ דערשיטערטער.

ח

חברים מיינע! זעלנער פונעם שטרייט!
די פינף און צוואַנציק יאָר פון אונדזער יוגנט —
זיי ווערן היינט געפּרואווט מיט נאָך איין טויט.
די ערשטע ליבע אונדזערע זיך שפּיגלט —
ניט אינעם פרישן קלאָרוואַסער פון טייך,
ניט אין אַ טראָפּן טוי אויף פייכטע גרעזער,
נאָר אין צעגליטן אייזן פון דער ביקס.

מיר זיפצן ניט אונטער די פלייצעס פון די מאַמעס און די טאַטעס,
אַליין די שלאַכט אונדז שטעלט אַ חופה אויף דער ערד,
און אין דעם פייער לעבן מיר דאָ דורך אַ לעבן
און איין מינוט, ווען אייביק איז די ליבע.

חברים מיינע! זעלנער פונעם שטרייט!
אין טיפע שוצגראָבנס מיר זיינען נענטער צום הימל,
דאָס האַרץ געלייטערט איז און דאָס געפיל איז הייליק.

איז זאָלן קינדס־קינדער אונדז הערן און פאַרשטיין:
מיר לאָזן איבער קברים, און מיר גייען.
און פון די שפּיזן שפּאַרט אַרויס דער כוח
פון אונדזער צער, פון דעם פאַרדראָס און פון דער ליבע!
די פינף און צוואַנציק יאָר פון אונדזער יוגנט
פאַרהאַרטעווען זיך אינעם פלאַם פון טויט.

1־טער אוקראַינישער פראָנט, 1943

פיר פּאָעמעס וועגן דער צייט

דאָס געזאַנג וועגן יוסף בומאַגין

דער געוועזענער בויער פונעם בירָאָבידזשאַנער וועגענער זאַוואָד יוסף בומאַגין האָט ביים איינעמען די דייטשע שטאָט ברעסלאו, איבער׳געחזר׳ט דעם אומשטערבלעכן העלדנטאַט פון אַלעקסאַנדער מאַטראָסאָוו. בומאַגין האָט מיטן אייגענעם קערפּער צוגעדעקט דיי אַמבראַזור פון א דייטשן דאָט — און דערמיט אַנטשיידט דעם דערפאָלג פון אַ וויכטיקער קריגס אָפּעראַציע פון אונדזער מיליטער. יוסף בומאַגין איז נאָכן טויט באַערט געוואָרן מיטן טיטל העלד פון סאָוועטן פאַרבאַנד.

ערשטער טייל

1

געקומען איז דער פרילינג און פאַרנומען
דאָס שלאַכטפעלד, די פּאָזיציע, די טראַנשיי:
דער באַרג־אַרויף צום ברוסטווער — שוין אין בלומען,
דער באַרג־אַראָפּ פון ברוסטווער — נאָך אין שניי.
וואוהין איז, לייטענאַנט, דיין טרוים פאַרפלויגן —
דו בענקסט נאָך זומער צי דערמאָנסט די פרעסט?
אַ שטרויעלע פאַרלירט לעם דיר דער פויגל,
וואָס פליט פאַרביי צו בויען זיך אַ נעסט.
צי ווייל ער פליט, און דו האָסט זיך פאַרגראָבן,
צי ווייל דעם פויגלס מי איז אַזוי דרייסט —
עס גלוסט זיך דיר אַ גלעט טאָן אים דעם שנאָבל
און אָפּווישן פון פליגל אים דעם שווייס,
זיך אויפהויבן, אַרויסגיין פון דער גרוב,
און ווי אַ גוטן פריינט דעם פויגל זאָגן,
אַז דו האָסט אויך אַמאָל פון וואַלד געטראָגן
אַ בערווענע אויף בויען זיך אַ שטוב.

2

דער פֿרייַלעכער, דער פֿויגלשער געווימל
דעם לייטענאַנט האָט אַזש געטאָן אַ שטויס...
ניט שוין זשע האָט ער אויך געכאַפּט אַ דרימל?
אַ הויב געטאָן זיך... און דער חלום — אויס.
ער האָט זיך אומגעקוקט. די זעלנער שלאָפֿן
ווי פֿאַסטעכער בייטאָג אונטער דער זון:
די הענט צעוואָרפֿן אין די מיילער אָפֿן,
דער אָטעם פֿון דער פֿולער ברוסט — געזונט.
אַ האַלבע שעה וועט דויערן די רו נאָך,
אַ האַלבע שעה וועט שלאָפֿן נאָך דאָס פֿעלד,
דערנאָך וועלן מיט אויסגעקנאַל פֿון דונער
האַרמאַטן אָפּגעבן צום אָנגריף אַ באַפֿעל:
— עס וויל דער יושר, און דאָס היימלאַנד וויל,
דעם שונאס שטאָט ברעסלאַו זאָל הייַנט פֿאַלן!
ס'איז פֿרילינג, לייטענאַנט, פֿאַרפֿולט מיט שטראַלן
דאָס מידע אויג. און אויף דעם פֿעלד איז — שטיל...

3

ער האָט אַ גראָב־אייַזן ביי אַ סאַפּיאָר גענומען,
אַ קוק געטאָן פֿאַרבענקט אויף דער טראַנשיי:
דער באַרג־אַרויף צום ברוסטווער — שוין אין בלומען,
דער באַרג־אַראָפּ פֿון ברוסטווער — נאָך אין שניי.
דאָס האַרץ האָט אים אַ צי געטאָן צו אַרבעט,
צו האָרעוואַניע האָט אַ צי געטאָן די הענט.
יאָ, יאָ, די מי אין קריג — זי איז אַ האַרבע,
נאָר פֿון דער מי ניט וואַקסן אויס קיין ווענט.

עס גייען פון דער מי ניט אויף קיין ברויטן,
אין הייזער ווערט ניט ליכטיק פון דער מי,
דו פויזעסט אויס די ערד דורך זיבן טויטן,
דורך שווייס און בלוט — צו יענעם אינדערפרי,
ווען ס׳וועט דיין שטרענגע, דיין גערעכטע שווערד
פאַרדאַמען דעם פאַרדאָרבענעם פאַרדאַרבער,
און ווידער וועט באַשערט זיין דיר דיין אַרבעט,
און האָרעווען וועט דיר ניט זיין פאַרווערט.

4

דאָס וואַסער הויבט זיך אויף און וויל פאַרפלייצן
דעם זעלנערס נעסט ביים פייערדיקן ראַנד.
ס׳זאָל טרוקן זיין די ערד אונטער די פלייצעס
ביי די, וואָס רוען, האָט דער לייטענאַנט
אַ ריטשקע אויסגעגראָבן און דאָס וואַסער
פון דער טראַנשיי אַראָפּגעלאָזט אין פעלד,
געאַרבעט, ביז אויף אים געוואָרן נאַס איז
דאָס העמד דאָס הייסע אונטער דער שינעל.
ער וואָלט פאַרקאַטשעט זיך אַצינד די אַרבל
אויף אויסקאַרטשען אַ וואַלד צו דעם פאַרזיי,
דאָרט אין טייגא איז איצט אַזויפיל אַרבעט —
אין אָנהויב פרילינג, ווען ס׳צעגייט דער שניי!
צוריק מיט צוועלעף פרילינגן אוודאי
איז ער געקומען אין דעם וייטן לאַנד
אויף איינגעמען און צוימען די בירא דאָרט,
אויף איינגעמען און צוימען דעם בידזשאַן.

5

דער אַלטער וואַלד, דאָס טייגע־לאַנד דאָס גרויסע
אויף זיין באַצווינגער האָט געקוקט געהיים.
אַ פויגל האָט געפרעגט: — וואָס בויסטו, יוסף?
און יוסף האָט געענטפערט: — כ׳בוי אַ היים!
— ס׳וועט זיין אַ קריג, און דו אין קריג וועסט שטאַרבן..
נאָר רואיק איז געבליבן יוספס בליק:
— די היים כ׳וועל אויסבויען אין שווערער אַרבעט,
און בויען כ׳וועל זי אויך אין שווערן קריג,
די שטוב, וואָס איך שטעל אויף איצט ביי דער בירע,
וועט ביישטיין אין מלחמה און אין צער,
ווייל איך, דער בויער און דער היטער אירער,
וועל היטן אירע טירן פון געפאַר!

6

ווען ס׳ציילט דער קריג שוין זיינע לעצטע שעה׳ן —
וואָס קלאַפּט אַזוי דאָס האַרץ ביי דעם סאָלדאַט?
דיין זיג — ער איז אַזוי שוין נאָענט.
געפין אים אויף דעם זייגערס ציפערבלאַט.
אָט ביסטו צו דעם שונאס שטאָט געקומען,
דיין שטאָט איז איצט באוואָרנט שוין פון וויי.
דער באַרג אַרויף צום ברוסטוואָר — שוין אין בלומען,
דער באַרג אַראָפּ פון ברוסטוואָר — נאָך אין שניי.
די שעה פון רו איז דורך, און איצטער — וואַגן
און דרייסט זיין אין דער שלאַכט איז דיין געבאָט.
— וועקט אויף פון שלאָף דעם לייטענאַנט בומאַגין!

— דער לייטענאַנט בומאַגין איזביים דראָט!
דו רוסט ניט, יוסף? פרעגט אין טעלעפאָן
דער קאָמאַנדיר, און יוסף׳ס שטים ווערט האַרבער:
— מיין ווזוואָד און איך — מיר בענקען שוין נאָך אַרבעט!
— נאָך אַרבעט בענקסטו? הויב דעם אָנגריף אָן!

7

די זעלנער כאַפּן אויף זיך און באַווייזן
פּאַר צוויי מינוט שוין גרייט זיין צו דער שלאַכט,
און יוסף הערט זיך איין אין קלונג פון אייזן,
אין אָטעם פון די זעלנער — און ער טראַכט:
„דאָס גאַנצע לאַנד און אויך מיין ווייטע געגנט
איז אויף דער פאָדערליניע אין אָט דעם גאַנצפּרי.
ס׳וועט זיין אַ צייט — מע וועט דעם בייער וועקן
צו פּראָסטער האָרעוואַניע — צו מי...“

געראַם און שטיל און וואַרעם אין דער ברוסט ווערט,
און פול מיט שיין דאָס האַרץ ווערט און דער בליק.
ער לייגט די הענט אַנידער אויף דעם ברוסטווער
צום קוילנוואַרפער — און דערפילט דאָס גליק,
גלייך ער וואָלט צוגעריירט צו ניט־דערבויטע וועגנט,
צו פעלדער און צו לאַנקעס און צו פּאַסעקעס
די קנאָכיקע, די ביינערדיקע האָרעפּאַשניקעס,
די אָדערדיקע, די מאַזאָליעדיקע הענט.

צווייטער טייל

פון לאַנדס דערוואַכטער טיף, פון לאַנדס באַוואַכטע ראַנדן
עס זאַמלט זיך צונויף דאָס מעכטיקע געזינד
פון ווייטע און פון נאָענטע געגנטן און קאַנטן —
אַ בליק טאָן צו דעם פראָנט, אַ מאָן טאָן באַ די זין,
זיי זאָלן גיכער מנצח זיין דעם שונא,
אַ הילך געבן אויף הונדערטער לשונות:
— דו רויבער־פלאַם, דו קוילער־שטאָם, פאַרשווינד!

דער רוסישער אוראַל, דאָס סטעפּישע קאַזאַך־לאַנד,
ווייסרוסלאַנד, אוקראַינע און קובאַן,
קאַווקאַז, דאָס הויכע לאַנד, און דאָס ריאַזאַנער פלאַכלאַנד,
און גרוזיע, און אַזערביידזשאַן —
זיי קומען זיך צונויף. זיי האָבן זיך באַגעגנט.
און צווישן זיי איז אויך די סאַמע יינגסטע געגנט,
דער קאַנט באַ דעם אַמור, דאָס לאַנד ביראָבידזשאַן.

די געגנט גייט צום פראָנט. סיביר שפּרייט אויס די וועגן,
אויף אַקסל פון די בערג אוראַל טראָגט זי אַהין,
און ס'חידוש'ט זיך די וועלט: זי איז נאָך יונג, די געגנט —
זי האָט שוין אין געפעכט געשיקט אויך אירע זין!
און ס'ענטפערט אָפּ דאָס לאַנד, אַן ענטפער גיט דער רחבות:
— די יונגפרוי האָט שוין זין! די יונגפרוי קלייבט שוין נחת!
זי האָט פאַרדינט שוין רום אין אונדזער גרויס געזינד!

די געגנט קומט צום פראָנט. עס קלאַפּט אין בלוטן אירע
אַ צאָרנדיקער ווילן: אָפּצאָלן פאַר אַלץ,
פאַרקלאַמערן די שטייפע פינגער פון דער בירע

מיט כוח און מיט האַס אויף שפּרייעס טריפה'ן האַלדז.
פאַר דעם, וואָס זי האָט וועלטן אויסגעוויקט אין טרערן,
פאַר ווילדן לוסט צו טויט, צו בלוט און צו צעשטערונג,
פאַר אומגליק און פאַר ווײ — פאַר אַלץ, פאַר אַלץ, פאַר אַלץ —
אַ סאַפּקע, ווי אַ שטיין, אַ וואָרף טאָן איר אין פּנים!

עס רופט זיך אָן דער פראָנט: ביראָבידזשאַן, באַווייז:
וואָס האָסטו היינט געבראַכט די זעלנער, דיינע בנים?
פון טייגע אַ באַפעל? פון הינטערלאַנד אַ נייעס?"
„אַ גרויסער פראָנט, — די געגנט ענטפערט וויליק, —
דו ווייסט, אַז איך האָב זין אין לאַנד, וואו ס'איז איצט פרילינג,
און זין האָב איך אויך דאָרט, וואו ס'איז אַצינד נאָך אייז,
נאָר דער וואָס לעם ברעסלאו גייט איצט אין אַטאַקע,
ער איז ביי מיר דער בכור. די ביקס איז אים פאַרטרויט.
איז פיר זשע מיך אַהין, וואו דאָס געפעכט איצט פלאַקערט,
וואו ס'צינדט זיך אָן דאָס ליכט, וואו ס'לעשט זיך אויס דער טויט.
איך וויל דערמונטערן מיין העלד און אים באַדאַנקען,
איך האָב געבראַכט אים פון דער היימשטאָט אַ טאַטשאַנקע,
פון דעם זאַוואָד, וואָס ער אַליין האָט אים געבויט".

און פונקט ווי אין טייגא זי פלעגט באַגלייטן טריי אים,
באַגלייט זי אים אין שלאַכט און גיט אים מיט אין וועג
אַ שאַרפשטיין פון כינגאַן — אויף שלייפן דעם כלי־זיין,
די חכמה פונעם וואַלד — די תורה פון געיעג,
זי גיסט אים אָן אין פליאַגע היילוואַסיר קולדורער,
די האַנט זי גורט אים אָן מיט גיבור־קראַפט אַמורער:
— גיי, יוסף, אין דיין לעצטן גרויזאַמען געשלעג!

דריטער טייל

די צוועלעף קוילנוואַרפערס פון בומאַגינס ווזוואָד —
זיי שטעפּן אויס אַ שטיקל פרייע ערד — אַ טראָט
פאַר דער פעכאָטע אין די פאָרשטאָטישע ליקן.
די טאַנקען זיינען שוין אַריין אין שטאָט,
אין פלאַם און רויך דעם שונאס לייט זיך שטיקן.

עס נעמט די שלאַכט צעפירן זיך די הענט —
זי איילט, זי רוישט, זי וואַלגערט און פאַרברענט
און טריקנט אויס די ערשטע פרילינג־טויען.
די מענטשן האָרעווען אַרום פאַרקוילטע ווענט,
גלייך ווי די שטאָט אויפסניי זיי וואָלטן בויען.

אַרויף־אַראָפּ פון שטאָק צו שטאָק מע לויפט,
אויף דעכער שאַרט מען קופּעס שטיין צונויף —
אַוועקלייגן אויף זיי די ביקסן־רערן,
און דעם, וועמען ס׳געהער איצט נאָר איין הויף, —
די גאַנצע שטאָט וועט היינט צו אים געהערן.

בומאַגינס קוילנוואַרפער רייסט זיך צו דעם קריג
מיט פּייק־גלעקעלעך, וואָס ציטערן צעווייגט
אין קוילן־לענטעס פולע מיט נקמה,
צי אפשר איז עס גאָר אַ גלאָק פון זיג,
וואָס זאָגט שוין אָן דעם סוף פון דער מלחמה.

די פאָרשטאָט ברענט, ווי אויסגעטריקנט גראָז,
זי פלאַצט און פאַלט און קרישלט זיך ווי גלאָז
אונטערן טראָט פון זיגער און באַפרייער.

און יוסף ליגט ביים אָנגעגליטן שלאָס
און טוט אַ וויקל אָפּ דאָס שנירעלע פון פייער.

אַזוי איז ער געשטיגן איבער ווענט:
דעם קוילנוואַרפער אויפגעהויבן אויף די הענט,
דאָס אייזן האָט אויף דלאָניעס זיך צעקלונגען.
אַ טראָט. און ווידער ליגט ער צו דעם שלאָס געלענט —
און טוט אַ וויקל אָפּ דאָס שנירל שאַרפע פונקען.

בומאַגין זעט: דער רויך איז שוואַרץ, ווי פּעך,
דערמאָנט ער זיך אַ שריפה אין זיין צעך.
אין וועגענער־זאַוואָד. דעם פלאַם געלאָשן
עס האָבן זיינע הענט, וואָס היינט מיט רעכט
אַ העלן פלאַם אין שונאס שטאָט צעבלאָזן.

אַ הויף און נאָך אַ הויף. דער פיינט טרעט אָפּ אין שטאָט.
און פלוצים זעט בומאַגין: שטעכיק דראָט
אין פינעף רייען. ריוון. טיפע גריבער.
ביי דעם אַריינגאַנג שטייט אַ פּוסטער דאָט —
אַ שומר פונעם טויט־לאַגער געבליבן.

ביי גריבער ליגן די הרוגים ענג:
אַ זקן, איינגעקאָרטשעט, ווי פון אַ געדרענג,
אַ יונג — די הענט ביים האַרצן, ווי ער וואָלט געשוואוירן,
און צווישן זיי אַ פרוי — דאָס פנים שטרענג,
גלייך ביי דער גרוב זי וואָלט דער וועלט אַ קינד געבוירן.

— אָ, דייטשלאַנד, דייטשלאַנד! — שרייט בומאַגין אויס,
און אויף ברעסלאַו הויבט ער אויף אַ פויסט,

וואָס האַרט איז ווי די לעדער פון זיין ראַנעץ.
און ער דערזעט: פון גרוב אַ מענטש וואַקסט אויס.
ער שעפּטשעט שטיל: „טי רוסקי, טשי גערמאַנעץ?" 1)
דער לעצטער מענטש. דער איינציקער. ער גייט.
איין אויג ביי אים איז נאָך מיט שניי פאַרווייט,
אין צווייטן אויג אַ זון־שטראַל שוין פאַראַן איצט.
ער גלויבט נאָך ניט דער לויכטנדיקער פרייד,
ער פרעגט ביי יוסף׳ן: „טי רוסקי, טשי גערמאַנעץ?"

— איך בין אַ רוסישער סאָלדאַט, אַ ייד פון יענער זייט סיביר! —
שרייט יוסף אויס, און דער אוקראַינער פירט
אים דורך די דראָט־פאַרצוימונגען אַריבער.
געוועז אויך יידן דאָ... ניט זוך זיי, זאָג איך דיר,
שטעל זיך אַ רגע אָפּ נאָר ביי די גריבער.

אַ בליק געטאָן האָט נאָר בומאַגינס ווזוואָד...
און פרישער צאָרן אויפגערודערט האָט
די הערצער ביי די זיגער און באַפרייער.
ברעסלאו ברענט! זי ברענט, די דייטשע שטאָט!
דער שונא לויפט! — דערלאַנג, דערלאַנג אים! פייער!

— איך בין אַ רוסישער סאָלדאַט, אַ ייד פון יענער זייט סיביר,
עס האָבן די כינגאַנער בערג מיך אויפגעהויבן איבער צייטן האַרבע,
די סיביריאַקעס חידוש׳ן זיך,קוקנדיג אויף מיר,
ווי איך בין היימיש מיטן קריג און מיט דער אַרבעט.

מיין דור איז אויסגעוואקסן אויף אַ רוסיש פעלד
מיט שטאַרקע אָדערן, מיט ברייטער ברוסט — און מי דערוואָרבן.

און ווי אַ ברודער בין איך ענלעך אויף מאַטראָסאָוון דעם העלד,
און ווי אַ זון בין איך געראָטן אין בר־כוכבא'ן.

דער פיינט האָט אויסראָטן געוואָלט מיין שטאם,
און איך לאָד אויס אויף אים מיין האַרץ, ווי אַ גראַנאַטע.
איך בין אַ רוסישער סאָלדאַט. געשיקט האָט מיך ביראָבידזשאַן.
איך קום מיט די, וואָס גייען וועלטן ראַטעווען!

פערטער טייל

1

זע, געגנט יידישע, דיין בכור איז שוין דערגאַנגען
צו פלעצער פון ברעסלאו. דאָ וועט ער
דאָס לעצטע מאָל אַרויסגיין אין געראַנגל
פאַר דעם, וואָס איז אים טייער אויף דער ערד.
קוק, געגנט יידישע, און זיי אַן עדות,
ווי שיין עס איז אין דער מינוט דיין בכור,
ניין, ניט פאַרפלעקט דעם רום פון זיינע זיידעס
און אָפּגעהיט דעם כבוד פון זיין דור.

2

ס'איז ענג און נאַס און שטויביק אין דעם קעלער,
וואו ס'כאַפּט דעם אָטעם איבער יוספ'ס ווזוואָד,
און באַלד וועלן די אויסגעווייקטע זעלנער
אַרויסגיין אויף צו שטורעמען אַ דאַט.
זיי ווייסן נאָך ניט, ווער עס וועט דאָרט פאַלן,
זיי זיצן אין אַ קרייז און רעדן שטיל,
סערזשאַנט גאַשווילי זאָגט: — איך בין אַ בעלן
נאָך לעבן אַכציק יאָר.

— און איך, איך וויל, —
זאָגט דער פּאַלטאָוּוער פּויער קאַלאַדי, —
דערלעבן ביזן זיג... און גלויבט, סאָלדאַטן,
אַז טרוימען איצט פון אַכציק יאָר איז פרי,
מען דאַרף, דער זיג זאָל עס אַפּריי׳ר באַשטאַטן״...״

3

מע גיסט די פליאַגעס אָן, מע טרינקט „לחיים״,
בומאַגין צום אַרויסגאַנג שטעלט אַ טראַט:
—סאָלדאַטעלעך, די סעכערעס צעקייעט —
אַניט וועט איר ניט איינבייסן דעם דאָט...
אַזוי — מיט גרינגע הערצער, ווי אויף אַרבעט,
מע גייט אין פייער רואיק און באַדאַכט.
אָ, ווער פון אייך וועט יונגערהייט היינט שטאַרבן,
סאָלדאַטן, האַרעפּאַשניקעס פון שלאַכט?
אָ, ווער פון אייך — געזונט און שטאַרק און שיין,
מיט לויכטנדיקע טרוימען און באַגערן
וועט אויפן ראַנד פון אונדזער זיג פאַרגיין,
ווי אויפן ראַנד פון טאָג ס׳פאַרגייט אַ שטערן?...

4

ביראָבידזשאַן! פון ווייטע שטשוק־פּאַקטוי־בערג
צו גרויזע דיין ווײַ־געשריי שריי אויס:
דעם ערשטן האָט צעפיקט דער דאָט דער רויבער
גאַשווילין, וועמענס לעבן ס׳האָט געברויזט
ווי ווײַן צעשוימטער אין אַן ענגען לאָגל.
בומאַגין האָט פאַרקריצט פון ווײַ די ציין:

אַ סאָפּקע וואָלט ער איצט אַהער דערטראָגן, —
און שונא זי אַ וואָרף געטאָן ווי אַ שטיין!
צום דאָט עס פויזעט צו דער לייטענאַנט
און די גראַנאַטעס נעמט אַראָפּ פון גאַרטל,
און ביז ער וועט אַ ריס געבן די האַנט,
וואָלט ער אַ ווײַלע ליגן נאָך און טראַכטן.

5

נאָר ס'שלאָגט די שעה. קוק, ביראָבידזשאַן, מיט חידוש
און דעם געוואַגטן זון דײַנעם דערקען.
ווער האָט מיט קראַפט געבענטשט דאָס האַרץ דאָס ייִדיש?
ווער האָט ביי שמשונ'ען אויפסניי געשטאַרקט די הענט?
דער רוסישער אוראַל, דאָס סטעפּישע קאַזאַך־לאַנד,
ווייסרוסלאַנד, אוקראַינע און קובאַן,
קאַווקאַז — דאָס הויכע לאַנד און דאָס ריאַזאַנער פלאַכלאַנד,
און גרוזיע, און אַזערביידזשאַן,
דו, ייִדישער, באַזונטער, שיינער קאַנט —
באַוואָרנט אים, געבענטשט אים און געכאָוועט,
אַז מיט דעם יונגן וואָרט „ביראָבידזשאַן“
זאָל ער אין שלאַכט איצט הייליקן דײַן כבוד.

6

ער האָט מיט צוויי גראַנאַטעס אויפגעריסן
איין קוילנוואַרפער אינעם דײַטשן דאָט,
נאָר ס'האָט אַ צווייטער באַלד גענומען שיסן,

אַ צווייטער, וואָס ביז איצט געשוויגן האָט.
און יוסף האָט ניט קיין גראַנאַטעס שוין ביים גאַרטל,
איז וואָס זשע בלייבט דיר טאָן איצט, לייטענאַנט ?
— איך האָב אַ ברוסט אַ ברייטע און אַ האַרטע,
און אויך אַ האַרץ אַ יונגס ביי מיר פאַראַן...

7

און אין דער לופט שוועבט דורך אַ רוסיש פּנים,
אַ שלאַכטמאַן אין אַ פעלץ, פאַרשנייט, פאַרווייט —
בומאַגין, דוכט זיך, ביי דער האַנט נעמט אָן אים:
— מאַטראָסאָוו! — האָט בומאַגין זיך דערפרייט, —
דעם וועג, וואָס דו האָסט איינמאָל שוין באַטראָטן,
ער שטייט מיר פאַר איצט, אַט דער וועג פון מוט.
כ׳בין רוסלאַנדס אַ סאָלדאַט, אין דיר געראָטן,
ס׳פאַלט אויף איין וואָגשאָל אונדזער ביידנס בלוט...
מאַטראָסאָוו גייט. זיין לויכטנדיקער שפור
פירט יוספ׳ן אַרויס צום דאָט צום שוואַרצן,
און יוסף וואַרפט זיך אויף דער אַמבראַזור
און דעקט זי צו מיט צאַפּל פון זיין האַרצן.

8

געקומען איז דער פרילינג און פאַרנומען
ברעסלאַו, דייטשלאַנדס אייזערנע טראַנשיי.
דער באַרג אַרויף צום ברוסטווער — שוין אין בלומען,
דער באַרג אַראָפּ פון ברוסטווער — נאָך אין שניי.
די רויבער־נעסט — צעקרישלט און צעבראָכן,
און ווי אַ יעגער נאָך אַ שווער געיעג,

בומאַגין ליגט ביים טויער פון נצחון
די הענט אַווקגעלייגט אויף דעם באַפרייטן וועג —
גלייך ער וואָלט טראָגן צו די ניט־דערבויטע ווענט,
צו פעלדער און צו לאָנקעס און צו פאַסעקעס
די אַדערדיקע, די מאָזאָליעדיקע הענט —
די ־גאַכיקע, די ביינערדיקע האָרעפאַשניקעס.

9

נעם, געגנט יידישע, בומאַגינס רום און פיר אים
אריין מיט כבוד אין לעגענדעס פון דיין שטאַם.
ס'זאָל יוסף זיין דער יונגער שיר־השירים
פון אַלטן פאָלק זיינעם אין לאַנד ביראָבידזשאַן.
קער אום זיך צום אַמור. סיביר שפרייט אויס די וועגן,
אויף אַקסל פון די בערג אוראַל דיך טראָגט אַהין,
און ס'חידושט זיך די וועלט: זי איז נאָך יונג, די געגנט,
נאָר זי האָט שוין געבראַכט דעם לאַנד גיבורים זין.
די יונגפרוי האָט פאַרדינט שוין רום אין גרויסן קריג,
די יונגפרוי האָט גענומען פאַר איר פאָלק נקמה.
אויף רחבות'ן פון לאַנד עס קלינגט דער גלאָק פון זיג
און זאַגט שוין אָן דעם סוף פון דער מלחמה.

1948

1) „דו ביסט אַ רוס, צי אַ דייטש״ ?

איך רעד צו דיר אַמעריקע

ערשטע ליד

די בערעזע און „עמפּאַיר סטעיט בילדינג"

איך בין אַרומגעגאַנגען היינט
אין ליכטיקן פרימאָרגן,
אַרומגעגאַן איך בין אין איינע זאָרגן,
זיך אָפּגעשטעלט
ביי דער בערעזע
דער צאַרטער:
— ווי גייט עס אייך?
וואָס מאכט איר?
צי זיינען שוין ביי אייך געוואָרן פול די קנאָספּן?
די זון צי האָט איר שוין אויף ווייסער קאָרע אָנגעמאָסטן?

דערנאָך בין איך געגאַנגען דורך אַ פעלד אַ גרויסן,
די גאָרע וועלט איז דאָ געשטאַנען ווי אין דרויסן,
די אומבאַשיצטקייט איז געווען, ווי ביי אַ וואָלף אין נאָרע:
איך טו אַ טראָט,
און ס'ליגן שוין צעריבענע אונטער מיין פוס — דאָס קאָרן,
די מורעשקעס,
די ווערעמלעך,
די זוימען
און די קווייטן...

דערנאָך בין איך
ביים ראַנד פון פעלד
אַריין אין אַן אָקאָפּ אַ ברייטן,
ער איז פאַרוואָקסן שוין מיט ביטערן בוריאַן,
שוין אָן אַ ברוסטווער,
נאָר אינעווייניק אַ גראַמער נאָך
און, דאַכט זיך, ניט קיין פוסטער...

פונדאַנען כ'בין געגאַן שוין
ניט אַליין
און ניט דורך פעלדער־וועלדער,
מיט יעדער גרוב
בין איך געוואָרן נעענטער צו מיינע אַלטע פריינט
און עלנטער,

און שטרענגער
און געצוימטער
כ'בין געוואָרן —
און בין אַוועק
מיט שמאָלן וועג
פון דורכגעלעבטע יאָרן...

און גייענדיק אַזוי,
האָב איך געמיטן ברעג נאָך ברעג
און בין געקומען צו דער עלבע
(כאָטש כ'בין געבליבן אויף דעם זעלבן פעלד
און אין טראַנשיי דער זעלבער).

און דאָ האָב איך געטראָפן דיך! —
עס ציט אַהער אונדז ביידן.

ס'האָט דיך אַהער געבראַכט די שרעק
פאַר נייע זינד,
פאַר נייעם וויי,
פאַר נייע ליידן.

דו ביסט אין שטאָט ניו־יאָרק
היינט אומגעגאַן
אין ליכטיקן פרימאָרגן,
אַרומגעגאַן דו ביסט אין איינע זאָרגן,
זיך אָפּגשטעלט
אינמיטן אָנוואַלגער פון שטיין־אויף־שטיין,
אין שטאָטס געפילדער:
— וואָס מאַכסטו — דו,
„עמפּאיר סטעיט בילדינג"! 1)

און כאָטש עס איז דיין שטעל — אַ שטעל,
כמעט אַזאַ, ווי ביי אַן אָדלער,
און כאָטש דו שטייסט אַנטקעגן הימלקראַצער
אויף דער הויך פון דיין פאַרהאָרעוועטן דאָלער, —
דאָך טרעט „עמפּאיר סטעיט בילדינג" אָן
מיט אַזאַ פּרעכקייט אויף דיין רו,
אַז מוזסט אים אָנרופן אויף „דו"...

דערנאָך ביסטו אַוועק איבער דיין לאַנד,
וואָס איז ניט וויניקער פון מיינעם
רייך און שיין אוודאי.
וואָלסט צו דער עלבע ניט דערגאַן,
ווען ס'שטעלט דיך מיטאַמאָל ניט אָפּ
אַן אויפרייס אין נעוואַדאַ...

דו ביסט געשטאַנען קעגן אויפרייס
אומבאַשיצט,
כאָטש דו — אַ זעלנער —
ניט איינמאָל שוין פון אויפרייסן
געוואָרן ביסט געפּרואווט,
געוואָרן ביסט אויך עלנטער...

און ביי דער עלבע האָסט געטראָפן מיך,
עס ציט מיך אויך אַהערצו,
ווייל ס׳האָבן זיך שוין איינמאָל דאָ באַגעגנט
אונדזערע געפּרואווטע הערצער,
ווייל ביי דער עלבע האָבן מיר געשוווּנקט
די מידע פיס
אין איינע שטראָמען,
און דאָרט
אין אונדזערע סאָלדאַטסקע רייד
דעם שלום אָנגערופן שטיל ביים נאָמען...

גוט־מאָרגן דיר, איך זאָג.
וואָס דאַרפן מיר זיך קריגן?
די יאַטן אונדזערע,
פאַרברידערטע,
אין איינע קברים ליגן,
די טרוימען אונדזערע
אין איינע הימלען שוועבן,
די שונאים אונדזערע
אין איינע נאָרעס לעבן...
גוט־מאָרגן דיר...

און לאָמיר אָנהויבן פון דאָרט,
פון גוטן — ניט פון שלעכטן,
כאָטש ס'איז געווען
ניט היינט,
נאָר נעכטן...

צווייטע ליד

אַ בלעטל פון מיין טאָג-בוך

25.. אפריל 1945. נאָך דעם ווי אונדזער באַטאַליאָן האָט זיך אויף דער עלבע, לעם דער שטאָט טאָרגאו, באַגעגנט מיט אַמעריקאַנער אויסשפּירער, איז צווישן מיר און דעם סאָלדאַט איוואַן טימאָפּייעוויטש שעסטאָפּאַלאָוו פאָרגעקומען אַזאַ שמועס:

איך: די יענקישע סאָלדאַטן,
זיי זיינען פראַנטן זאַטע,
דאָך —
ניט קיין שלעכטע יאַטן,
כאַראָשייע רעביאַטאַ".

עס שמעקט פון זיי מיט סטעלניק,
עס שלאָגט פון זיי מיט וויצן.
די פלידערן — אויף „בליצן",
און קעשענעס — אַ צענדליק.

עס האָבן אָט די „פראַנטן"
באַוויזן מוט אין פראַנקרייך,

1) עמפּאַיר סטעיט בילדינג — אַזוי הייסט דער גרעסטער וואָלקנקראַצער אין ניו יאָרק.

ווען ס'האָבן די דעסאַנטן
מיט כוח זיך פאַראַנקערט
אין די שערבורער דאָקן,
אין זומפּן קאָנטאַנטענער... 1)

דער סנייפּער פון קענטאָקי
און דער סערזשאַנט פון דענווער — 2)
אַ ברודער אין סכנות,
אַ חבר אינעם שטורעם
דעם סנייפּער פון וואָראָנעזש
און דעם סערזשאַנט פון מוראָם.

נו, יאָ, מיר זיינען ווירקלעך
ניט פון איין וועלט געקומען —
מיר טרינקען ניט קיין וויסקי,
מיר קייען ניט קיין גומי,
זיי זינגען פאַקסן פיינע,
זיי זיינען פראַנטן זאַטע,
נאָר זיי
און מיר —
מיר זיינען
פאַרברידערטע סאָלדאַטן.

די ליד ביי זיי — אַ גרינע,
זי זאָל נאָר ניט פאַרוויאַנען...
וואָס זאָגסטו אויף דער מינע,
וואָס זאָגסטו עפּעס, וואַניע?

איוואַן: דערמאָן מיר נאָכאַמאָל דאָס לידל
פון ווייטן קאַנט, פון אָקלאַכאָמאַ.
ענעדי־בענדי, רידל־דידל...
עס איז אַ סוף צו דער מלחמה...

איך וויל, בראַטאָק, אויף דער האַרמאָניק
די ליד אָט די אַ נעם טאָן ברוסטיק,
זי זאָל אויך שטראָפן און זאָל מאָנען,
און ניט נאָר ריידן לייכט און לוסטיק.

די וועלט איז פול מיט בלוט און ווייען,
מע דאַרף זי האַרב און ערלעך היטן.
זי איז קיין שפּיל אויף די בראָדווייען,
קיין אַקציע אויף די וואָלסטריטן.

אַמעריקאַנער כלאָפּצעס פאָלגן
אַצינד דעם רוף פון פעלקער פרייע,
נאָר עמעץ וויל שוין צו דער וואָלגע
זיי שיקן אין אַ מאַרש אַ נייעם.

מיר האָבן זיך מיט זיי געטראָפן,
מיר ווילן זיין מיט זיי אינאיינעם,
דעם וועג פון פריינטשאַפט האַלטן אָפן,
אויף וועג פון קריג
ניט לאָזן קיינעם.

1) שערבור — אַ האַפן אין נאָרמאַנדיע אין צפון פראַנקרייך; קאָנטאַטע — פאַרזומפּיקט האַלב אינדזל אויף צפון פראַנקרייך. אין אָט די ראַיאָנען האָבן זיך אַרויסגע־זעצט אין יון 1944 די אַמעריקאַנישע און ענגלישע אַרמייען, וועלכע האָט אויפגעעפנט

דריטע ליד

קום צו מיר אַהיים

דער יאָרהונדערט,
קיין עין־הרע,
ציילט שוין היינט זיין זיבעטן יאָרצענדליק,
ס׳איז שוין ווייסיך־וויפל נאָך דער רוסישער רעוואָליוציע,
און ביי אייך איז נאָך דאָס אויג
צום טאָג צום נעכטיקן געווענדעט, —
ניט צום היינטיקן,
דעם ליכטיקן, דעם נוציקן.

מיר האָבן שוין פון דער לבנהס קוואַל
אַ הויפן שיין
צום טיש צו אונדזערן געבראַכט,
מיר האָבן שוין די ליכט פון מאַרס
און פון ווענערע אויך
אינזיינען, —
און דו פאַרעקשנט
זוכסט מיך אום

אין וווּשך פון דער נאַכט,
און דו,
ווי פריער,
גייסט מיך זוכן ביי דער פינצטערער לוטשינע.

דעם „צווייטן פראָנט” קעגן היטלערישן דייטשלאַנד.

2) קענטאַקי — אַן אַמעריקאַנער שטאַט ; דענווער — די הויפּטשטאַט [illegible]
אַמעריקאַנער שטאַט קאָלאָראַדאָ.

איז קום צו מיר אַהיים,
און כ׳וועל אַליין דיך פירן
איבער וועגן פון אַמאָל.
מיין פאָלק האָט דען זיך אָפּגעהיט
דערציילן עס
און רעדן עס,
ווען ס׳איז געזעסן אין דער פינצטערניש,
געטראָגן שווער זיין עול,
אַרומגעגאַן אין לאַפּטיעס
און זיך צוגעדעקט מיט רעדנעס?

יאָ, מאַגעלאַן איז גרויס
קאָלומב איז אים אַ פּאָר,
איך ווייס ניט, ווער איז ווייניקער,
ווער מערער איז, —
איך ווייס, אַז לענין
האָט אין זיבעצנטן יאָר
געעפנט פון דער פרייהייט
די אַמעריקעס.

פאַרמאַכן זיי צוריק
עס ווילן דיינע פיינט,
דו זאָלסט קיין שיפסקאַרטע ניט נעמען
צו דער פרייהייט —
אַזוי ווי מ׳האָט אַמאָל,
ניט היינט
געדאַכט,

גענומען שיפסקאַרטעס
אין די מקומות נייע...

אַ געשלעג,
אַ שלאַכט,
איינגעשפּאַרט
און אויף לאַנג,
אַ געשלעג מיר פירן מיט די כוחות שוואַרצע
אויף די ברייטע רחבות'ן פונעם גערדאַנק,
אין די ענגע טיפקייטן פונעם האַרצן.

דער יאָרהונדערט,
קיין עין־הרע,
ציילט שוין היינט זיין זיבעטן יאָרצענדליק,
ס'איז שוין ווייסעך־־ווּיפל נאָך דער רוסלענדישער רעוואָלוציע, —
איז שוין צייט, דו זאָלסט אויף וועג אויף דיינעם
ווערן זעענדיק,
איז שוין צייט, דו זאָלסט דערזען
דעם טאָג דעם היינטיקן,
דעם ליכטיקן,
דעם נוציקן.

פערטע ליד

דו יו לאַיק אַמעריקאַ?
צי געפעלט אייך אַמעריקע?

איך ווייס:
עס איז אַמעריקע
אַן אויסגעשפּילטע — איינע,

איך האָב דיך ליב,
אַמעריקע,
מיין מזל'דיקע שכנה.

ווען קומען כ'וועל
זיך זען מיט דיר,
איז וועל איך ניט פאַרפעלן
די פריילעכע קאָוובויען
און די קלערקן אין האָטעלן.

כ'וועל רופן אין מיין ליד אַריין
אָן גאַל און אָן חניפה —
אַגענטן,
פּרעזידענטן,
דעטעקטיוון
און שעריפן.

אָן איבעריקע ווערטער כ'וועל פאַרשטיין די מי די שווערע
פון מעקלערס אויף די בירזשעס
און פון האָליוואודער שטערן,
פון אַלטע מאַנעקענשעס
און פון גענגסטערס די פאַרשטעלטע,
פון זעלבסטמערדער,
באַנקראָטן
און פון הונגעריקע העלדן.

איך ווייס:
עס איז אַמעריקע
אַן אויסגעשפּילטע — איינע,
איך האָב דיך ליב,

אַמעריקע,
מיין מזל׳דיקע שכנה.

ווען קומען כ׳וועל
זיך זען מיט דיר,
איז קלאָר, אַז איך וועל, ראשית,
אַ קוק טאָן צו די קאָמפּאַניס,
וואָס הייסן קאָרפּאָרעישאָנס.

ניין־ניין, כ׳וועל ניט פאַרפעלן
באַ דיופּאָנען זיין,
באַ פאָרדן
כ׳וועל קומען קיין רינאָ1) צו זיי —
מע שניידט זיך דאָרט אין קאָרטן.

מע זיצט,
נעבעך,
ביים גרינעם טיש
זעקס קיילעכדיקע וואָכן,
און, ווי עס פירט זיך אין רינאָ, —
מע ווערט צוריק אַ בחור.

און זאָלן די פאָלקאָוויקעס
אויף מיר זיך שטאַרק ניט בלאָזן —
איך וועל אין פענטאַגאָן אויך זיין,
אויב מ׳וועט אַהין מיך לאָזן.

דערמאָנען כ׳וועל די העצע־לייט,
וואָס ווילדעווען אַצינדער :

אַנטקעגן פּענטאַגאָן עס ליגט
דער אַרלינגטאָנער צווינטער...(2

איך ווייס:
עס איז אַמעריקע
אַן אויסגעשפּילטע — איינע,
איך האָב דיך ליב,
אַמעריקע,
מיין מזל׳דיקע שכנה.

כ׳באַהאַלט פון מאַקאַרטיסטן ניט
די זינד מיינע
די שווערסטע:
איך האָב דאָרט,
אין אַמעריקע,
מיליאָנעןברידער,
שוועסטער.

באַ זיי וועל איך זיך אָפּשטעלן,
באַ זיי דאָרט עסן וואַרמעס:
באַ סאַן־פראַנציסקער טרעגער,
און באַ אַלאַבאַמער פּאַרמערס,
באַ בויער פון די בריקן
און פון הימלקראַצער־ריזן,
באַ קומענדיקע בויער
פון דעם גליק —
פון סאָציאַליזם.

איך ווייס:
עס וועט אַמעריקע
די וועלף אירע אַנטוויינען.
איך האָב דיך ליב,
אַמעריקע,
מיין חברטע,
מיין שכנה.

כ׳וועל נידעריק אַ בוק טאָן זיך
פאַר דיינע באַלמעלאָכעס,
צעקושן מיט די נעגערס זיך —
דעם שטן אויף צו־להכעיס.
כ׳וועל גיין צו מיינע לאַנדסלייט,
צו די יידן די וואָלינער, —
אָט ערשט אין שאַפּ געבראָטן זיך,
אָט ערשט געוועזן „גרינע"...

זיי זינגען ווידער לידער היינט
אין איינקלאַנג און אין הסכם
מיט באָוושאָווערן,
עדעלשטאַדטן
און מאָריס ווינטשעווסקין.

אַמעריקע, אַמעריקע!
איך זע דיין שיין
און אָפּשיין.
כ׳האָב ליב דיין פאָלק,
אַמעריקע —

די פּאַסטערס
און די ראָבסאָנס.

עס פלאַטערן די אָדלערס דיינע
העכער פון די וואָלקנס .
כ׳האָב ליב דיין מוט,
אַמעריקע,
די ווינסטאָנס
און די אָלגינס.

מיר זיינען שכנים נאָענטע
אויף וועלטס באַליבטע ראָגן,
ווי נאָענט סאַן־פראַנציסקאָ איז
מיט אָקלענד,
וואָלט איך זאָגן 3)

מיר זעען זיך,
מיר ווערטלען זיך,

דער טרוים ביי אונדז דער זעלבער :
ביי דיר,
ביי מיר,
ביי ביידענען,
וואָס האָבן ביי דער עלבע
געשוואוירן
ניט דערלאָזן מער,
די וועלט זאָל זיין אין טרערן —

איז לאָמיר שווערן נאָכאַמאָל,
איז לאָמיר ווידער שווערן!

פינפטע ליד

דאָס אייניקל זינגט א וויגליד דעם זיידן

זיידע, זיידע, כאַפּ אַ דרימל,
רו די ביינער אויס.
קינד־און־רינד און ערד־און־הימל
ליגן אויף דיין שויס...

אונדזער באָבע ווישט די טרערן,
שטראָף ניט פאַר די רייד,
פּופּציק יאָר, און אפשר מערער,
ביסט מיט איר צעשיידט.

1) דיופּאָן, פאָרד — אַמעריקאַנער מיליאָרדערן.

רינאָ (רענאָ) — אַ קליין שטעטל אויף דער גרענעץ צווישן די שטאַטן נעוואַדאַ און קאַליפאָרניע. באַוואוסט מיט רייכע רעסטאָראַנען, מיט נאַכט קלובן, טייערע האָטעלן און שפּיל הייזער.

דאָ גילט אַ לאָקאַלער געזעץ, לויט וועלכן אַ מענטש, וואָס לעבט דאָ אָפּ זעקס וואָכן, קאָן זיך האַלטן פריי פון די פליכטן פון אַ פאַרהייראַטן.

2) די געביידע, אין וועלכער עס אַרבעטן די וויכטיקסטע מיליטערישע אַנטשטאַלטן פון פשא (דער פּענטאַגאָן), געפינט זיך בשכנות מיט דעם מיליטערישן בית עולם, וואָס טראָגט דעם נאָמען אַרלינגטאָנער.

3) די שטאָט סאַן פראַנציסקאָ איז אָפּגעטיילט פון דער שטאָט אָקלענד מיט אַ בריק 12 קילאָמעטער די לענג.

אוי, , אַ צייט געווען אַזאַמין —
ס׳וויגליד האָט געווײנט:
„ווערסט אַמאָל פאַרשטיין מסתמא,
וואָס איך האָב געמיינט.
אין אַמעריקע דער טאַטע
דיינער, זונעניו.
שלאָף זשע, קינד מיינס, שלאָף לעת־עתה,
שלאָף זשע, שלאָף, ליו־ליו.
ער וועט שיקן פופציק דאָלער,
זיין פאָרטרעט דערצו,
און וועט נעמען, לעבן זאָל ער,
אונדז אהינצוצו״...

שוין פאַרלאָפן וויפל יאָרן,
און דער לוין איז קנאַפּ:
ביסט קיין ראָטשילד ניט געוואָרן
אין דעם הייסן שאַפּ.

דאָך אַצינד ביסטו אַ מיסטער,
און דיין היים איז ד אָ ר ט...
איך פאַרוויג דיין עלטער איצטער
אויף דעם אַלטן אָרט.

ס׳איז ניטאָ דאָ וואָס צו ברייען,
ס׳אַלטע אָרט איז ניי,
ביסט געקומען פון דער „פרייהייט״ —
זיין דאָ אויף דער פריי.

זיידע, זיידע, כאַפּ אַ דרימל,
רו די ביינער אויס.
קינד־און־רינד און ערד־און־הימל
ליגן אויף דיין שויס...

ס'איז אַמעריקע פאַרצויגן
מיט אַ שטאַרקן טשאַד,
אויף אַ קריג קוקט אויס די אויגן
יאַנקי דער מאַגנאַט.

און צי דען אויך ביי די יידן
זיינען לייט פאַראַן,
וועלכע האָבן פיינט דעם פרידן
און דאָס ראַטנלאַנד!

ס'כאַפּט אַרום דאָס האַרץ אַן אימה,
דאָס געוויסן מאָנט:
ניט פאַרגעסן קיינמאָל, קיינמאָל
אין די זעקס מיליאָן...

אונדזער באָבע ווישט די טרערן,
שלאָפט ניט דורך די נעכט:
ס'האָט איר זון פון שלאַכט פון שווערער
זיך ניט אומגעקערט.

און דאָס איז דאָך דיין זון אויכעט,
און מיין טאַטע אויך!
ביסטו שוין דעם קריג איצט מוחל!
גלויבסט דעם שוואַרצן כוח!

זיידע, זיידע, טאָרסט ניט דרימלען,
די געפּאַר איז נאָ'נט.
קינד־און־רינד און ערד־און־הימל
שרייט צו דיר און מאָנט.

איך זאָג

זאָג איך דעם מענטשן פון יענער זייט ים:
זע ווי די ליכטיקע וועלט איז געראַם.
זע ווי זי ליגט — אין דער לענג, אין דער ברייט
אָפן אַלצאיינס
סיי פּאַר פרייד, סיי פּאַר לייד.
אַלץ איז אין אַנהויב,
באַהאַלטן און רוי,

זאָג מיר דיין ווילן, און זיין וועט אַזוי.
ווילסט, אַז די וועלט זאָל אונדז שענקען איר פּראַכט:
אומר — געזאָגט
און ועושה — געמאַכט.

זאָג איך מיין חבר פון יענער זייט ים:
שיין דיינע צווייגן און שלאַנק איז דיין שטאַם.
שימל און מאָך אַרום דיר און אויף דיר —
בייקומען וועסט זיי מיט זאַפט און מיט ליכט.
ביידע מיר שטייען אין זוניקן גאָלד,
ברעכן דיין וואוקס האָב איך קיינמאָל געוואָלט.
נאָר דעם פאַרדאַרבער —

ניט גלויב אים, ניט טרוי,
זאָג מיר דיין ווילן און זיין ווערט אַזוי.
ווילסט, עס זאָל זיצן דער שפּאַרבער פּאַרשפּאַרט!
אומר — געזאָגט
און ועושה — געמאַכט.
זאָג איך מיין חבר פון יענער זייט ים:
דאָרט, ביי דער עלבע, אין פּייער און פלאַם,
האָבן מיר ביידע,
אין טויט און אין נויט,
ערלעך געשוואָרן,
און זיין זאָל אַזוי:
אויס מיט ברוגז און אויס מיט פאַרדאַכט:
אומר — געזאָגט
און ועושה — געמאַכט.

1962

דער אָנהייב און דער סוף

ערשטע ליד

ביטער איז דער רויך

מע צינדט שוין אויפן פעלד דאָס גראָז פון פאַראַיאָרן —
ביטער, ביטער איז דער רויך...
דאָס פעלד,
עס קאָן דען ווערסנע־צייט
דאָס אַלטע גראָז פאַרליידן ?
איז לאָמיר ביי דעם שייטער
זיך אַוועקזעצן
און צוואוואַרפן אַ צווייגל אויך,
ווייל מיר אַליין
די נייע גראָזן
וועלן שניידן.

ס'איז אונדזער פעלד
מיט שייטערס כל־ערליי אַרומגעשטעלט.
לעם סמאָלני,
אויף פּאַפּאַנינס קריע —
שייטערס, שייטערס...
אויך הינטער סטאַלינגראַד
קיין שייטערס האָבן ניט געפעלט,
און אויך אין וואָרקוטא...

זיי האָבן סיי דערוואַרעמט,
סיי דערווייטערט.

אויף קומען איצט אַהער,
וואו ס׳ברענט מיט רויך מיט ביטערן
דאָס פּאַראַיאָריק גראָז,
אויף קומען איצט אַהער,
די שייטערס מ׳האָט באַדאַרפט
אין וואָרקוטא
פאַרלעשן.
אוי, פרעגט ניט, פרעגט ניט,
וויפל ס׳האָט דער וועג אַהער געקאָסט,

אוי, פרעגט ביי יענע,
וועלכע זיינען דורכגעגאַנגען דאָרט
דעם וועג דעם לעצטן.

אין גרויסן גאַנג
געווען דאָס לעבן איז צו אונדז
סיי מילד,
סיי שטרענג.

אין גרויסן גאַנג
מיר האָבן אויסגעלערנט זיך
סיי האַסן
און סיי ליבן.

די פרעכע לייט,
וואָס האָבן שוין אין טאַטע־מאַמע ניט געדענקט,
רכילות האָבן אויף די זין פון פאָלק געטריבן.

געגאַן מיר זיינען איבער האַרטע הרודעס פיין, —
דעם ציל געזען מיר האָבן קלאָר.
אויף די פונדאַמענטן פון יענע טעג
מיר האָבן שוין אַ סך געבייען פאַרטיק,
און ס׳טוט אונדז וויי,
וואָס צווישן די געבוירענע אין זיבעצנטן יאָר
ניט ווייניק פאַלן שוין אַצינדער
פון אינפארקטן.

יאָ אויפן פעלד
אויף אונדזערן
מע צינדט דאָס גראָז פון פאַראַיאָרן —
ביטער, ביטער איז דער רויך...
דאָס פעלד,
עס קאָן דען וועסנע־צייט
דאָס אַלטע גראָז פאַרליידן?
איז לאָמיר ביי דעם שייטער
זיך אַוועקזעצן
און צוואַרפן אַ צווייגל אויך,
ווייל מיר אַליין
די נייע גראָזן
וועלן שניידן.

צווייטע ליד

אין אָנהויב

איבער דעם זכרון
גיי, ווי אויף אַ בריק.
זעכציק יאָר פאַרגאַנגען —
גיי זיי דורך צוריק.

אויף דעם האַלדז אַ שאַרפל,
ס'העמדל ניט געפּרעסט.
גייט נאָך אָן לאַמפּאַסן,
גלאַנצט נאָך ניט מיט מעש.

דאָרט אין סאַמע אָנהויב,
פון דער צייט געזאַלבט —
סאָסאָ דזשוגאַשווילי,
צוואַנציק יאָר ערשט אַלט.

פּאַר די יונגע אויגן
ס'אַלטע לעבן פליסט
אין דעם לאַנד ראסייע,
אין דער שטאָט טיפליס.

וואָס איז דאָ צו ריידן ?
וואָס איז דאָ ניט קלאָר ? —
ס'פלאָנטערן זיך שטראַלן
אין די שוואַרצע האָר.

דעם באַשליק צעלאָזן,
ווי ער וואָלט געשטיפט,
גייט ער איבער געסלעך,
גייט קאָנספּיראַטיוו.

זעט, דער בחור קאָכט זיך,
וויל דערגיין אַ טאָלק
אין די שווערעליידן
פון דעם אַרבעטס־פאָלק.

ס'גייט דערווייל ניט נאָך אים
קיין געהיימע וואַך,
אויף די קעגנער זיינע
האָט ער ניט קיין מאַכט,

און ער איז אַליין נאָך
ווי אַ ווייס פּאַפּיר.
ניט געשטעלט ביים לעבן
נאָך קיין דענקמאָל זיך.

קומט אַליין צו מענטשן,
רופט זיי ניט אַרויס,
איז זיי פריי'ר ניט חושד,
שטראָפט זיי ניט פאָראויס.

יאָ, ער איז אַליין נאָך
ווי אַ ווייס פּאַפּיר,
ניט געשטעלט ביים לעבן
נאָך קיין דענקמאָל זיך.

מיטאַמאָל — פּאַרבלאָנדזשעט,
אָפּגעשטעלט דעם טראָט:
דורך אַוועלכע הויפן
גיין צו דעם זאַוואָד?

סאָסאָ דזשוגאַשווילי,
אויב דו ווייסט ניט, — פרעג,
ווייל דו קאָנסט אַוועקגיין
אויף אַ קרומען וועג.

אין זאַוואָד עס זאַמלען
אַרבעטער אַ שטרייק,
מיט די ניט געוואַגטע
פירן זיי אַ שטרייט.

יאָ, צו דעם, וואָס וויל ניט,
בייז איז סאָסאָס שטים,
יאָ, כאָטש יונג איז סאָסאָ -
סטאַלין רעדט אין אים.

סאָסאָ דזשוגאַשווילי!
ס'קומט אַזוי גאָר אויס:
טראַכסט שוין פון דיין גרויסקייט,
כאָטש דו ביסט ניט גרויס.

אויב וועסט איצט ניט טרייבן
פון דיין האַרץ דעם שלאָף,
וועט אַ ווינט אַ פרעמדער
אויסהוילן דיין סוף.

דריטע ליד

דער וועג

אין מיין פאַרמעגן,
אין מיין זכרון —
וועלדער און וועגן,
לאָנקעס און באָרן,
סטעפּעס און טייגעס,
הימלען, טראַנשייען,
זאָרגן און דאגות,
פריידן און ווייען,
גליק און בייזוואונדער,
טייכן און גריבער —
דאָ כ'בין אַרונטער,
דאָרטן אַריבער.
הינטער דער פּלייצע —
וויאָרסטן און יאָרן,
וועגן זיך קרייצן
אין מיין זכרון.

אַלץ, וואָס געווען איז,
אַלץ, וואָס פאַרגאַנגען,
קאָן איך אַצינד
פון זכרון דערלאַנגען:
ווינטן און רעגן,
וויוגעס און שנייען,
שווערע געשלעגן,
רייכע טראָפּייען.

ליבעס — אין הערצער,
וואַרעמע שטערן,
יינגלשע שמערצן
גליקלעכע טרערן.
פּלוצים — אַ שוידער:
שמאָלע פאָנטאָנען,
כ'שטיי מיטן טויט דאָרט
פּנים־אל־פּנים.
שנאה, רציחה,
פיינטשאַפט און צאָרן —
טראָגט זיך אַ וויכער
אין מיין זכרון.
טראָגט זיך אַנטקעגן
שטאַרקער און גיכער,
טריישאַפט און לעבן —
וויכער נאָך וויכער!
פריינט מיינע גייען
רייען נאָך רייען,
דורך די זאַווייען
און דורך די ווייען.

האָט דען געקאָנט עס
סטאַלין פאַרהאַלטן?
האָט דען געקאָנט עס
סטאַלין צעשפּאַלטן?

ס׳קוקן פֿאַרוואונדערט
טייכן און גריבער:
דאָ כ׳בין אַרונטער,
דאָרטן אַריבער.
הינטער דער פּלייצע —
וויאָרסטן און יאָרן,
וועגן זיך קרייצן
אין מיין זכרון.
אַלץ, וואָס דעראָבערט,
קומט פֿון דעם שטרעבן:
פֿריער — אָקטאָבער
נאָכדעם — מיין לעבן.
גאָרנישט פֿאַרבייטן
כ׳וועל אין זכרון —
ניט יענע ווייטן,
ניט יענע יאָרן.
מיר — ניט געטריבן —
זיינען געקומען
צו די טורקסיבן,
צו קאַראַקומען.
יאָ, ס׳איז מיר היימלעך
אויף יענע וועגן:
פֿריער — דאָס היימלאַנד,
נאָכדעם — מיין לעבן.
קיינער וועט צוימען,
און ניט באַרויבן
ניט מיינע טרוימען,
און ניט מיין גלויבן.
פֿריינט מיינע גייען,
רייען נאָך רייען,
דורך די זאַווייען
און דורך די ווייען.

זאָט דען געקאָנט עס
סטאַלין פֿאַרהאַלטן!
זאָט דען געקאָנט עס
סטאַלין צעשפּאַלטן!

פערטע ליד

עלעגיע פון דעם צוויי און פופציקסטן יאָר

פרץ מאַרקישעס אנדענק

ער לעבט, ער לעבט.
איך היט פאַר אים דאָס ברויט,
און דאָ און דאָרט נאָך מיר דער גרויסער צער גייט.
פון וואַנען ווייס איך, אַז ער איז שוין טויט ?
מע האָט געזאָגט דען, אַז ער איז דער׳הרג׳עט ?

אַריין דער מערדער איז צו אים אין שטוב
אינמיטן נאַכט,
די הענט פאַרדרייט אויף הינטן,
פון דער רו געלאָזט קיין סימן.
אַ פייגעלע ס׳פאַרבלוטיקט העמד זיינס האָט צוריק געבראַכט —
ניט אויף דער אמת׳ן, נאָר אין מיין שווערן דמיון.

זיין ליד געלעגן איז צעטראָטן אויפן דיל.
ווער קלאַפּט אין טיר ? דאָס פייגעלע לאָזט דורך די רעוואָלוציע —
אָט די, וואָס האָט ניט נאָר אין קיסר׳ס ווילדקייטן געצילט,
נאָר אויך אין דעם, וואָס סטאַלינס ווילדקייט און זיין לוסט איז.

— נעם, פייגעלע, די ליד, אונטער דעם פליגל זי באַהאַלט,
און פלי אַוועק אין פאָלק, ווי אין אַ וואַלד.

ער לעבט, ער לעבט.
איך היט פאַר אים דאָס ברויט,
און דאָ און דאָרט נאָך מיר דער גרויסער צער גייט.
פוון וואַנען ווייס איך, אַז ער איז שוין טויט ?
מע האָט געזאָגט דען, אַז ער איז דר׳הרג׳עט ?

פינפטע ליד

ווען דעם בר-מינן, וואָס
מען באַגראָבט אים צוויי מאָל

דער גואל, דער גדול, דער נביא —
געווען, ווי גראַניט, איז ער שטאַרק,
געווען שוין מיט גאָט איז ער נאָענט,
מגושמ׳דיק שווער ווי אַ באַרג.

פון שטאָל און פון אייזן, ווי קיינער,
געמאַכט געווען וואָגיק און פעסט,
און איצט, מיטן ארון אינאיינעם,
ער וועגט, ווי געוויינלעך אַ מת.

מע טראָגט אים אַרויס פון דעם מאַרמאָר,
די פאָן האָט פאַרהויבן דעם קאָפּ.
עס קוקן דער סערפּ און דער האַמער
מיט גלייכגילט מיט קאַלטן אַראָפּ.

— חברימ׳לעך, כהאָב ניט פאַרשטאַנען...
זאָגט, ליבינקע, וואָס קומט דאָ פאָר?...
— מיר טראָגן אַרויס פון דאַנען
דאָס זיבן־און־דרייסיקסטע יאָר...

— וואָס איז עס? — אויף רחבות׳ן פרייע
מיט פריידן מע דריקט זיך די הענט...

— דאָס פאָלק האָט אַזאַ מין לוויה
אין לעבן נאָך קיינמאָל געזען.

— חברים, די שטוב אַז איר ריי‌ניקט —
וואָס לאָזט איר דאָרט איבער? זאָגט קלאָר.
— מיר לאָזן דאָ איבער אויף אייביק
דאָס זיבעצעטע יאָר.

זעקסטע ליד

לענין אויפן פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר

ניט אַזוי, ווי אין מעשות פירט זיך,
ניט דאָס בילד זיינס לעבט אויף אויף דער וואַנט, —
אין זאַל קומט אַריין דער פירער
מיט די מיטקעמפער האַנט־ביי־האַנט.

ער שפּאַנט מיט אַ מונטערן טראָט דאָ,
און די, וואָס גייען לעם אים,
פילן אויף זיך זיין אָטעם
און הערן לעם זיך זיין שטים.

און עמעצער זאָגט צו אַ חבר
מיט גלויבלעכן חידוש אין קול:
— וולאַדימיר איליטש קאַרטעוועט...
איך הער אים דאָס ערשטע מאָל...

ס'גייט לענין!
באַלויכטן, לופטיק,

פאַרגאָסן מיט כוואַיקן דופט —
די הויכע טריבונע רופט אים,
נאָר איידער אויף איר אַרויף,
דעם אָטעם פון זאַל פאַרשעפּט ער
און האָט, דאַכט זיך, איין פאַרלאַנג:
זיך צוזעצן אויף די טרעפּלעך —
פאַרשרייבן אויף גיך אַ געדאַנק...

עס וועט פון באַיכט ניט דרינגען,
אַז לענין איז דאָ געווען,
נאָר איך — אַ פּאָעט, אַ ייִנגער —
איך האָב אים אין זאַל געזען.

געזען אים מיט שילער גרייזע,
מיט וועטעראַגגען פון שלאַכט,
זיי האָבן דערלעבט דאָ בייזיין,
זיי האָבן אַהער געבראַכט
געהיימע פאַראָלן פאַרטרויטע,
גערויש פון מאַיאָווקעס פאַרטאָג,
דעם טרוים פון קעמפער געטויטע...

אָט הער איך ווי לענין זאָגט:
— אין בראַטסק, ביי די הויכע שוועלן
אַ קוואַל פון עלעקטרע זאָל זיין,
די ערטער פון קאַטאָרגע שווערער
פאַרפלייצט זאָלן ווערן מיט שיין...
ערשט נעכטן אַ ברעקעלע וועלט האָט
אויף פרעסניע מיט פרייהייט געפלאַמט.
היינט פריי איז די וועלט — —

פון דער עלבע
ביז דעם כינעזישן ים !.

און קיינער טראַכט ניט אין זאַל דאָ
וועגן דעם, אַז ניט ווייט, אויפן פּלאַץ,
ליגט לענין אין רו אין קאַלטער,
און אָפּגעשטעלט איז זיין האַרץ.
ער שפּאַנט מיט אַ מונטערן טראָט דאָ,
און די, וואָס גייען לעם אים,
פילן אויף זיך זיין אָטעם
און הערן לעם זיך זיין שטים.

1963

קאָסמישע פּאָעמע

ערשטע ליד

אין וועג

ניט גאָט אַליין און ניט קיין העלד.... (אינטערנאַציאָנאַל)

אין הימל
אין ניט באַטראַטענעם,
ווייטן,
אין געטלעכן הימל —
דער מענטש האָט געטראַכט,
אַז אפשר גאָר איצטער
די תקופות זיך בייטן,
אַזוי ווי עס בייטן זיך
טאָג און נאַכט.

די גיכקייט, די ווייטקייט האָט אים ניט געחידוש׳ט:
ווי משה רבינו, געוואוסט האָט ער פריי׳ר,
אַז ס׳וועט דער רבונו־של־עולם גוטברודערש
אים אָפּטרעטן ניסים אַצינד אָן אַ שיור.

ער האָט אויפן זיבעטן הימל דערפילט זיך
אַזוי, ווי אַ טרוימער אין לאַנד פון זיין טרוים,
דערפילט זיך אויף „דו״ מיט דער הויך
און אפילו
אַ ביסעלע העכער פון הייך און פון רוים.

צי איז עס פון זעלטענעם גורל אַ סימן,
פון גורל אַזאַ, וואָס בלויז אים איז פאַרטרויט?
געקומען אַ ליד איז אים אויפן זינען:
...ני באָג,
ני צאַר,
אי ני געראָי...

מיט יאָרן צוריק האָבן טאַטעס,
נאָך יונגע,
געטרייסלט די זיילן, געקערט אַ וועלט —
אויך דעמאָלט זיי האָבן די ליד געזונגען:
...ניט גאָט אַליין
און ניט קיין העלד...

און כאָטש מ׳האָט געשפּאַנט
אונטער היינטיקע פענער, —
דעם מענטש מע האָט דעמאָלט אין רוים ניט געשיקט,
ווייל ס׳איז אָט דער אויפטו ניט מעגלעך געוועזן נאָך,
ביז וואַנען עס האָט י ע נ ע ל י ד ניט געזיגט.

און איצט —
זיך דערזען אויפן זיבעטן הימל,
דערזען זיך ער האָט, ווי ער שטייט און גייט:
אין הימלשן אָנטאָן,
אין ערדישן קלימאַט,
אין ערדישן אויסזען
אויף הימלשער ברייט.

ער האָט זיך דערזען

און זיך גאָרניט פאַר׳חידוש׳ט :
ווי משה רבינו, געוואוסט האָט ער פרי׳ר,
אַז ס׳וועט דער רבונו־של־עולם גוטברידערש
אים אָפטרעטן ניסים אַצינד אָן אַ שיער...

צווייטע ליד

אויף דער לבנה

אין דעם איז די לבנה שולדיק. מעגלעך, זי איז צו נאָענט צוגעגאַנגען צו דער ערד און אַלעמען פון זינען פירט אַראָפּ (וו. שעקספיר „אָטעלאָ״)

די לבנה ניט געלאָזט האָט אונדז היינט שלאָפן :
די לבנה ברייטהאַרציק איז אָפן !
אָנגעטאָן אַ רויטן שטערן אויף דער זייט,
האָט זי זיך געגעבן היינט אַ נדר :
זי וועט לעבן לויט דער מאָסקווער צייט,
זי וועט לעבן לויטן מאָסקווער סדר.

און דער קאָסמאָנאַווט איז יונג, ראָמאַנטיש —
פרי׳ר געקוקט אויף דער לבנה אַנדערש,
זי געזען אין אויסגעטרוימטע נעכט,
אַ פאַרצויגענע מיט סודות, אַ באַטריבטע —
פאַר פאָעטן אַ געבענטשטע ערד
און אַ מקום־מקלט פאַר פאַרליבטע.

איצט האָט ער באַטראַכטן אירע שטיינער,
די נאָך ניט באַטראָטענע פון קיינעם.
ער האָט אויסגערעדט דאָס ערשטע וואָרט
דאָרט, וואו שטילקייט איז מיליאַרדניאָריק, —
ניט גערירט זי האָט זיך פונעם אָרט,
האָט ער זיך אויף איר צעשריען צאָרנדיק!

ס'האָט די שטילקייט אים געענטפערט טויב־פאַרדומפּן,
ווי דאָס טיפע טיאָכקען אין די זומפּן.
און כאָטש ניט געווען ס'איז קיין סכנה,
דאָך אַן עצה פרעגן איז אויך רעכט —
אויסגערופן האָט ער: „איך — לבנה!"
און מ'האָט אים געענטפערט: „איך — די ערד!".

יאָ, געווען די ערד איז נאָענט טאַקע...
ליבע, שיינע ערד אין זונען־פלאַקער,
יואַרעמע, פאַרקוטעטע אין גרינס,
היימישע און היימלעכע, געראַמע,
זי — דעם מענטשנס האַרנטע און דינסט,
זי — דעם מענטשנס שאַפונג און זיין מאַמע.

ווען אויף אַלע שטערן וואָלט א היים זיין,
ווען אינערגעץ וואָלט ניט זיין אונדז איינזאַם —
דאָך די ערד וואָלט בלייבן אונדזער קאַנט,
גאָרניט וואָלט פאַרבייטן זי ניט קענען,
ווייל אויף איר איז דאָ דאָס ראַטנלאַנד,
ווייל עס איז אויף איר געבוירן לענין.

די לבנה ניט געלאָזט האָט אונדז היינט שלאָפן :
די לבנה ברייטהאַרציק איז אָפן !
אָנגעטאָן אַ רויטן שטערן אויף דער זייט,
האָט זי זיך געגעבן היינט אַ נדר :
זי וועט לעבן לויט דער מאָסקווער צייט.
זי וועט לעבן לויט'ן מאָסקווער סדר.

דריטע ליד

ע ר ד י ש ע מ ח ש ב ו ת

עס האָבן צעפינקלט זיך פלוצים די שטערן — שוין ני'ט
אין די נעכט. זאָל לעבן די רעוואָליוציע אין הימל און אויף
דער ערד. (סערגעי יעסענין)

ערגעץ ביים „ים פון קלאָרקייט",
צי ביי אַ „ים" אַ צווייטן —
(שטיינער און שטויב און חושך,
קיין וואַסער ניטאָ און קיין לופט) —
דער קאָסמאָנאווט איז באַצויבערט :
אַן אויפגאַנג נעמט ברייט זיך שפרייטן,
אַן ערד־אויפגאַנג אויף דער לבנה...
— די ערד ! די ערד גייט אויף !

דער מענטש פון יענער פלאַנעטע,
דער ערד־מענטש
ווישט אויס די אויגען.
אפילו פונדאַנען זעט ער,

ווי גרויס זי איז און ווי יונג,
די קנייטשן פון מאַטעריקן
מיט בלוילעכן טרוים פאַרצויגן.
און נאָענט אַזוי אירע טייכן —
בייג אָן זיך און טו אַ טרונק.

פאַרהאָרעוועט, שטאַרק פאַרנומען,
אין גרויסע ריטמען פאַרקייטלט.
די ריחות אויף איר פאַרשיידן:
בלומען
און שווייס
און בלוט.
די זין אירע און די טעכטער —
זיי שעפן אויך אָפּט פון גרייטן,
און זעלטן זיי פרעגן אָן זיך,
צי מיד זי איז,
צי זי רוט...

מע שטעלט איר אויך צו אַ חשבון,
ווי געווען זי וואָלט עפּעס שולדיק.
מע שטופּט זי אונטער,
מע טאָרקעט זי,
מע בעט ביי איר און מע שרייט,
און זי, די נאַטור, וויל ניט איילן —
עס וואַרעמט די זון געדולדיק,
דאָס ברויט אין פעלד וואַקסט פּאַמעלעך,
עס טוט זיך ניט פאַר דער צייט.

דעם קאָסמאָנאווט איז נאָענט
דער אָטעם פון זיין פּלאַנעטע,
דאָרט פליען מיליאַסן פייגל,
דאָס גראָז הויבט זיך אויף און וועלקט,
די חיות אין וואַלד,
די מענטשן
טראָגן זיך, יאָגן זיך, עטעמען —
און דאָס איז דער גרויסער אָטעם
פון איר, פון דער ערדישער וועלט.

פאַראַן אין דעם אָטעם אירן
כוואַליעס, וואָס ברייט און פלוצים
שפּרייטן זיך אויס אויף לענדער,
שפּרייטן זיך אויס צעהעלט —
דאָס איז דער גאַנג פון די פעלקער,
ס'פייער פון רעוואָלוציעס,
דאָס איז דער גרויסער אָטעם
פון איר, פון דער ערדישער וועלט.

ערגעץ ביים „ים פון קלאָרקייט",
צי ביי אַ „ים" אַ צווייטן —
(שטיינער און שטויב און חושך,
קיין וואַסער ניטאָ און קיין לופט) —
דער קאָסמאָנאַוט איז באַצויבערט:
אַן אויפגאַנג נעמט ברייט זיך שפּרייטן,
אַן ערד־אויפגאַנג אויף דער לבנה...
— די ערד! די ערד גייט אויף!

פערטע ליד

ניטאָ קיין גאָט

פאַרשטייט זיך, אַז מע דאַרף מיט אָפּשיי באַציען זיך צו די געסער,
נאָר בעסער פון אַלץ איז ניט אַריינטרעטן מיט זיי אין קיין ענגע
צווישן באַציאונגען... (קאָנפוצי)

ס׳קוקט די ערד אין דעם הימל
אַ שטאָלצע, אַ פאַרגאַפטע.
אויף דער ערד איז יום־טוב —
רום די קאָסמאָנאַווטן!

גוט איז אויפן האַרצן,
סטייעט שפּאַס פאַר יעדערן:
— אוי, זיי זיינען דאָרטן וואָגלאָז, ווי די פעדערן...

נאָר דאָס לעבן וואָג האָט,
און מע נעמט פאַרפלאַנצן עס.
אין דעם קאָסמאָס אַרבעטן אַלע ראַדיאָסטאַנציעס...

מע דערציילט, אַז דאָרטן,
ביי דעם „ים פון קלאָרקייט״,
האָט דער מענטש אין זיינע קעשענעס געפּאָרעט זיך
און אַרויסגעטרייסלט...
יאָ, עס איז אַ סברה,
אַז ער האָט אַ זשמעניע קערנער דאָרט פאַרלאָרן...
אָט די קערנער זיינען פון ריאַזאַן אוודאי,
צי פון אוקראַינע,

צי צעלינאָגראַדער...
וואָס געשען איז ווייטער,
וואָס וועט שפּעטער ווערן —
פרעגט ביי דער לבנה, ביי די ווייטע שטערן...

יאָ, דאָס לעבן וואָג האָט.
וויפל כוחות קאָסט עס!..
ווידער פליען מענטשן — ווידער אין דעם קאָסמאָס.

קומט צו לויפן אייליק אין זיין שוואַרצער ריאַסע —
ווייסט איר ווער?
אַ גלח! —
און ער איז אינקאַעס:
— באָזשע אופּאַסי!... די אַנטיקריסטן לאָזט ניט!..
לעבן דאַרף מען הי!..
און ס'איז ניטאָ קיין קאָסמאָס!..
— גאָט — ער איז פון אויבן,
מיר — זיינען פון אונטן.
וואוהין וועט דער אַלמעכטיקער אין קאָסמאָס זיך אַהינטאָן?
וואָס וועט זיין, אויב מענטשן,
לעבעדיקע פליער,
וועלן אין גן־עדן מיטאַמאָל פאַרפליען?
ספּוטניקעס — אום יום־טוב,
ראַקעטעס — אינדערוואָכן,
איבערפאָרן וועלן זיי אין הימל די מלאכים...
באָזשע אופּאַסי!... די אַנטיקריסטן לאָזט ניט!...
בלייבן דאַרף מען הי!...
און ס'איז ניטאָ קיין קאָסמאָס!..

נאָר דאָס לעבן לאַכט:

אין קאָסמאָס מע פּאַרפּלאַנצט עס...
אין דעם הימל אַרבעטן אַלע ראַדיאָסטאַנציעס.
זיי, די קאָסמאָנאַווטן, ראַפּאָרטירן זיכער:
— ס'איז ניטאָ אין הימל פון קיין גאָט קיין זכר!

קומט צו לויפן אייליק, קומט אין זיין קאַפּאָטע —
ווייסט איר ווער?
אַ רב גאָר! —
ווי אַ שוואַרצער שאָטן:
— האַלט נאָר אָפּ דאָס פליען!...
וואַרט נאָר צו אַ ווײַלע!...
פּסק'ענען איך וויל דעם קאָסמאָנאווט אַ שאלה.
אָט, למשל, פרעגט זיך, צי מע וועט דאָרט קאָנען
אָפּהיטן דאָס יידישקייט — דאָרט אויף דער לבנה!
גרויס איז דער לבנה'ס טאָג,
מיט הכל־פּאַקל —
ערדישע צוויי וואָכן, פערצן טעג סך־הכל:
איז אים אונדזער טאָג קיין פּאָר
און אויך קיין מאָס אים —
יעדן טאָג מ'דאַרף דאָרטן פּראַווען צוויי שבתים!

— איצטער נאָך אַ שאלה,
אויך אַ וואַזשנער עסק —
צי עס טויג דער בלויער קאַנט אויף די טליתים.
בלוי ביי אונדז דער הימל — קלאָר איז יעדן, דאַכט זיך,
אָבער ד אָ ר ט דער הימל איז ווי פּעך אַ שוואַרצער...

דאַרף מען אויך די ברעגעס אויף דעם טלית בייטן,
און ניטאָ וואָס חקירה׳ן,
אוו ניטאָ וואָס שטרייטן!

— און די שווערסטע שאלה —
ענטפערט אויף נאמנות:
ווי אַזוי מחדש זיין זי, די לבנה,
ווען אַליין ביסט דאָרטן,
דאָרט אויף דער לבנה?

און דאָס לעבן לאַכט:
אין הימל מע פּאַרפּלאַנצט עס...
אין דעם קאָסמאָס אַרבעטן אַלע ראַדיאָסטאַנציעס:
— גאָט און די מלאכים,
שבת און טליתים —
פינצטערע חלומות,
לעבעדיקע מתים.

ס׳קוקט די ערד אין הימל
אַ שטאָלצע, אַ פּאַרגאַפטע,
אויף דער ערד איז יום־טוב —
רום די קאָסמאָנאַווטן!

פינפטע ליד

א י י ג נ ם

שלעפּעניש, אַרומוואָגלעניש און קבצניש... (מענדעלע מוכר ספרים)

אַ קליינטשיקער, אַ גרייזער —
מיין זיידע יונה־ליבער
געמאַכט האָט זיינע רייזעס
קיין וויניצע פון ליובאַר.

געשלעפּט האָט זיך פּאַוואָליע
קיין טשודנאָוו און קיין קריטשעוו —
פון שטעטל אָסטראָפּאָליע
און ביז צום כרך באַרדיטשעוו.

אַמאָל אַ ביסל נעענטער,
אַמאָל אַ ביסל ווייטער —
נאַטירלעך, ס'האָט געווענדט זיך
אין כוח
און אין דעם בייטל.

וואָס דאַרף אַ ייד גאָר פּאָרן ?
וואָס דאַרף אַ ייד גאָר האַוועון ?
ער לעבט זיך אויס די יאָרן
ביים בענטשן און ביים דאַוונען.

פּאַרענטפערט ער זיך גערן :
אַ קשיא אויף אַ מעשה...
מע שפּאַנט איבער גובערניעס ?
מע גייט איבער די הייזער !

איך טראַכט וועגן מיין זיידן,
און וועגן טאַטן קלער איך —
עס וואָלט זיי איצטער ביידן
געווען אַ ביסל שווערלעך.

געוואוינט צו יענע מאָסן,
געוואוינט די טריט צו שפּאָרן,
און איצטער
אין דעם קאָסמאָס
מע וועט מיט מזל פאָרן.

מיין טעכטערל
אין דרימל
אַ חלום זעט לעת עתה:
דאָס טעלערל פון הימל
וועט ברענגען איר דער טאַטע.

ס'געפעלט מיר די כוונה,
דער טרוים אויף שטאַרקע פליגל.
אָט ברענג איך די לבנה
מיין טעכטערל אין וויגל...

כ'וואָלט אָפּגעלייגט אויף שפּעטער,
די שעה איך וואָלט פאַרביטן, —
נאָר ס'זיינען די סאָוועטן
אַרויס אויף דער אָרביטע!

אויף אָט דעם וועג דעםברייטן
איך זע אויך זיי מיט חידוש:
מיין טאַטן און מיין זיידן —
איך זע דאָס פאָלק דאָס יידישס.

זעקסטע ליד

עס זינגען קאָסמאָנאוטן

די ערד מיר האָבן אָפּגעבונדן פון די קייטן,
אַ שטויס געטאָן זי צו די הימלען שטראָם־אַרויף.
מיר זיינען ניט געגאַנגען זי באַגלייטן —
אַליין מיטביידע פיס אויף איר אַרויף.

דערווייל איז אונדזער וועג — ביז דער לבנה,
נאָר אויב דער מענטש גייט אין דעם רוים אַוועק,
וועט ער דער מאַמע־ערד, ווי אַ מתנה,
אַ טשאַטע שטערן צוטרייבן צום ברעג.

ווער זיינען מיר?
— מיר זיינען זין פון מאָסקווע.
וואָס טוען מיר?
— מיר האָבן פעסט און צאַרט
די האַנט אַוועקגעלייגט אויף אַקסל פונעם קאָסמאָס,
צו וועלטן אַנדערע די רויטע פאָן געבראַכט.

1962

אינהאַלט

1. אָנהייב

דער מענטש 9
געבאָרן אין דער טייגע 14
מיר זיינען דורכגעגאַנגען 17
פרילינג אין מיין קאַנט 18
איר האָט נאָך קינדער ניט געזען 21
היים 24
צווישן צוויי סטיכיעס 33
מעדוויעזשי באָר 36
איך וויל איצטער יאָגן 37
דער מילכוועג 39
צוויי רוישיקע באַנען 41
געלויבט זאָל זיין 42
אין וואַלד 44
די ליד פון שטייגן 46
אין אַעראָפּלאַן 47
עקזאָטישע טייגע 49
ביים קוואַל 51

2. מלחמה

ווען פלאַמען ברשעווען 55
דער פּאָנטאַן 56
נאַטיורמאָרט 57
איבער וועגן די סטאַדעס בלאָנקען 58
אַ סעורה ביים שייטער 59
דאָס רוסישע פעלד 62
ביים קוואַל פון דער קינדהייט 63

לידער פון מיין פעלד־ביכל

דער דיכטער אויפן פראָנט 64
שורות אָנגעשריבענע דעם 22־טן יוני 1941 65
די פליג 66
ווי צעלייגט מען אַ פייער 67
אַ שאָס 68
פּאָנטאָנען 69
יושר 70
אַ טרוים 71
די נאַכט אַטאַקע 72
פּייזאַזשן 1941 73
סאָלדאַטישער האַרבסט 74
איך גיב אַן ענטפער דעם געוויסן 75
אין אַ נייער דירה 76
געמיטלעכער שטייגער 77
די וועטשערע 78
אָלדענער אָסיען 79
„אָנזאָטלען אַ וועג" 80
אויף אַ זאַמדיק אָרט 81
די לעצטע קויל 83
דער אומבאַוואוסטער זעלנער 84
אין וואַלד אויף אָפּרו 85
פראָסט 86
אַ מתנה 87
פאַרוואָס דעם זעלנער זיין מקנא 88
פאָרגעפיל פון אָנגריף 89
דער סוף פון שלאַכט 90
אַרויפגעטראָטן אויף דעם שונאס ערד 91
אַזוי ווי די דעמבן אין שטורעם 92

מײַן געמיט ... 93
נאָך יעדן שפּאַן פאָראױס ... 95
פון דעם אַ שװערער שפּליטער ... 96

עס לעבט דער באַטאַליאָן

עס לעבט דער באַטאַליאָן ... 97

לידער װעגן טױט

מאָריטור, טרױער ... 99
אַ שמועס מיטן טױט בײַ דראָט־פאַרצױמונגען ... 100
העלדנטאַט ... 100
װאַלד ... 102
דאָרשט ... 103
פּעטערהאָף ... 104
אין פעלד־שפּיטאָל ... 105
דאָס לעצטע װאָרט פון אַ רײַטער ... 106
אומקער צום לעבן ... 107
אַ װאָרט צו די לײענער ... 109

דער װעג צום זיג

צװײ־און־צװאַנציקסטער יוני 1941 ... 112
שנײט־צײַט 1941 ... 114
דעם זעלנער שװער באַגרײַפן איז ... 115
האַרבסט, לבנה ליכט ... 116
דעם זעלנערס מוטער ... 117
אַ טרער מײַן פרײַנט טוט קײנמאָל מיר ניט באַנג ... 118
אין שונאס הינטערלאַנד ... 119
דו פרעגסט, צי איך שרעק זיך ... 120
דער גורל ... 122
זעלנער ... 123
ס׳איז געשלאָסן מײַן אױג ... 125
דער װעג צום זיג ... 126
איצטער זײַנען מיר עלטער ... 127
בענקשאַפט נאָך ביראָבידזשאַן ... 128
מײַן לױן ... 129
פרײַנטשאַפט ... 130
די װעװערקע ... 131
אַ רעגן, אַ גאָס אין די ריװון ... 132
צװײ דעמבן ... 133
אַ בריװ פון בערלין קײן ביראָבידזשאַן ... 134
װידער אין דער הײם ... 136
דאָס ערשטע מאָל ... 138
אין דער הײם ... 139

3. פון אלף ביז תיו

פּאָעמע פון אַלע פּאָעמעס ... 143
טרעבלינקע ... 144
כ׳האָב אױסגעמיטן דעם לובלינער ... 147
דערמאָן זיך מײַן טאַטע אין קריג ... 148
אַ טאָג פון אָפענע הערצער ... 149
אין אײגן פעלד ... 152
פון באַרג איך בײג אַראָפּ זיך ... 154
די װעלט ... 155
אליבי ... 157
דער הױכער באַרג פון דעם האַרצן ... 158
די שנאָרערס ... 159
אַ פאַרגעסן װאָרט ... 160
אַן אַלעגאָריע ... 161

אַ מאָדנער האַרבסט געווען ... 162
מיין האַרץ האָט שוין געקלאַפּט ... 163
כ׳האָב אויפגעהאָנגען ... 164
כ׳לויב דעם הונט ... 165
שפּע ... 166
בענקשאַפט ... 167
וויטשעגדא ... 168
ער האָט חטאים אָן אַ שיעור ... 169
דער וועג פון ערגעץ אַנדערש ... 170
אפילו ווען איך זיך ... 171
די מוטער אַזיע ... 172
איך דער אַזיאַט ... 174
טייגע און דזשאָנגלס ... 175
אין גוסרעגן ... 176
אויב דו דאַרפסט מיך זוכן ... 177
אין וועג ... 178
רו שוין אָפּ זיך ים ... 179
דו זע נאָר ווי עס קאָכט ... 180
אַ רעדע צו די פּאַריזשער איינוואוינער ... 181
דאָס געזאַנג וועגן קינדערשן געוויין ... 185
נו, איז וואָס ... 188
ע ל ע ג י ע ... 189
ה אַ ר ב ס ט ... 190
פרילינג ... 191
סטאַרע זיך ניט זיין אין טרויער שיין ... 192
ס׳פאַרגייט אויף מיר די צייט ... 193
אַ שלאָפלאָזע נאַכט מאַכט ניט לענגער ... 194
אַ קורצער שאַרפער פייף ... 195
אַ וואונטש ... 196
אַ הונדערט־איין־יאָריקער ... 197
אָן אַ שטיין ... 198
שפּיל, סאָלאָוויטשיקל, שפּיל ... 200
אַ שלעכטער געדאַנק ... 202
אַ דור קומט, אַ דור גייט אַוועק ... 203
צו אַ פריינט ... 204
ניינטער וואַל ... 205
די ליד פאַרפלייצט האָט אַלע ברעגן ... 206
ערב אַ פאָלקס ציילונג ... 207
ערב ווינטער ... 208
אוצר ... 209
קום אַריין אין מיין וועלט ... 211
פון אלף ביז תיו ... 212
געזאַנג פון גלוכאַר ... 213
כ׳וועל דיר ערבות־געלט באַצאָלן ... 214
פאַרגעסט ניט, אַז אין אייער מענטשן־קייט ... 215
איך רו ניט בייטאָג, איך רו ניט ביינאַכט ... 216
וויש אויס די שויבן פון דיין ליד ... 217
קום איך אין דעם וואַלד ... 218
און אויב פון היימלעכקייט אַ זכר ... 219
וואו איז דער מענטש ביי לעוויטאַנען ... 220
ס׳איז פאַרהיט אין דער וועלט ... 221
די טענצעריין ... 222
די ליד, וואָס האָט ערשט ... 223
אַ שאלה ... 224
ווען זיין וואָלט איך אַזאַ ... 225
נאָך אַ שטורעם ... 226
דער גרויסע גלאָק האָט ניט געקלונגען ... 227
כ׳האָב אויך ווי דו, מיין אייזעלע ... 228
צי אַרויס די ווענטקע ... 229

דער פידלער הערט זיך צו 230
עס טרעפט אַמאָל 231
מאַרק שאַגאַל 232
גייט אַ מענטש אויפן וועג 233
די סאָווע 234
זאָלן מענטשן ריידן ווי זיי ריידן 235
כ'האָב געהערט דעם גלוקאָר 236

ליבע

די פרוי 237
פאָרגעפיל 238
ספירא 239
ווינטער 240
וועגערע 241
וועגערע האָט ניט קיין באַגלייטער 242
אַ שפּעטע ליבע 243
דאָס מיידל שפּיליעט צו דעם זאָק 244
פּאָעמע וועגן פּרוויאישע הענט 246
דער הימל דעקט זיך אָפּ 247
מיידל, איך האָב דיך ליב 248
וועגן „יאָ" און וועגן „ניין" 249
צעשיידונג 250
צו אַ פרוי 251
געקומען אויפן אָרט 252
ווי אַ ווינט, וואָס בלאָזט 253
אַ ליד וועגן שיינקייט 254
די מיאוסע 255
נייט'ערנס און מאַנקענשעס 256
אַך ווי דער טיגער 257
מיר שושקען זיך אין דער פינצטער 258
די מאַמע וויל ניט פאָרן אויפן מאַרק 259
ליבע אין טראַנשיי 260

פיר פּאָעמעס וועגן דער צייט!

דאָס געזאַנג וועגן יוסף בומאַגין 269

איך רעד צו דיר אַמעריקע'

די בערעזע און די עמפּאיר סטעיט בילדינג 284
אַ בלעטל פון מיין טאָגבוך 288
קום צו מיר אַהיים 291
„דו יו לאַיק אמעריקאַ"? 293
דאָס אייניקל זינגט אַ וויג־ליד דעם זיידן 299
איך זאָג 302

דער אָנהויב און דער סוף

ביטער איז דער רויך 304
אין אָנהויב 306
דער וועג 309
עלעגיע פון צוויי־און־פופציקסטן 311
וועגן דעם בר מינן 132
לעגין אויפן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר 313

קאָסמישע פּאָעמע

אין וועג 316
אויף דער לבנה 318
ערדישע מחשבות 320
ניטאָ קיין גאָט 323
איינגנס 328

עס זינגען קאָסמאָנאַווטן 329